STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03645

HAYIM LEDERERS TSURIKKUMEN

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

חיים לעדערס צוריקקומען

פארלאג „קולטור־ליגע"ווארשע

צוליב דער אײנהײטלעכקײט פֿון דער אויסגאַבע
געדרוקט מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפֿיע

PRINTED IN POLAND

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן. װאַרשע, 1927

SZ. ASZ, SZRIFTEN

Copyryght by Szołem Asz, New Jork

Wyd. „Kultur Liga" Warszawa 1927

זעצערײ גרינבערג, נאָװאָליפּיע 30, טעל. 239-23

Drukarnia „Grafia" Nowolipki 22

I

חיים לעדערער׳ס קאַריערע

צומאָרגענס, נאָך דעם גרויסען יום־טוב, וואָס איז געפייערט געוואָרען לכבוד דעם זעכציג־יעהריגען געבורטס־טאָג פון חיים לעדערער, — האָט דער אַלטער לעדערער נישט געהאָט וואָס צו טהון. די גרויסע פייערונג איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די זאַלען פון די גרויסע האָטעלען פון דער שטאָדט, מיט אַ כשר׳ער קיך, מיט רעדעס פון אַ ראַבינער און פון מיסטער גראָסמאַן. זיין פערזיכערונגס־אַגענט (וואָס איז אַ בעוואוסטער כלל־טהוער) — איז נישט געווען בלויז צוליעב דעם, וואָס מיסטער לעדערער האָט דערגרייכט זיין זעכציגסטען געבורטס־טאָג. דעם ציפער „זעכציג" איז נישט געווען אַקוראַט. אייגענטליך האָט מיסטער לעדערער געהאַלטען שוין אַריבער די זעכציג און מיט אַ גוטען סמיטשיק אויך. און אייגענטליך האָט ער נישט גאַנץ ריכטיג געוואוסט זיין געבורטס־טאָג אויך (די גאַנצע מעשה מיט אַ געבורטס־טאָג האָט זיין ווייב שפּעטער אויסגעטראַכט. ווען ס׳איז זיי שוין גוט געגאַנגען, האָט זי פאַר מענשענס־וועגען אָנגעהאָנגען איהם אַ געבורטס־טאָג, אַנ׳אויסגעטראַכטען מיטוואָך אין מיט׳ן אַ יאָהר). נאָר דער עיקר יום־טוב איז געפייערט געוואָרען צוליעב דעם, וואָס דער שעף פון דער גרויסער העמדער־פירמע אויף בראָדוויי איז אָבגעטראָטען פון די ביזנעס. איבערגעגעבען די פירמע זיינע צוויי אויסגעגעבענע זיהן. בעזאָרגט צוערשט, פערשטעהט זיך, זיין געהעריגען אַנטייל

אין איהר אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען און פאַר זיין פרוי נאָך זיין טויט און אויך רעזערווירט אַ בעדייטענדע סומע אלס נדן פאַר זיין אונפערהייראַטער טאָכטער, וואָס איז נאָך געוועזן מיט זיי אין דער היים...

דער אַלטער מיסטער לעדערער איז געוועזן אַ מענש פון טעטיגקייט. פאַר די לעצטע פינף און צוואנציג יאָהר, צייט ער בויט די פירמע, איז נישט געוועזן איין טאָג, וואָס ווען לעדערער האָט זיך אויפגעכאַפּט פריהמאָרגענס, זאָל ער נישט וויסען צו וואָס ער זאָל זיך נעהמען. זיין אַרבייט האָט שוין געוואַרט אויף איהם. און ווי אַ פערד אין כאָמוט אריין, אַזוי האָט ער זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין קעסעל פון ביזנעס. קוים אַריינגעכאַפּט דאָס גלעזעל קאַפּע, וואָס ער איז געוועהנט געוועזן צו טרינקען יעדען פריהמאָרגען נאָך פון דער אַלטער היים אָן. מיט אַ שטיקעל צוקער פערקייעט, שטעהענדיג אויף איין פוס, האָט ער שוין מיט איין האַנד געהאַלטען דאָס נאָטיץ-ביכעל, אין וועלכען ער האָט געהאט פערשריבען אַלע ענינים, וואָס ער האָט אָבצוטהון אין דעם הייגטיגען טאָג: וואָס פאר אַ צאָהלונגען ער האָט צו מאכען, פון וועמען ער האָט צו ערוואַרטען געלד, מיט וועמען ער האָט בעשטעלונגען געמאַכט צו טרעפען זיך, מיט וועמען ער וועט עסען „לאָנטש״ א. ד. גל. זיין קאָפּ האָט שוין געהאַלטען אין איין שפּינען געשעפטען פאַר דער פירמע „לעדערער ענד סאָנס״. אַרויס פון שטוב, פערשלונגען געוואָרען ערגעץ אונטער דער ערד — אין אַ מויל פון אַן'אונטערגרונד-באַהן, מיט טויזענדער, צעהן-טויזענדער זיין-גלייכען, וועלכע זענען צוזאַמענגעקוועטשט געוואָרען אין דעם בויך פון דער אייזערנער חיה, איז ער מיט זיי, מיט דעם אימפּעט פון אַ בליץ, געפלויגען אונטער דער ערד אונטער וואַסערן, אונטער הייזער. ביז זיי זענען אויסגעשפּיגען געוואָרען יעדער אויף זיין גאַס, יעדער אויף זיין פּלאַץ פון אַרבייט. געוועזן אַ גאַנצען טאָג פערקאַכט אינ'ם הו-הא פון געשעפט, אַרויף פון דער „ביזנעס״

אין שאַפּ, פון שאַפּ אין די ביזנעס צוריק. צוריסען געוואָרען אויף צעהן טויזענד שטיקלעך אַ טאָג פונ׳ם טעלעפאָן: איינעם אַ „העלאָ״ מיט אַ ברייטען שמייכעל, דעם צווייטען אַ טרוקענעם „קען גאָר נישט טהון״ פון אַ גלייכגילטיגען פנים. דעם אַ לאַך, דעם אַ בייזער. א ציגאַר געגעבען, א ציגאַר גענומען. א רייזענדען אַוועקגעשיקט, אַנ׳איינקויפער אויפגענומען. שפּעטער, ווען די פירמע האָט זיך אַרויפגעאַרבייט — געגעסען „מיטאָגען״ און געשלונגען געשעפטען. די גאס האָט איהם צוריק אַהיים געשיקט מיט׳ן אָווענטצוג, א טויט־מיעדען. קוים געהאַט צייט דאָס עסען אַריינצוכאַפּען, האָט ער אַמאָל פערקייט מיט אַ פאָרשטעלונג פון אַ „קינאָ״, וואָס די משפחה האָט איהם, געגען זיין ווילען, געשלעפּט זעהן; אָפטמאָל — אַ „פערשלעפּטע קרענק״. אַ מיטינג פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון דער אַלטער דאון־טאונער בעקאַנטשאַפט נאָך (געגען דעם ווייב׳ס ווילען און אויף די קינדער׳ס פערדרוס, וואָס ער האַלט נאָך אָן מיט זיי), אָבער אַממעהרסטען האָט ער זיך געלאָזט בעגנוגענען מיט אַ צייטונג אין בעט אַריין, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען אין די אָרעמס פון שלאָף. ער איז אָבגעלעגען אין אַ טיעפער נאַכט אָהן אַ חלום, אָהן פערלאַנגען, אָהן וואונשען, אָהן בענקעניש, ביז דער מאָרגען האָט איהם ווידער, ווי אַ הונט אויף דער קייט, דערמאָהנט אָן זיין אַרבייט...

דעם טאָג נאָך דער פייערונג האָט זיך מיסטער לעדערער אויפגעכאַפּט און האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טהון. און עס איז איהם גוט געווען. אויך דער טאָג איז איהם פאָרגעקומען ווי זונטאָג. געלעגען ביז מיטאָג מיט דער צייטונג אין בעט. אָבגעגעסען, האָט ער זיך ווידער אוועקגעלעגט מיט דער צייטונג אויף דער וועראַנדע. שפּעטער האָט מען געפּלאַנט אַנ׳אַרויספאָהר מיט׳ן אויטאָמאָביל נאָך קוני־איילאַנד, כאָטש עס איז געווען אַ רעגענדיגער טאָג, אַזוי ווי מען טהוט עס יעדען זונטאָג, אַבי אויספּילען דעם טאָג, ביז עס וועט אָווענד ווערען, אַבי נאָר

אויסצוהאַלטען, און נישט אַמאָל אַליין אַרונטערפּאָהרען קיין דאון־טאון, אָדער כאָטש אָנקלינגען צו גוסבוים'ען, זיין בעגלויבטען מענשען, וואָס ער האָט אין געשעפט: „וואָס הערט זיך?", צו וועלכען דער אַלטער לעדערער האָט גרויס חשק געהאַט, שוין פון ערשטען טאָג אָן, וועלכען ער איז געזעסען אין דער היים, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר די קינדער, און מעהרסטענס פאַר זיין עלטערען זוהן מאָריס.

אייגענטליך איז מיסטער לעדערער אַ ביסעלע צו־פריה אַוועק פון „געשעפט". ער האָט נאָך גענוג ענערגיע געהאַט, און איז נאָך גענוג בעוועגליך געווען און אונטערנעהמונגס־לוס־טיג, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער (וועלכע ער האָט אַליין נישט געוואוסט, אָדער נישט געוואָלט וויסען) — אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון לעבען און, ווי די אַלטע „מושב־זקנים"־לייט, אַוועקזעצען זיך אין דעם היים און וואַרטען אויפ'ן טויט. לע־דערער'ס אַוועקגעהן פון געשעפט אַזוי פריה איז געקומען אונערוואַרטעט נישט בלויז פאַר זיינע פריינד, נאָר אויך פאַר זיין אייגענער משפחה. דער עלטסטער זוהן מאָריס האָט די ידיעה אויפגענומען נישט נאָר „בעדויערענד"־צושטימענדיג, נאָר אפילו פאַר דרך־ארץ וועגען איז ער נישט פעהיג געווען צו־בעהאַלטען זיין פרייד, וואָס דורך זיין פאָטערס אַוועקגעהן וועט ער ווערען דער „שעף" פון דער גרויסער פירמע אויף בראָדוויי און קענען דורכפיהרען זיינע אייגענע פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט וועגען די ביזנעס, (וועלכע דער פאָטערס שטאַרקע האַנד האָט נישט צוגעלאָזט צו פערווירקליכען) און זעטיגען זיינע אייגענע אַמביציעס. דעם צווייטען זוהן, וועלכער איז געווען אַ „הולטיי" און גאָר קיין איבעריגען אינטערעס אין ביזנעס נישט געהאַט, איז עס געווען אַלץ איינס. דאָס ווייב מיט דער טאָכ־טער זענען צוערשט איבערראַשט און טרויעריג געוואָרען, גע־פיהלט זיך אַביסעל ווי אונזיכער, נאָר דערנאָך האָבען זיי גע־פונען, אַז דעם טאַטענס בעשלוס איז זעהר אַ גוטער און אַ

פּאַסענדער און פּאַלט צונויף מיט זייערע אייגענע פּלענער, וואָס זיי האָבּען געהאַט וועגען רייזען.

מיסטער לעדערער האָט שטענדיג געהאָפּט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען ער וועט האָבּען גענוג געלד צום לעבּען, וועט ער אַוועקוואַרפען די „ביזנעס" און וועט זיך נעהמען צו גאָר עפּעס אַנדערש. צו וואָס, אייגענטליך, ער וועט זיך נעהמען, קען מען נישט זאָגען, אַז דאָס איז געווען פאר מיסטער לעדערער אינגאנצען קלאָר.

ווי מיסטער לעדערער איז נישט געווען זיין גאַנץ לעבּען לאַנג איינגעטונקט אין געשעפטען, קען מען דאָך נישט זאָגען, אַז ער האָט די „ביזנעס" ליב געהאַט. לעדערער האָט אַמאָל געהאַט אַנדערע אידעאַלען, אַנדערע אַמביציעס, אַנדערע שטרעבּונגען, ווי צו בעזאָרגען פאַר אַ טייל נעגערס פון דער סאָוטה העמדער און קראַגענס. און ווען די פירמע איז אויסגעוואַקסען און איז געוואָרען דאָס, וואָס זי איז — איז עס נישט בּלויז געווען לעדערער'ס פערדינסט, נישט בּלויז אַ רעזולטאַט פון זיין אונערשעפּטער ענערגיע און אונטערנעהמונגס-גייסט, נאָך אויך מעהר, און אפשר פיעל מעהר — צופעליגקייט. ער האָט אָנגעטראָפען אויף אַ „גינסטיגען באָדען". די ביזנעס האָט מעהר לעדערער'ן אַריינגעצויגען און מיטגעשלעפּט מיט'ן אימפּעט פון איהר וואַקסען, איידער לעדערער האָט זי געשלעפּט. זי איז געווען אַ לעבּעדיגע זאַך, ווי אַ צווייט ווייבּ אַזעלכעס, וואָס האָט אויף איין מינוט נישט אָבּגעלאָזט, אויף איין טאָג נישט קיין צייט געגעבּען זיך אָבּצושטעלען, דין וחשבון זיך אָבּצוגעבּען: צו וואָס? צו ווען? פאַר וועמען? — און וואָס וועט שוין זיין, אַז ער וועט דערגרייכען די „רונדע סומע". עס איז מעהר געווען, ווי לעדערער וואָלט געוואָרען אַרויפגעצויגען אויף איינע פון די לעדערנע פּאַסקעס, וואָס ציהען זיך איבּער די רעדער פון זיינע עלעקטרישע מאַשינען, וועלכע טרייבּען די קראַפט

פון זיין שאפ — ביז ער האָט זיך אָבגעשטעלט — דאָרט וואו ער שטעהט...

אַמאָל — ווי שוין געזאָגט — האָט לעדערער געהאַט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס. און טיילמאָל מאַכט זיך, אַז פליהענ־דיג איבער די גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט ניו־יאָרק, פערהאָרעוועט אין זיינע געשעפטען, אונטערהאַנדלענדיג מיט לייט וועגען עסקים, וואָס דערגרייכען אין די טויזענדער — גיט ער זיך אַ זאָג אַליין: „בין איך לעדערער? — אָבער דאָס איז נאָר אויף אַ וויילע, באַלד קומט דער אימפעט און יאָגט, יאָגט ווייטער...

אויף אַ בעהאַלטענער פּאָליציע, אין אַ וואַנד־שראַנק אין דער היים, מוזען נאָך ליגען (ווען איינע פון די דינסטען האָבען זיי נאָך נישט אַרויסגעוואָרפען מיט אַנדערע אַלטוואַרג, אָדער ווען זיי זענען נישט פערלוירען געוואָרען ביי די פיעלע איבערציהונגען), איייניגע ביכער, אין דער רוסישער שפּראַך, פון באָקל, פון ספּענסער׳ן, וועלכע לעדערער האָט מיטגעבראַכט אין זיין פּעקעל פון דער אַלטער היים אין דער נייער וועלט אַריין... אַ פּאָר בלעטלעך פון אַ ספר אין לשון־קודש, פון וועלכען ער געדענקט שוין אַליין נישט דעם נאָמען, אין וועלכען אָבער ער פלעגט אַמאָל אַזוי גערן אַרייקוקען אין די פרייע מינוטען. אויך אַ פּאָר אידישע ביכלעך, געדרוקט אויף „באַבולע״־פּאַפּיר, מיט אַ רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער און פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכען אינהאַלט איבער סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם, און אַנדערע אַזעלכע ספרים׳לעך, וואָס די געהיימע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פלעגען אַרויסגעבען פאַר די אידישע מאַסען אין רוסלאַנד; צוזאַמען מיט אַ פּאָר בלעטלעך פון אַ רוסישער גראַמאַטיק און עפּעס אַ דיק בוך וועגען אַסטראָנאָמיע, אונטער דעם נאָמען: „די געהיימניסען פון הימעל״; אויב איינע פון די דינסטען האָט זיי שוין נישט, ווי געזאָגט, אַרויסגעוואָרפען צוזאַמען מיט אַנדערען חמץ, אָדער זיי זענען נישט פערלוירען געגאַנגען און

איינער פון די פיעלע ציהונגען פון איין וואוינונג אין דער אנדערער.

אמאל האט אפילו לעדערער בעלאנגט צו „עפעס". ווען ער האט געארבייט אין שאפ, האט ער זיך געלאזט פערשרייבען פאר א מיטגליד פון איינע פון די אמאליגע ארגאניזאציעס, וואס האבען זיך געהאלטען אין גרינדען. ער געדענקט עס שוין נישט אליין אויף געוויס. נאר א רויטען צעטעל פון א יוניאן האט ער געוויס געהאט און איז אפילו אין די ערשטע יאהרען געווען אנ-אפטער בעזוכער פון די פערשיעדענע לעקציעס און דעבאטעס, וואס זענען געהאלטען געווארען פון קלוגע לייט אויף דער „איסט סייד". און וואלט ער געווען א שטופער, א מענש מיט א מויל — וואלט ער געוויס געווארען א מאכער, א פארטיי־מאן. און אפשר וואלט לעדערער'ס לעבען דענסטמאל זיך געווען געלאזט אויף א גאנץ אנדערען וועג. נאר לעדערער איז בטבע געווען א שטילער, א מענש א צוריקגעהאלטענער, א ביסעל א שעמעוודיגער, א מענש וואס איז זיך געאנגגען זיין וועג. עס האט איהם מעהר אינטערע-סירט „פילאזאפיע" ווי ער האט גערופען די לעקציעס איבער פער-שידענע וויסענשאפטליכע טעמעס, איידער די דעבאטעס.

ער איז געקומען פון ארימע בכבוד'יגע עלטערען, פון א קליין שטעדטעל פון די רוסישע פראווינצען. פון זיין קינדהייט אן האט איהם נישט פערלאזט, אויף איין טאג נישט, די זארג ווע-גען מארגען. זיינע עלטערען, כאטש בכבוד'דיגע, אנגעזעהענע אין שטאדט, האבען קוים פערקניפט דעם מאנטאג מיט'ן דאנערש-טאג. שטענדיג אין נויט, שטענדיג אין זארגען וועגען פרנסה. איז ער פון קליינערהייט אן אנגעוויזן געווארען אויף זיך אליין. ברי-דער זענען זיי געווען פיעל, שוועסטער א סך. און ביי ארימע לייט, וואו ס'איז נישטא קיין ירושה, וואס זאל האלטען אלעמען צוזאמען, צופאלען זיך משפחות גאנץ פרי. נאך איידער ער איז צו זיין שכל געקומען, זענען א טייל ברידער שוין אוועק פון דער היים. ער האט זיי באלד נאכגעטון. צוערשט אין לאדז ביי וועבע-

ריי דערנאָך אין ווערקשטאַטען, פאַבריקען ווער קען אויסרעכענען די בעטען, אין וועלכער ער איז'איבערגעשלאָפען? ווער קען אויסרעכענען די קעלערס, די סוטרינעס, אין וועלכע ער האָט געוואוינט דורך זיין לעבען? די גאַס האָט געלערנט, חברים האָבען געלערנט, די נויט און דחקות זענען געווען די בעסטע רבי'אים. חברים אין לאָדז האָבען זיך פעראינטערעסירט מיט ביכלעך. דורך זיי האָט ער אויסגעפונען, אז א חוץ אָרימקייט, זאָרג וועגען שטיקעל ברויט און נאַכטלעגער און א העמד אויפ'ן לייב, וואָס דער מענש בעדאַרף, זענען נאָך דאָ אַנדערע זאַכען וואָס זענען וויכטיגער און אינטערעסאַנטער און פאַר וועלכע עס לוינט זיך צו לעבען. דאָס ריכטיגע לעבען זענען אפשע יענע אינטערעסן, נישט די זאָרגען וועגען טאָג-טעגליכער חיונה. די ביכלעך האָבען אויפגעעפענט פאַר איהם נייע וועלטען, נייע קוואַלען פון פערגעניגענס, וואָס מען קאָן האָבען זייענדיג אַ הונגעריגער און אַ געפרוירענער. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט נאָר געקענט קריגען: ראָמאַנען, פאָפולער-וויסענשאַפטליכע, ערנסטע און בעלעהרענדע, פראָפאַגאַנדיסטישע, סאָציאַלע ביכער, אין די שפראַכען, וועלכע זענען איהם געווען צוגענגליך. אביסעל העברעאיש האָט ער געדענקט נאָך פון די לעהרען-יאָהרען (נישט פיעל יאָהרען געווען, די לעהרען-יאָהרען, די נויט האָט פרי אין גאַס געטריבען). האָט ער גענאַשט פון די העברעאישע ספרים'לעך. אין דער איינציגער שפראַך, וואָס איז איהם יאָ צוגענגליך געווען, אין אידיש, איז געווען ווייניג וואָס צו בעקומען. דענסטמאָל איז אויפגעשטאַנען די צייט, ווען ער האָט זיך געלערנט רוסיש, מיט חברים זיך געלערנט, אָבגעשפאָרט פון זיינע קאַרגע פערדינסטען און פאַר לעקציעס געצאָהלט. סטודענטען האָבען אָפטמאָל בחנם געלערנט, אויפגעלעגען האַלבע נעכט אויפ'ן שטרוי-זאַק, ביי א גראָשענדיגען לאָמפ, און רוסישע גראַמאַטיק געקייעט, אָדער אנדערע ביכלעך גענאַשט.

וואָלט חיים לעדערער געווען אַ קעמפער, א מענש, וואָס איז פעהיג צו בעצאָהלען מיט ליידען פאַר א זאַך, וואָס ער נעמט

זיך אין קאָפּ אריין — וואָלט וואהרשיינדליך געוואָרען פון איהם אַ גאַנץ אַנדערער מענש. ער וואָלט זיך געוועזן דערשלאָגען, ווי אייניגע פון זיינע חברים, צו אַ שולע, צו אַנ׳עקזאַמען. אָבער חיים לעדערער איז נישט געוועזן קיין קעמפער. ניין, גאָר קיין קעמפער נישט. די זאָרג וועגען שטיקעלע ברויט, וואָס ער האָט מיטגענישט. די זאָרג וועגען שטיקעלע ברויט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין מוטער׳ס הויז אַרויס, האָט איהם דערקוועטשט, דערשטיקט. שטענדיג האָט איהם אַרומגענומען אַנ׳אונרוהיגקייט וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג. ער איז נישט געוועזן זיכער מיט׳ן שטרוי-זאַק, אויף וועלכען ער איז געשלאָפען, צי וועט ער איהם נאָך אויף דעם אַנדערען אָווענד אויך האָבען. די אָרימקייט פון דער היים, זיין מוטער׳ס פערזאָרגט פּנים, ווען עס איז געקומען דאָנערשטאָג און עס איז נישט געוועזן מיט וואָס שבת צו מאַכען, דעם פאָטער׳ס יאוש׳דיגע, „אַלץ-איינס׳דיגע״ אָבגעלאָזענקייט — ווען ער איז אַהיימגעקומען פון מאַרק מיט לעדיגע הענד — אָט די גרויע פרימאָרגענס, פון זיין מוטערס שטיבעל אַרויס, ווען דאָס וואַסער איז אין „טינדעל״ איינגעפרוירען געוואַ־ען פאר קעלט; די מרה-שחורה׳דיגע פאַרנאַכטען, ווען זיין מוטער אין טוך איינגעהילט, איז מיט אַ שרעקענדיג האַרץ אין געוועלבעל געגאַנגען באָרגען אַ ברויט און אַ האַלבע קוואָרט נאַפט, האָט זיך איהם אַזוי איינגעגעסען אין די ביינער, האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, אַז עס האָט איהם געמאַכט פאַר אַ שקלאַף פון שטיקעל ברויט אויף זיין גאַנץ לעבען... עס האָט איהם נישט געלאָזט אויפהויבען זיך אויף אַ מינוט פון דער טיעפעניש פון זיין אָרימקייט, אין וועלכער ער איז געזונקען... ווי ער האָט נאָר געוואָלט איין שריט מאַכען ווייטער, אַריבערשפרייזען איבער די טאָג-טעגליכע זאָרגען, איז באַלד געקומען די אימה פאַר׳ן מאָרגען דער פּחד פאַר׳ן הונגער, די שרעק פון היימלאָזיגקייט און האָט איהם אַראָבגעדריקט צו דער ערד, האָט איהם געמאַכט שטילער און קריכענדיגער ווי אַ וואָרים, וואָס האַלט זיך אין זיין שטיקעל כריין; האָט איהם, ווי אַ לעבעדיגען שקלאַף, צוגעבונדען צו דער

מלאכה, וואָס האָט איהם פּרנסה געגעבען. צוליב דעם האָט ער פערנאַכלעסיגט זיינע וואונשען, געלאָזט פאַלען זיין אידע־אַל צו ווערען עפּעס אַנדערש, און געהאַלטען זיך ביי זיין מלאכה — ביי וועבעריי. אָבער די זעלבע זאָרג פאַר׳ן מאָרגען האָט איהם ווידער געגעבען ענערגיע און איז געוואָרען די טרייב־קראַפט פון זיין גאַנצער קאַריערע און געמאַכט פון איהם דאָס, וואָס ער איז געוואָרען.

חיים לעדערער׳ס אידעאַל איז שטענדיג געווען א מענש מיט אַ בעזאָרגטען מאָרגען. אַ מענש, וואָס פערמאָגט צעהן טויזענט רובל און קען לעבען פון פּראָצענט (ווי דער נגיד אין זיין שטעדטעל, וועלכען ער האָט שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען). וואָס עסט יעדען טאָג מיטאָג און קאָן איהם קיין זאַך נישט געשעהן. פון יונגערהייט אָן האָט ער געקלערט און גע־זאָרגט וועגען דעם, ווי אַזוי צו פערזיכערן זיך זיין מאָרגען; אַז ער וועט זיך אויפהויבען אין דער פרי זאָל זיין האַרץ נישט קלאַפּען — טאָמער ווען ער וועט קומען צו דער אַרבייט וועט ער געפינען זיין אָרט בעזעצט פון אַנ׳אַנדערען אָדער אַנ׳אומגליק וועט געשעהן. אָט דער וואונש — בעזאָרגט צו זיין — האָט רעגירט מיט איהם זיין גאַנץ לעבען, איז געווען דער פאָטער פון אַלע געשעהענישען, וואָס זענען געשעהן מיט איהם.

צוליב דעם, קודם־כל, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ווייב, וואָס ער האָט ריכטיג נישט געקענט, האָט ריכטיג נישט געגרן געהאַט. אַ מיידעל פון עלטערען, ביי וועלכע עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער וועט האָבען אַ שטיקעל אָנ־האַלט. דער שווער האָט געהאַט אַליין אַ שטיקעל פאַבריקעל, אַ צוויי־דריי שטוהלען אין דער היים, פאַר וועלכע ער האָט אַהיים גענומען אַ ביסעל גאַרן אויסצואַרבייטען. געקלערט ווע־גען אַ שותפות עפּעס, אָבער אויסגעלאָזט האָט זי אַ בוידעם. מען האָט נאָר געמיינט די מויד אויסצוגעבען און דערצו נאָך

אָהן נדן אויך. עס זענען געווען ביליגערע שותפים, צוויי איי־גענע זיהן. אָנשטאָט אַנ'אָנהאַלט איז געקומען נאָך מעהר זאָרג, נאָך מעהר אונרוהיגקייט. צוערשט איז ער געווען איינער אַליין פּאַר זיך, איצט איז ער צוויי, דריי, באַלד — פיער. קינדער זענען געקומען איינס נאָכ'ן אַנדערען. צי ער האָט יאָ געוואָלט צי ער האָט נישט געוואָלט — ער האָט זיך נישט געוואוסט קיין אַנדער עצה צו געבען...

און איידער חיים האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער געווען אַ מטופל מיט אַ ווייב און קינדער, ווי זיין פאָטער באַלד, אַרומגערינגעלט מיט דער גאַנצער אונזיכערקייט, מיט דער גאַנ־צער פערלאָרענקייט, ווי זיינע עלטערען.

ווען איז דאָס געוואָרען? דאַכט זיך, ערשט געווען אַ בחור. איז נישט געווען קיין אַרבייט — האָט מען זיך אַליין אַרומגעדרעהט; איז נישט געווען וואו צו שלאָפען — איז מען געגאַנגען צו אַ פריינד, געלעגט זיך אויף זיין שלאָף־באַנק; איז נישט געווען וואָס צו עסען — האָט מען געבאָרג אויף אַ פּאָר זעמעל. דאַכט זיך, ערשט געווען אַ „פרייער פויגעל". יאָ, אַ פרייער פויגעל. וואָרום, וואָס אַנדערש קען מען דאָס אָנרו־פען געגען דעם, וואָס עס איז היינט? היינט, אַז ער וועט חלילה נישט האָבען קיין אַרבייט — איז כאָטש לעג זיך אַוועק און שטאַרב, כדי נישט איבערצוטראָגען די שאַנד און וועהטאָג פון אַ ווייב און הונגעריגע קינדער, וואָס וואַרטען אויף דיינס אַ פערדינסטעל; פונקט ווי דער טאַטע, פונקט ווי אין דער היים, פון וועלכע ער איז אַזוי פרי אַנטלאָפען...

די זאָרגען האָבען איהם געבראַכט צו פערלאָזן לאָדז. צו־ערשט געשלעפט זיך נאָך לאָנדאָן, פון דאָרט אויסצוואַרטען אַ שיפס־קאַרטע פון דעם ווייב'ס אַ ברודער אין אַמעריקאַ. פון וואַ־נען האָט זיך גענומען צו איהם די ענערגיע? עס איז נאָר געווען דער וואונש, די שטרעבונג אין איהם, אַנדערש צו זיין ווי זיין טאַטע, נישט אַזוי מורא צו האָבען פאַר'ן מאָרגען, וואָס האָט איהם

בעגעבן די נויטיגע ענערגיע. און אויך טאקע דער הונגער, וואס האט איהם פשוט פערטריבן פון זיין לאנד, מיט דעם שוואגער׳ס הילף האט ער דערנאך אריבערגעבראכט זיין משפחה.

דא איז ער באלד אריינגעפאלן אין שאפ, געארבייט פלייסיג, נישט פערגונען זיך אפטער ווי איין מאל א וואך — שבת, צו לויפן אויף א לעקציע, וואס איז דא אין דער נייער מדינה געווען אזוי בנמצא, צו הע׳לכע לעדערער האט זיך געפרובט צוכאפן מיט חשק פון זיינע פריילײדיגע יאהרען.

אין שאפ האט באלד לעדערער איינגעזען, אז עס איז דאס זעלבע לאנד. די זעלבע האפנונגסלאזיגקייט, די זעלבע פערלארענקייט, ווי די מלאכה אין דער אלטער היים — נאר דא איז נאך טויזענד מאל ערגער. דא קאנסטו מיט די בעבעכעס, מיט׳ן ווייב און קינד ארויסגעשטעלט ווערען אויף דער גאס, און קיין הונד וואל זיך אויף דיר נישט ארומקוקען. פערקעוט, עס איז נאך מעהר, טויזענד מאל מער אכזריות׳דיגער ווי אין דער היים, דא אז דו פגר׳סט אוועק פאר הונגער, אז דו געהסט ארום מיט א לעדיגען מאגען איבער די גאסען, אז דו האסט נישט וואס דעם ווייב אריינצוגעבען, האסטו : פילו נישט צו וועמען צו געהן און דאס הארץ זיך אבצורעדען, אפילו נישט וואו א טרונק וואסער צו כאפען. און יעדעס מאל מאכט זיך דיר דא עפעס אנדערש: דא א שטרייק, דא גלאט נישטא קיין ארבייט — יעדעס מאל אנ׳אנדער קרענק. איז, אזוי לאנג ווי דו שמייעסט — שמייעסטו. קוים ציהסטו אויס די פיס, איז קיין האהן קרעהט נישט נאך דיר. נישטא קיין ברודער, נישטא קיין גואל.

א ביכעל שכל האט ער געהאט, א ביסעל אינטעליגענץ פון דער היים, א גרויסען חשק און א ווילען צו עפעס אנדערש. נאר מעהר פון אלעס האט ער געדארפט א געלעגענהייט. ער האט זיך אנגעהויבן צוצוקוקען, וואס אנדערע טהוען. א סך וואר-פען אוועק דעם שאפ, איינער פריהער דער אנדערער שפעטער, און נעהמען זיך צו עפעס אנדערש. ער איז נישט ערגער פון

אַנדערע. אַ מבין אויף לייוונט ער איז געווען נאָך פון דער היים — פון זיין אַרבייט — האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ צופאַל: אָבצוקויפען לייוונט פון אַ שרפה. אַ פּאָר האָבען זיי זיך צוזאַמענגעלעגט. נישט געווען וואָס צו טון מיט איהר, האָבען די ווייבער אָנגעהויבען נעהען העמדער. דערנאָך האָבען די קינדער צוגעהאָלפען און דערנאָך זענען שוין די מענער אַהיימגעקומען פון שאָפּ און גענומען זיך צו די העמדער.

ווילען איז געווען, נאָר פּעגליכקייטען נאָך מער. עפּעס האָט דאָס מזל אַליין געשפּיעלט אין דער האַנד אַריין. און חיים לעדערער האָט געזעהן, אַז דאָ איז דאָ אַ געלעגענהייט אַרויסצורייסען זיך פון דעם אָהן-האָפנונג'דיגען, אָהן מאָרגענדיגען לעבען, אויפצוהויבען זיך פון דעם באָדענלאָזען גרוב, אין וועלכער ער פאַלט, אָנצוקלאַפּען אַ דעקעל צו דער טון — אַז טאָמער וועט ער אַמאָל פאַלען, זאָל ער האָבען אויף וואָס אָנצושפּאַרען זיך. אָ, פאָטער אין הימעל, העלף! מיט'ן גאַנצען אימפּעט פון אַהונגעריגען מענשען, וועלכער דערזעהט אַ געגרייטען טיש — האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט. מיט זיין לעבענס-לענגליכער דורשט פאַר עפּעס אַנדערש — פאַר אַ מאָרגענדיגען טאָג...

עס איז נישט געווען קיין טאָג, עס איז נישט געווען קיין נאַכט. דער זעלבער חיים לעדערער, וואָס האָט אַמאָל אַליין עפּעס געהאַט אַמביציעס פון אַנ'אַנדערען מענשען, וואָס האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ בוך אַריין און האָט נאָך ביז הייגטיקען טאָג באָקל'ס בוך „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע" בעהאַלטען אין איינעם פון זיינע פּעקלעך: דער זעלבער חיים לעדערער, וואָס איז אַליין אַמאָל געווען אַ ברודער-אַרבייטער, און וואָס האָט נאָך ליעב ביז'ן הייגטיגען טאָג אויסצוהערען אַ „דיסקוסיע" אָדער אַראָבצוכאַפּען זיך אין דראון-טאון אויף אַ לעקציע „צי דער מענש האָט יאָ אַ נשמה — צי נישט". דערזעלבער חיים לעדערער, זיצט אַליין מיט זיינע אַלטע אידען, וועלכע אַרבעטען ביי איהם העמדער ביז שפּעט אין אָוענד אַריין, דאַווענט מיט זיי מנחה אָב, כדי זיי

זאָלען דערנאָך דערפאַר אַ שעה לענגער אָבאַרבייטען. דערזועלבער חיים לעדערער, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ ברודער־אַרבייטער און געוואוסט דעם טעם דערפון, לאַכט שוין איצט אָב פון דער יוניאָן און בעווייזט מיט אותות ומופתים, אַז אָהן דער יוניאָן מאַכען אַרבייטער פיעל בעסער, זיצט אָב ביז האַלבער נאַכט אין זיין אייגענעם שאַפּ, כדי פאַרצוברייטען אַרבייט פאַר זיינע אַרבייטער. ער איז דער ערשטער אין שאַפּ פריהמאָרגענס, צו געבען אַ ביישפּיעל די איטאַליענישע שיקסעס, די פרומע אידען, ווען מען בעדאַרף קומען צו דער אַרבייט. ער האָט נישט געגעסען, נישט געשלאָפען, געכאַפּט שטעהענדיג אויף איין פוס, אין אַ ביליגען לאָנטש־רום, זיין עסען. ביינאַכט האָט איהם געטראָגען דער אימפּעט פון בייטאָג. ער האָט געזעהן, ווי ער איז געוואָרען אַליין אַריינגעכאַפּט אין דעם פּאַס, וואָס איז אויפגעצויגען אויף די רעדער פון זיינע עלעקטרישע מאַשינען. און צוזאַמען מיט זיינע מאַשינען איז ער געטריבען געוואָרען צו דער אַרבייט... ער האָט נישט געזעהן און נישט בעמערקט, ווי עס ענדערט זיך יעדעס מאָל דער שטרוי־זאַק אויף וועלכען ער שלאָפט, ער ווערט יעדעס מאָל ווייכער,... אנגעגעהמער... ער האָט נישט געזעהן, ער האָט נישט בעמערקט, ווי עס ענדערן זיך די קאָלירען פון זיינע שטובען. ער האָט נישט געזעהן, ער האָט נישט בעמערקט ווי עס ענדערט זיך זיין גאַנצער לעבענס־שטייגער; זיינע קינדער וואַקסען אויף גאַנץ אַנדערע מענשען, זיין טיש ווערט געענדערט, זיינע קליידער, זיין גאַנץ לעבען...

וואָס אַמאָל ווייטער, ווייטער ווערט ער געיאָגט פון אַ אונבעזועהענער קראַפט, וואָס טרייבט אַלעס אַרום איהם — מיט איהם און אין איהם. אָפטמאָל דערמאָהנט ער זיך עפּעס, ווי אין חלום, אין באָקל׳ס בוך: „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע״, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו ליגען אין אַ רוסישער איבערזעצונג, און ער טראַכט זיך: אַמאָל, אַמאָל, וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועט גאַנץ אַנדערש זיין. אַמאָל, אַמאָל, ווען ער וועט בעזאָרגט זיין,

ווען ער וועט נישט מעהר קיין מורא האָבען פאַר'ן מאָרגען — וועט ער אַלצדינג אָוועקוואַרפען און צו גאַנץ אַנדערע זאַכען זיך נעהמען — צו גאַנץ אַנדערע.

נאָר צו וואָס פאַר אַ זאַכען ער וועט זיך דאַן נעהמען, האָט חיים לעדערער נישט גאַנץ קלאָר געוואוסט. נישט קיין צייט גע־האַט און געלעגענהייט זיך דעריבער השבון אָבצוגעבען, אָדער נאָכצוקלערען.

אַזוי איז ער אַלץ געשלעפט געוואָרען פון דעם אימפעט, אין וועלכען ער האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט, ביז עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט, ווען ער האָט נישט מעהר מורא פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג — האָט ער אויסגעטהון דעם כאָמוט פון זיך און איז גרייט געווען אָנצוהויבען דאָס „נייע לעבען". נעהמען זיך צו די גאַנץ אַנדערע זאַכען, ווי מיר האָבען איהם געזונען אין אָנהויב פון אונזער ערצעהלונג.

II

שלאָפלאָזע נעכט

אין אַ געוויסער צייט אַרום, נאָכדעם ווי לעדערער איז אַוועק פון די ביזנעס, האָט ער זיך אויפגעהויבען אין דערפרי, נישט זעהר גוט געשטימט. דענסמאָל ווען ער האָט געאַרבייט, האָט זיך דאָס ביי איהם זעלטען געטראָפען. ער האָט ווייניג צייט גע־האַט צוצוהערען זיך צו זיך אַליין. נאָר צייט ער אַרבייט נישט, הערט ער זיך איין צו אַלעם, וואָס עס קומט־פאָר אין איהם — ווי מען הערט זיך איין צו אַ זייגער... די שלעכטע שטימונג איז איהם געקומען דערפון, וואָס ער איז נישט גוט געשלאָפען ביינאַכט — אַ זאַך, וואָס האָט זיך איהם אויך זעהר זעלטען געטראָפען, ווען ער האָט געאַרבייט. שטענדיג, קוים האָט ער נאָר פערענדיגט דאָס עסען, פלעגט ער כאַפּען אַ צייטונג, אַריין אין בעט אַריין — און דער שלאָף האָט שוין געוואַרט אויף איהם. לעצטענס אָבער, צייט ער אַרבייט נישט, חלומ'ט זיך איהם ביינאַכט. און חלומ'ען חלומ'ט זיך איהם דוקא פון דער צייט פון זיין אָרימקייט. וואָלט ער זיך כאָטש אַמאָל געווען געפונען, ביינאַכט אין שלאָף, אין זיינע רייכע, ליכטיגע צימערען, אין וועלכע ער וואוינט; אָדער אין איינעם פון די שעהנע האָטעלען, וואו ער פלעגט יעצט איינשטעהן, ווען ער איז ערגעץ־וואו אַוועקגעפאָרען; אָדער גלאַט אין אַ גליקליכער גוּ־טער סיטואַציע, אַ זאַטער, אַ צופרידענער — אַביסעלע נחת. ניין, ווי עפעס אויף להכעיס, ווי עס וואָלט זיך ווער געריצט מיט איהם, און קוים פאַרמאַכט ער נאָר די אויגען — פאַלט ער ערגעץ־וואו

אַריין אין אַ העק, אין אַן אָרימקייט, אַן אומבאַזאָרגטער, אַ גאַ־סענדיגער; פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַן אַרבייטער און עס איז געווען אַרבייטסלאָזיקייט אָדער אַן אַנדער „שוואַרץ יאָהר“... אָפּטאָל אויך — פון דער אַלטער היים, אָדער גאָר אין אַן אומ־באַקאַנט לאַנד, אונטער גאַנץ אומבאַקאַנטע, אומנאַטירליכע און אומגעגליכע אומשטענדען — וואָס נאָר אַ חלום קאָן פּאַרפירען. ווי עס וואָלט איהם ווער בייגאַכט אַרויסגעכאַפּט פון זיין שטוב און געוואָרפען איהם צוריק אין אַ כף־הקלע אַריין פון נויט, פון נאַ־סע קאַלטקייט, ווי דו שטעהסט אַזוי ווי די מאַמע האָט דיך גע־בוירען — איינער אַליין, אַן אַפּגעריסענער, אַן אַרבייטסלאָזער. אַזוי פּייניגט ער זיך אַ גאַנצע נאַכט, ביז ער כאַפּט זיך אויף אַ גליק־ליכער, אַז עס איז גאָר געווען אַ שלעכטער חלום.

ער איז געזעסען פרי־מאָרגען אויף דער וואַרענדע פון זיין אייגען הויז, דרויסען, אין שפּעטען הערבסט. דורך די באַ־טיסטענע פאַרהאַנגענע שויבען האָט זיך אַריינגעגאָלדעט דאָס גאָלדענע בלאַט פון אַנטקעגענאיבערדיגען בוים, אויף וועלכען די קאַלטע הערבסט־זון האָט געשיינט. ער האָט דאָס אַלעס נישט געזעהן — ער האָט נאָר געקלערט וועגען דעם, צוליעב וואָס, אייגענטליך, איז ער דאָס אַזוי פרי אַוועק פון די „ביזנעס“, און צו וואָס, אייגענטליך, האָט ער זיך געוואָלט נעהמען — אַ געדאַנק, וואָס פּייניגט אים פאַר די לעצטע טעג. ער האָט זיך דאָך צו עפּעס געוואָלט נעהמען, ער האָט זיך דאָ געזאָגט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געאַרבייט, אַז ווען ער וועט זיין אַ „באַזאָרגטער“, וועט ער זיך דערצו נעהמען. דענסטמאָל וועט ער זיך אָנהויבען צו לעבן דאָס ריכטיגע לעבען, וואָס האָט אַ טעם, אַ ציעל. וואָס איז עס אַזעלכעס? צו וואָס האָט ער געשטרעבט?

ער האָט געוואוסט, אַז ערגעץ־וואו ליגען אַ פּאָר ביכער פאַרשטעקט, אין וועלכע ער האָט אַמאָל ליב געהאַט אַריינצוקוקען, צו פאַרטראַכטען זיך אין זיי, ווען ער האָט אַ מינוט פרייע צייט

געהאַט. ער דערמאָהנט זיך, ווי פון אַ חלום אַרויס, פון אַלטע, אַלטע טעג, אין יענע, צייטען אין אַ מ ע ר י ק אַ, אין די ערשטע יאָהרען פון זיין דאָ־זיין, ווען ער האָט גערן געהאַט צו געהן אויף לעקציעס, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגען דעם: „צי דער מענש האָט יאָ אַ נשמה, אָדער נישט", אָדער: „איז דאָ אַ צווייטע וועלט — אָדער נישט" און אַנדערע רעדעס אויף אַזעלכע אינטערעסאַנטע טעמען, איבער וויכטיגע ענינים וועגען צוועק און תכלית פון מענשליכען לעבען. דענסטמאָל האָט ער ליעב געהאַט צו לעזען אַ ביכעל, צו בילדען זיך,—אַ שאָד, וואָס ס'איז נאָר נישט צופיעל צייט געווען. אמאָל, אמאָל וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל מיר דאָס קאָנען ערלויבען, ווען איך וועל זיך דערצו אָפּגעבען. און יעצט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט — וייס ער ערשט נישט צו וואָס ער זאָל זיך נעהמען.

געהן אויפזוכען די ביכלאַך, אין וועלכע ער האָט אַמאָל גערן געהאַט אַריינצוקוקען אין די אָבענדען, האָט זיך איהם נישט געגלוסט, וואָס וועל איך געפינען אין זיי? אודאי שוין פארעלטערט געוואָרען אויך. אודאי מוזען זיך שוין געפינען נייע ביכלאך — וואָס ערקלעהרען די זאכען פיל בעסער. מען וועט זיך דארפען נעהמען דערצו. דערווייל האָט זיך איהם נישט גע־גלוסט. דערווייל וואָלט ער געוואָלט טהון דאָס, וואָס ער איז גע־וואוינט געווען צו טהון יעדען טאָג, — אַ ביסעל זיך אדורכפּאַה־רען אין די ביזנעס אַריין. צו הערען עפּעס נייעס: ווי עס זענען די באַשטעלונגען היי־יאָהר, וואָס פאַר אַ לייוועגט מען האָט געני־מען צו־צו־שניידען, וואָס שרייבען די ריי.ענדע? זאָל עס הייסען האָבען אוועקגעוואָרפען די ביזנעס, כדי איך זאָל צו איהר צוריק־געהן? — קלערט ער שוין הויך. ניין! עס מוז דאָך עפּעס זיין, צוליעב וואָס איך האָב מיך אָבגעזאָגט פון די ביזנעס און איבער־געגעבען דאָס מיין בן־אָק. איך בין איבערצייגט, ער וועט אַ תל מאַכען אין איין יאָהר, וואָס איך האָב אויפגעבויט אין צעהן. אַז איך האָב עס דאָך געטהון, מוז דאָך זיין עפּעס אַ טעם דערביי;

איך בין דאָך נישט גלאַט משוגה געוואָרען; אַזוי אַלט בין איך דאָך נישט, אַז איך זאָל עס האָבען געטהון, ווייל איך וויל שוין שטאַרבען. פאַרקעהרט, איך פיהל זיך נאָך יונג. איך וואָלט יעצט אָנגעהויבען אויף׳ס ניי, ווען מען וואָלט בעדאַרפט. מוז דאָך עפּעס זיין דערינען, פאַר וואָס איך האָב עס געטהון.

עס איז נאָר דערפאַר, וואָס איך בין נאָך נישט צוגעוואָהנט אָט צו דעם נייעם לעבען. אודאי דאַרף איך אָבראַטעווען אַביסעל, ביז איך וועל זיך אויסגעפינען אין דעם נייעם אָרט לעבען.

ווי ער האָט אַזוי געקלעהרט, זיצענדיג אין זיין ווייכען שטרוי-שטוהל, אויף דער וועראַנדע, איז דאָס וויב צרויסגעקומען. פאַר די לעצטע פערציג יאָהר, וואָס לעדערער׳ן דאַכט זיך אַז עס „הונדערט״ יאָהר, זינט ער קאָן זיין וויב (וואָס אין דער אַלטער היים האָט זי געהייסען שרה און דאָ—סאַראַה), דאַכט זיך איהם, האָט זי זיך נישט געענדערט. די זעלבע ברייטע אידענע, מיט דעם טאָג-טעגליכען גוטען ברייטען פּנים. נאָר היינט האָט זי זיך יאָ געענדערט. זי איז בעגאַנגען אָנגעטהון אויף די גרויע האָר אַזאַ מאָדנע מאָרגען-הויב, אַ געשטיקטע, מיט שלייערען, וואָס לעדערער׳ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער זעהט זי צום ערשטען מאָל. די הויב האָט שרה׳ן אין גאַנצען געענדערט, געמאַכט זי עפּעס אַנדערש אויסזעהן, כמעט ווי אַ פרעמדע אידענע, כאָטש אין דער אמת׳ן טראָגט שוין סאַראַ די מאָרגען-הויב יעדען פריהמאָרגען ביז צום לאָנטש, פאַר די לעצטע זעקס יאָהר, זינט זיי האָבען זיך ארויסגעצויגען נאָך פלעטבוש.

— וואָס, ווידער נישט גוט געשלאָפען? — האָט זי זיך געווענדעט צו איהם אין ענגליש, וואָס סאַראַ האָט עס געמאַכט פאַר איהר אומגאַנגס-שפּראַך, — איך האָב דיר אָנגעזאָגט דו זאָלסט נעמען די פּילען, וואָס דאָקטאָר זאַלקינד האָט דיר פערשריבען — לייגט זי צו אין אידיש — און דו האָסט מיך נישט געוואָלט הערען

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין נישט גוט געשלאָפען? — פרעגט דער מאַן.

— איך דערקאָן שוין אין דיינע אויגען. און פאַר וואָס האָסטו דיך היינט נישט געגאָלט? דו ווייסט, זינט דו ביסט אוועקגעגאַנגען פון די ביזנעס ביסטו געוואָרען אַן אָפּגעלאָזענער. אַמאָל אַזוי ווי דו האָסט זיך נאָר אויפגעהויבען, האָסטו זיך באַלד געגאָלט, און היינט געהסטו אַרום אַ האַלבען טאָג נישט קיין געגאָלטער. איך האָב בעמיינט, אַז עס וועט זיין פאַרקעהרט — יעצט האָסטו דאָך צייט!

— איך האָב פאַרגעסן—פאַרענטפערט זיך לעדערער, אנערקענענדיג, אַז דאָס ווייב האָט רעכט. וואָרים טאַקע עפּעס, זינט ער איז אַוועק פון די ביזנעס, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פוילען.

— געה שוין אַריין און גאָל זיך אָב. אפשר וואָלטען מיר גאָר אַרויסגעפאָהרען אויף אַ פּאָר טעג קיין „לעיקוואוד". די זעהסט אַזוי שלעכט אויס און ביים יעצטיגען שעהנעם וועטער.

פאַר דעם לעצטען האָט לעדערער זיך מעהר געשראָקען, ווי פאַר אַלעם. גאָרנישט האָט איהם אַזוי געלאַנגווייליגט, ווי צו זיין מיט זיין ווייב אַ פּאָר טעג, אין אַן איינזאַמען פּלאַץ אָהן אַרבייט. ער האָט עס פיינט געהאַט פון שטענדיג־אָן און שטענדיג איז ביי אים לעיקוואוד און די אַנדערע אַזעלכע פּלעצער געווען אַן אָבקומעניש, יעצט, ביי זיין צושטאַנד, האָט ער נאָך מעהר מורא געהאַט דערפאַר.

— וואָס פעהלט דיר דאָ, וואָס דאַרף איך פעט ווערען?

— האָסט דאָך נישט וואָס בעסערס צו טהון.

ביי דעם „נישט בעסערס וואָס צו טהון" האָט ער זיך אָבגעשטעלט: הייסט עס, אַז מיין לעבען טויג שוין צו גאָרנישט, נאָר ווי די אַלטע ווייבער, אַרומפאָהרען פון איין אָרט צום אַנדערען און באַלעמוטשען מיט גאָרנישט? ניין, עס איז די העכסטע צייט, אַז ער זאָל עפּעס אָנהויבען, אַז ער זאָל זיך צו עפּעס נעהמען, כדי צו בעווייזען, אַז זיין אַוועקגעהן פון ביזנעס איז נישט

געווען דערפאַר, ווייל ער איז שוין מיעד און אַלט געוואָרען, נאָר צוליעב גאָר אַ גאַנץ אַנדערען ענין, צוליעב אַ העכער לעבען, וואָס ער וויל אָנהויבען צו פיהרען.

די דינסט איז אריינגעקומען און געשטעלט זיך אין טהיר פון דער ווערענדע און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך קאָכען אויף מיטאָג?

— וואָס ווילסטו עסען היינט, חיים? — פרעגט דאָס וויב.

דאָס איז געווען אַ מאָדע, וואָס דאָס וויב האָט איינגעפיהרט זינט לעדערער געפינט זיך אין דער היים. אַמאָל, ווען ער איז געווען בעשעפטיגט אין די ביזנעס, האָט מען אים קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס מען זאָל קאָכען. וואָס ס'איז געווען, דאָס האָט ער געגעסען. קיינמאָל נישט געוואוסט גאַנץ גוט, וואָס ער עסט. עס איז איהם נישט געווען קיין גרויסער חילוק אויך, אַבי נאָר זאַט צו ווערען. זינט ער איז געבליבען אין דער היים, פרעגט איהם די דינסט יעדען טאָג, וואָס זי זאָל צושטעלען צו עסען. אין אָנהויב האָט עס איהם אַמוזירט: טאַקע אַזוי, אַ מענטש דאַרף זיך אויסקלייבען זיין מאכל, דאַרף דערפיהלען דעם געזונט דערפון צוערשט, איידער ער עסט עס. עס איז דאָ אַ טעם דערין. אָבער היינט האָט איהם די פראַגע דענערווירט. ער האָט זיך דורך דעם געפונען געטראָפען, ווי מען וואָלט איהם עפּעס שוין געהאַלטען פאַר אַן עובר־בטל, פאַר אַ קינד עפּעס, פאַר אַ קראַנקען, וואָס מען דאַרף מיט אַלעס צוטרעפען.

— וואָס בין איך אַ קראַנקער, וואָס? וואָס מען בעדאַרף איהם פרעגען, וואָס ער וועט עסען! — האָט ער זיך געבייזערט — און כדי נישט צו דערצערנען די דינסט (וואָרים מיט אַ דינסט טאָר מען זיך סיי־ווי־סיי נישט שפּיעלען), גיט ער צו אין אַ גוט־מוטיגען שמייכעל:

— אַ גוטער „סיילסמאַן" (פערקויפער). מיין קינד, פאַר־קויפסט צוערשט די סחורה, דערנאָך פרעגט ער צי געפינט זי זיך אויפ'ן לאַגער.

ער איז זיך פֿאָרגעקומען, בײַ זיך אַליין, אַז ער זיצט אין שטוב און וואַרט אויפֿ'ן עסען. אַז ער ווערט עפּעס אַ אײַדענע, וואָס מישט זיך אין קיך־זאַכען. ער האָט זיך מיט ענערגיע אויפֿגעהויבען, אַרײַנגעגאַנגען אין באַדע־צימער און זיך גענומען וואַשען. בײַם גאָלען זיך האָט ער אַנטדעקט זײַן פּנים. יאָ, עס איז גְעווען אַן ענטדעקונג. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער זעהט זײַן געזיכט צום ערשטען מאָל. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטען אַמאָל זײַן אייגען פּנים, דורך דער גאַנצער צײַט פֿון זײַן לעבען עס איז איהם גאָרנישט אײַנגעפֿאַלען. יעצט דערזעהט ער זיך צום ערשטען מאָל. זײַן פּנים קומט־איהם־פֿאָר באַקאַנט און דאָך פֿרעמד. ווען ער וואָלט זיך אַליין געטראָפֿען, למשל, אַמאָל, געהענדיג אויף דער גאַס, וואָלט ער געדענקט, אַז דאָס פּנים איז איהם באַקאַנט, נאָר ער וואָלט זיך נישט געקאָנט דערמאָהנען, ווער דאָס איז... און געוואונדערט זיך, פֿאַרוואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט בעטראַכטען זײַן אייגען פּנים. אַ מענש קאָן נישט צו־מאָל זײַן אייגען פּרצוף?! געהערט? און ווי עפּעס וועלענדיג זיך אַליין קאָנען, האָט ער זיך לאַנג בעטראַכט און גוט בעטראַכט זיך אין שפּיגעל — פֿערזיכערענדיג זיך צוערשט, אַז קיינער זעהט איהם נישט — אַ צוקנייטשטער שטערען, געדיכטע גרויע האָר, וואָס דערגרייכען ווייט אַראָב אין שטערען אַרײַן, גרויסע אויגען זיצען אין פּנים „פּלוצלונג" אַזוי ווי מען וואָלט זיי אומאויסגערעכענטערהייד אַרײַנגעזעצט; שווערע, בעלאָדענע ברעמען, גרויע און האַרטע; אַ דיקע נאָז, וואָס ווערט נאָך דיקער דורך די אָבגעגאָלטע וואָנסעס, אַ רונדיגע, קורצע, געגאָלטע גאָמבע און געגאָלטע וואָנסעס.

אויף די געגאָלטע וואָנסעס האָט ער זיך אַממעהרסטען אָבגעשטעלט; „ווי אַזוי האָב איך געקאָנט, מײַן לעבען־לאַנג, האָבען געגאָלטע וואָנסעס? עס זעהט דאָך עפּעס אויס אַזוי נאַקעט, גאָרנישט מעשה מענש, עפּעס ווי אַ שגץ־יונג אין דער

אַלטער היים”. ער פּרובט זיך פאָרשטעלען, ווי ער וואָלט אויסגעזעהן, ווען ער לאָזט זיך וואַקסען וואָנסעס און אַ באָרד. אַזאַ געדיכטע, גרויע באָרד וואָלט אַרומגענומען זיין פּנים מיט הדרת־הכבוד. אַזוי געדיכט און גרוי ווי די ברעמען זענען. „איך וואָלט אויסגעזעהן, ווי אַ בכבוד'ער איד, ווי אַ נגיד אין דערהיים, איך וואָלט מיר אַרומגעשוירען די באָרד און וואָלט אויסגעזעהן ווי אַ דאָקטאָר, ווי אַן אינטעליגענטער מענש, און אַזוי זעה איך אויס, ווי אַן אַקטיאָרטשיק, אַ פריזער, אַן אַל־טער, פער'שכור'טער שגץ. מען דאַרף זיך לאָזען וואַקסען אַ באָרד און וואָנסעס”. אָבער באַלד דערמאָהנט ער זיך, וואָס ער טהוט. „איך, שוין אַן אָבגעטראָטענער ביזנעס־מאַן, אַן עלטע־רער מענש, שטעל זיך אַוועק און בעטראַכט מיין אייגען פּנים, ווי עפּעס אַ ליאַדע אינגעל, ווי קינדיש איך בין?!”

— דאָס קומט פון ליידיג־געהן — זאָגט ער זיך, און מאַכט עפּעס אָב ביי זיך.

נאָכ'ן אָבוואַשען און איבערטהון זיך, וואַרט שוין אויף איהם דאָס ווייב. זי לעגט איהם פאַר, ווי יעדען טאָג, ער זאָל זיך אַביסעל אַדורכפאָהרען מיט איהר קיין קוני־איילאַנד. זי האָט אָבגערופען אין גאַראַזש און דער שאָפער וועט באַלד דאָ זיין מיט דער מאַשין.

— עס וועט דיר גוט טהון די פרישע לופט — זאָגט דאָס ווייב.

פאַר די לעצטע פאַר טעג, זינט לעדערער געפינט זיך אין דערהיים, איז ער זיך שוין אַדורכגעפאָהרען קיין קוני־איי־לאַנד אַמאָל צעהן, צוועלף, וועלכע זעהען אויס ביי איהם, ווי טויזענדער מאָל, אַזוי אַז דער וועג קיין קוני־איילאַנד און קוני־איילאַנד אַליין איז איהם שוין פער'מיאוסט צום ברעכען. לעדערער איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען, אַז ער זאָל אַזוי גלאַט פאָהרען, אַ חוץ אַמאָל דאָרט אַ זונטאָג. אַז ער איז געפאָהרען, איז ער געפאָהרען צו עפּעס, האָט ער געהאַט אַ

ציעל, עפּעס אַ ביזנעס אויסצוריכטען. גלאַט אַזוי זיך דורכ־פאָהרען קאָן מען איינמאָל, כּדי צו זעהן, ווי עס זעהט אויס. אָבער ווען מען האָט עס שוין געזעהן און מ׳ווייס שוין „ווי עס זעהט אויס״ און מען קאָן שוין דעם טעם דערפון — וואָס איז די גוטסקייט צו פאָהרען? לעדערער האָט זיך דערפון אָבּ־געשאָקעלט, ווי פון ריצען־אייל נעהמען.

— ניין, אַז זי וויל, זאָל זי פאָהרען. ער האָט עפּעס וואָס אַנדערש צו טהון. — און לעדערער׳ן איז עפּעס איינגע־פאַלען: ער האָט זיך גענומען אויפזוכען די אַלטע ביכער.

לאנג האָט ער געזוכט אין אַלע וואַנד־שענק, אין אַלע ווינקעלעך און נישט געוואָלט זאָגען, וואָס ער זוכט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיין ווייב. ענדליך, אַז ער האָט גע־זעהן, אַז אָהן דעם ווייב׳ס הילף וועט ער זיך נישט קיין עצה געבען, האָט ער זיך פאַר איהר פערטרויט.

— די ביכלעך, וואָס דו פלעגסט אַמאָל אַריינקוקען? — פרעגט זי — אַהאַ, עס הויבט זיך שוין אָן. וואָס עפּעס פּלוצ־לונג פיבער?

— וואָס אַרט עס דיך?

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז סאַרא איז אַ גוטע בעל־בית׳טע שטענדיג געווען. ביי איהר איז קיינמאָל גאָרנישט פער־לוירען געגאַנגען פון בעל־הבית׳ישקייט. און די ביכלעך, וואָס איהר מאַן פלעגט אַמאָל אריינקוקען, האָט זי אויך אויפגעהיט זי האָט פון ערגעץ אַ פּעקעל אַרויסגעשלעפּט אביסעל שמות: אַ רוסישע גראַמאַטיק, אַ כרעסטאָמאַטיע אָהן טאָוולען און אַ טהייל פון אַ בוך איבער דער געשיכטע פון דער ערד. נאָר דאָס עיקר־בוך: אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען מענשליכען תּכלית, האָט זי נישט געפונען.

— געווען נאָך איינס, אַ דיקס, מיט אַ שוואַרצען רוקען, אַ רוסישעס.

— האָסטו עס נישט אַמאָל אַוועקגעבאָרגט אַ לאַנדסמאַן,

פאַר יאָהרען צוריק, ווען מיר האָבען נאָך געוואוינט אויף נאָר־פאָלק סטריט? דאַכט זיך, דעם געלען לאַנדסמאַן, אַ בעקער איז ער געווען, איך האָב שוין פערגעסען זיין נאָמען, משה האָט מען איהם גערופען, צי ברוך — דו ווייסט, ער פלעגט צו אונז אריינקומען אין די אָווענדען.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז סאַראַ האָט רעכט. דאָס בוך, פון וועלכען לעדערער זאָל דערגעהן די קלוגשאַפט פון זיין לעבען, אויף וואָס ער האָט געוואַרט דורך די אַלע יאָהרען פון זיין אַרבייט צו בעזאָרגען זיך די וועלט, האָט ער געהאַט אַוועקגעבאָרגט אַ לאַנדסמאַן, און יענער האָט עס איהם פערגעסען אָבצוגעבען...

געבליבען איז ער ביי די פּאָר בלעטלעך רוסישע גראַמאַטיק. ער וועט דאָך יעצט נישט אָנהויבען אויפ׳סניי, פון גראַמאַטיק, — האָט ער זיי אַוועקגעלעגט אויס דער האַנד, ווי מען לעגט אַוועק אַ כּלי, וועלכע מען קאָן שוין צו גאָרנישט גע־ברויכען, אָנגעטהון זיך דעם פּאַלטאָ און געוואָלט אַרויסגעהן.

— וואוהין געהסטו?

— איך געה זיך נאָר אַביסעל דורך. איך וועל צו מיטאָג אַריינקומען.

ער האָט גענומען דעם „עלעווייטעד” און איז אַראָבגע־פאָהרען „דאַון-טאַון” אויף דער איסט־סייד. ער האָט געקאָנט דאָרט אַ בוכהאַנדלונג פון אַלטע צייטען, פון אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געוואוינט און געאַרבייט אויף דער איסט-סייד. ער פלעגט אַלעמאָל זיך אָבשטעלען ביים שוי-פענסטער פון דער בוכהאַנדלונג און איבערגעלעזען די טיטלען פון די ביכער, וואָס זענען געלעגען אין פענסטער. דענסטמאָל פלעגט ער אַמאָל טראַכטען דערפון, אַז ווען ער האָט געלד און צייט, וואָלט ער זיך אַוועקגעקויפט די אַלע ביכער און איבערגעלעזען. דער־נאָך האָט ער פאַרגעסען אין דעם. יעצט האָט ער זיך דער־

מאָהנט אָן דער בוכהאַנדלונג און איז אַראָפּגעפּאָהרען איינקוי־פען זיך ביכער.

די בוכהאַנדלונג האָט ער שוין נישט געפונען. אויף דעם זעלבען אָרט איז היינט געווען אַ פּיאַנאָ-געשעפט. דערפאַר האָט ער געפונען אַ צווייטען בוכהאַנדלונג, אַ פּיעל גרעסערע, ווי די ערשטע.

ער איז אַריינגעקומען באַשיידען און האָט געזאָגט צום יונגען־מאַן, וואָס האָט געטראָגען אַ פּאָר גרויסע ברילען, אַז ער וויל קויפען ביכער.

— וואָס פאַר אַ ביכער ווילט איר קויפען, — האָט איהם דער יונגער מאַן מיט די גרויסע ברילען געפרעגט.

— פילאָזאָפישע ביכער.

— פילאָזאָפישע ביכער? — וואונדערט זיך דער יונגערמאַן — איבער וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע?

— נו, כאָטש אַזעלכע ביכער, וואו עס רעדט זיך וועגען דעם, צי איז דאָ אַ לעבען אויף דער צווייטער וועלט — אָדער נישט. איך מיין אַזאַ בוך, אין וועלכען עס זאָל זיך רעדען וועגען מענשהייט. צי די מענשליכע נשמה לעבט נאָכ׳ן טויט און וואָס איז דער זין פון לעבען. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ רוסיש בוך, אין וועלכען עס האָט זיך גערעדט וועגען די אַלע זאַכען, האָט עס אַ פריינד געבאָרגט און נישט אָפּגעגעבען. עס איז גע־ווען אַ גוט בוך.

דער יונגערמאַן מיט די גרויסע ברילען האָט גלייך געזעהן מיט וועמען ער האָט צו טהון, האָט ער לעדערער׳ן איינגעשליי־ערט אַ ראַמשעל ביכער אין פאַרשידענע שפראַכען: אין אידיש, ענגליש, רוסיש, וועלכע לעדערער האָט זיך אַהיימגענומען, ווי אַ גוטע מציאה.

גאָט האָט געהאָלפען און דאָס ווייב איז נישט געווען אין דערהיים, אַרויסגעפאָהרען שפּאַצירען, אָדער געגאַנגען אויף „טהע״ צו וועמען דאָרט. די טאָכטער — אויך נישט. האָט זיך

לעדערער איינגעשלאָסען אויף דער ווערענדע און האָט זיך גע־נומען שטודירען די ביכער, וואָס ער האָט אהיים געבראַכט.

דאָס לעזען איז אים אָנגעקומען שווער. אָבגעוואָהנט זיך דערפון, טראַכט ער זיך. ער האָט נישט פערשטאַנען וועגען וואָס די ביכער רעדען, און דאָס וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, איז אַלץ נישט געווען וועגען דעם, וואָס האָט איהם אינטערעסירט צו וויסען. וועגען אַלצדינג האָבען זיי גערעדט, נאָר וועגען דעם וויכטיגסטען, וואָס עס איז געווען אַזוי נויטיג: „צי עס איז דאָ אַ לעבען אויף דער צווייטער וועלט, צי נישט"; „צי די מענשלי־כע נשמה לעבט ווייטער נאָכ'ן טויט, צי נישט", און „וואָס איז אייגענטליך דער ריכטיגער זין פון לעבען?" „וואָס זאָל דער מענש טהון נאָך דעם, אַז ער האָט זיך שוין בעזאָרגט זיין טאָג־טעגליכען ברויט און דאַרף שוין נישט פטר'ן זיין גאַנץ לעבען אויף פרנסה?" — אָט וועגען די אַלע נויטיגע זאַכען, וואָס אַ מענש דאַרף וויסען, האָבען די ביכער נישט גערעדט...

אַמאָל האָבען די שרייבער גאַנץ אַנדערש געשריבען. מיט איין וואונק, מיט איין וואָרט האָט מען שוין פאַרשטאַנען, וואָס מען מיינט. און דאָ, וועגען אַלעס רעדען זיי, נאָר וואָס ס'איז נויטיג צו וויסען דער מענשען, וועגען דעם האָבען זיי גאָר־נישט וואָס צו זאָגען. אָדער איך האָב אויף די ריכטיגע ביכער נישט געטראָפען. עס־מוז דאָך געבען פילאָזאָפישע ביכער, אין וועלכע דער מענש זאָל זיך לערנען צו לעבען דאָס לעבען כאָטש נאָך דער פרנסה...

אַז דאָס ווייב איז אַהיימגעקומען פון שפאַציר, צי פון טהע, האָט זי נאָך געפונען לעדערער'ן אַרומגערינגעלט מיט זיינע בי־כער און זיינע געדאַנקען, ער איז געזעסען אין טונקעלהייט, וואָס האָט שוין געהאַט בעהערשט די גאַנצע ווערענדע, און אַלץ גע־קלעהרט וועגען זיינע זאַכען. דאָס ווייב האָט זיך פערוואונדערט: וואָס איז עס געוואָרען מיט לעדערער'ן די פאַר טאָג?

— איך האָב געמיינט, אַז יעצט ווערסטו אָפּרוהען, אַז יעצט

וועסטו דיר שוין קאָנען פאַרגינען אַביסעל פרייער אָפּאָטעמען — און נאָר דו קלערסט און נאָר דו טראַכסט, אַזוי ווי די שיפען וואָלטען דיר אונטערגעגאַנגען. ביסט דאָך דערפאַר פון די ביזנעס ארויסגעגאַנגען, אַז דו זאָלסט עס נישט מעהר האָבען אויפ'ן קאָפּ. וואָס קלערסטו — וואָס, וועגען די ביזנעס?

— נישט וועגען די ביזנעס.

נאָר וועגען וואָס דען, אַז נישט וועגען די ביזנעס?

— און אַז נישט וועגען די ביזנעס, איז שוין גישטאָ וועגען וואָס צו קלערען? כאָטש איין טריט ווייטער, נאָך די „ביזנעס", ווייסט וואָס איז דאָ?

דאָס ווייב האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט און זי האָט אויסגעטייטשט, אַז דאָס קומט אַלץ פון שלעכט שלאָפען און פ'ון די שלעכטע חלומות, וואָס ער האָט ביינאַכט. אָבער יעצט האָט זי שוין באָט־צו־דאַנקען, אַ מיטעל, ווי ער וועט גוט שלאָפען און וועט שוין נישט חלום'ען פון אָרעמקייט.

— וואָס, דאָקטאָר זאַלקינדס פּילען? ביסט שוין ווידער געוועזען ביי דאָקטאָר זאַלקינד? — פרעגט דער מאַן.

— ניין, וועסט נישט נעהמען קיין פּילען. אָהן פּילען. אַ פריינדין האָט עס מיר געזאָגט. זי איז געוועזען אויף טהע ביי די אַבראַמסאָנס, האָט איהר מיסעס אַבראַמסאָן געגעבען אַ מיטעל דערצו. דאָס זעלבע האָט זיך געטראָפען מיט איר מאַן אויך. ער האָט אויך נאָר גע'חלום'ט וועגען אָרעמקייט, נאָר וועגען די צייטען, ווען זיי האָבען נישט געהאַט צו עסען. — האָט איהר אַ לאַנדסמאַנ'ס פרוי געגעבען אַ פּשוט'ע עצה, וואָס זי זאָל טהון, איז אַזוי ווי מיט דער האַנד אַוועקגענומען. יעצט חלום'ט אַבראַמסאָן בלויז וועגען רייכקייט. און דאָסזעלבע מיטעל געהט זי היינט אויך אויסנוצען פאַר לעדערער'ן.

דעם זעלבען אָוועגד, ווען לעדערער האָט זיך געלייגט אין זיין בעט אַריין שלאָפען, איז ער פאַרוואונדערט געוואָרען פון דעם בליאַסק פון פערל און בריליאַנטען, וואָס האָט זיך אַ הם

געוואָרפען אין די אויגען זיין ווייב האָט איר גאַנצע צירונג אויסגעלייגט פאר איהם, אויף זיין בעט-טישעל.

— וואָס איז דאָס, וואָס דו האָסט אוועקגעלייגט דאָס צירונג, אַז מען זאָל עס דיר קאָנען לייכט צו׳גנב׳ענען?

— ניין, עס איז אַ סגולה פאַר גוטע חלומות. אַז עס ליגט אָרום צירונג ביים בעט, חלומ׳ט זיך וועגען רייכקייט. מיסעס אַבראַמסאָן האָט עס אַליין אויסגעפּרובט אויף איהר מאַן...

III.

א צושטערטער אָנבייסען.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז די צירונג וואָס מיסעס לע־דערער האָט פארשפרייט אויף דעם בעט־טישעל פאר איהר מאַן, האָבען נישט געקאָנט פארטרייבען די שלעכטע רוחות, וואָס האָבען לעדערער'ן געהאַלטען אין די צוואַנגען פון אָרימען און וועה־טאָג'דיגען לעבען א גאַנצע נאַכט. לעדערער האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פרי־מאָרגענס א נישט־דערשלאָפענער און א דענער־ווירטער. די נאַכט האָט ער זיך געפּוּגען אין אַן אָרימען ווערק־שטאָט, וואו ער האָט געארבייט ביי כאָליעוועס און איבער זיי' איבער די ארבייטער איז געווען א בעל-הבית נישט א מאַן נאָר א ווייב, א בלינדע אויף איין אויג. זי האָט זיי געקאָרמעט פאר דער ארבייט מיט זויערען באָרשטש און קאָרג ברויט... קוים ארויסגעקראָגען זיך פון די קאשמארען, וואו נארישע חלומות האָבען איהם געהאַט ארייגעוועבט, האָט לעדערער אָנגעטראָפען זיין ווייב, אין דער פרי־מאָרגענדיגער שלאָף-הויב, וואָס האָט געהאַט אַן אויפפאַלענדע עהנליכקייט צו דער „ווייב", וואָס ער האָט געזעהן ביינאַכט אין זיין וויזיע. ער האָט זיך פארשעמט פאַר זיך אַליין. פאר דעם געדאנק, נישט געענטפערט דער ווייב ריכטיג אויף איהר פראגע וועגען זיין פיהלען זיך און איז אריין אין וואַש-צימער זיך אָנטאָן.

מיט זיי אין דערהיים האָט, פון אַלע קינדער, נאָך געוואוינט זייער אינגסטע טאָכטער סטעלאַ, וואָס האָט פארלאָזט דאָס לער־

נען זיך אין מיטען הויף-שול, דערפאַר וואָס זי איז צו פרי אויסגעוואַקסען, האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסע און צו פרי זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען וועגען אַ חתן. אַמאָל, ווען סטעלאַ איז געווען אַ קינד, האָט זי לעדערער זעהר ליעב געהאַט: ליעב גע- האָט זיך מיט איהר שפּילען, ליעב געהאַט צו הערען איהר מיי- דעלשע שטימע, ליעב געהאַט צו גלעטען די איבער'ן קאָפּ. אָבער מעהר פון דער פראַגע: „ווי איז עס געגאַנגען אין סקוהל, סטע- לאַ'?" — צו מעהר איז עס נישט געקומען.

לעדערער האָט נישט צו פיעל צייט געהאַט אין זיין לעבען, אַז ער זאָל זיך קענען מעהר מיט זיינע קינדער אָפּגעבען. אָבער צייט סטעלאַ איז אויפגעוואַקסען און געקראָגען אַנדערע אינטע- רעסען אין לעבען ווי איהרע עלטערען, איז זי וואָס אַמאָל מעהר דערווייטערט געוואָרען פון פאָטער. ערשטענס, איז דעם פאָטער אויסגעקומען זעהר זעלטען צו טרעפען זיך מיט סטעלאַ'ן אין דערהיים. די טאָכטער איז שטענדיג געווען פאַרנומען ערגעץ אַנ דערש-וואו: אָדער ביי א פריינדין צו-גאַסט, אָדער אויף אַ פּער- ווייזונג, אָדער גאָר, אין אַ זומער צי אין אַ ווינטער רעסאָרט, אין אַ פּענסיאָנאַט. „וואָס ווילסטו האָבען, אַז זי זאָל דיר דאָ זיצען הינטער דיין אויוען און אויסהערען דיינע קרעכצען? סטע- לאַ האָט צו טראַכטען וועגען זיך"... — האָט די מוטער פּאַרענט- פערט דאָס קינד אויף דעם פאָטער'ס שטענדיגע פאַרוואורפען, וואָס סטעלאַ לויפט אַרום. און זי האָט רעכט געהאַט אויך. סטעלאַ איז נישט מעהר געווען דאָס קליינע קינד, וועלכע מען האָט געקענט גלעטען איבער'ן קאָפּ, נעמען אויף די קני און פרעגען אויפ'ן „מארק" אין סקוהל.

און אַנדערע אינטערעסען? — וואָס פאַר אַנדערע אינטע- רעסען האָט פאַרבונדען דעם טאַטען מיט דער טאָכטער? געוויס, געוויס האָט זי געהאַט אַ געפיהל פאַר איר פאָטער. דער „אַלטער מאַן" אַרבייט אַזוי שווער. ער איז אַ טייערער, טייערער אַלטער, וועלכער אַרבייט, כדי זיי גליקליך צו מאַכען, זיי צוזושטעלען

אלצדינג וואָס זיי באַדאַרפען, כדי נישט פאַרשעמט צו ווערען פאַר פריינד, פאר בעקאַנטע. עס איז אַמאָל שווער אַרויס־צובאַקו־מען פון איהם פאַר אַן עקסטרא מאַנטעל, צו קויפען אַ נייעם אויטאָ־מאָביל און אַנדערע אַזעלכע זאַכען. אָבער דער פאָטער, אַלס אַזעלכער, וואָס פאַר אַ ראָלע האָט ער געשפּילט אין איהר לע־בען? אַביסעלע לעכערלעך, פון דער אַלטער היים. ער פייניגט דער מאַמע, די מאַמע האָט מיט איהם אַ שווערען „דזשאָב”. און פאַר׳ן פאָטער איז סטעלאַ געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר אַן אַנדע־רע וועלט, אַ פרעמדע, אַן אומבעקאַנטע און אַ פיינדליכע. זי, מיט איהרע פּוסטע „באָיס” וואָס זי ברענגט אין שטוב אַריין באַמבלען אַן זייער „דזשעז”, אַז מען קען דול ווערען. זי ערלויבט זיך מיט די „באָיס” פרייהייטען, וועלכע אין דער אַלטער היים וואָלט זיך אַפילו ווייס איך ווער נישט ערלויבט. און זאָגען טאָר מען אויך נישט. האָט ער אַמאָל געזאָגט, איז זי אַוועק פון דערהיים און פערבראַכט די אָווענדען ערגעץ אַנדערש־וואו. און דאָס ווייב האָט געוויינט אַ גאַנצע נאכט, אַז ער פערטרייבט דאָס קינד פון שטוב. ניין, לעדערער איז נישט געווען קיין גרינגער מענש, נישט קיין פאָטער, וואָס זאָל צוהעלפען אַ דערוואַקסענער טאָכטער צו קריגען איהר באַשערטען. סטעלאַ האָט געמוזט זוכען איהר גליק אוי־סער איהר היים.

אַז לעדערער איז אַריינגעקומען אין קליינעם עס־צימער, וועלכער איז געווען אין שכנות מיט דער ווערענדע, האָט ער שוין געטראָפען זיין ווייב און די טאָכטער זיצען ביי די קוכנס. סטעלאַ איז געווען אַזאַ זעלטענער גאַסט ביים פאָטער׳ס טיש, אַז לעדערער האָט זיך אַפילו געפרייט און פאַרוואונדערט זי צו גע־פינען: „אַ וואונדער וואָס מען זעהט דיך אַמאָל. וואָס איז היינט דער מעהר פון אַן אַנדערס מאָל?” די מוטער האָט געוואונקען צו דער טאָכטער, אַז זי זאָל איהם פערשווייגען און דערביי געווי־זען אויפ׳ן מאַן, ווי מען ווייזט אויף אַ קראַנקען. לעדערער האָט עס באַמערקט און דערפיהלט די עולה. מען האָלט איהם שוין

פאַר אַ קראַנקען — און געוואָלט אויסברעכן אין צאָרן. נאָר סטעלאַ, זעהט אויס, האָט אויפגעכאַפּט דער מאַמע׳ס וואונק, איז זי צוגעגאַנגען צום פּאָטער, אַרומגענומען דעם אַלטען לעדערער מיט ביידע יוגענדליכע, נאַקעטע הענט און איהם געגעבען אַ פרישען קוש פון איהרע מיידעלשע ליפּען:

— אַ, וואָס מאַכסטו, טייערער טאַטע? איך האָב דיך שוין נישט געזעהן צייט יאָהרען — דאָס האָט אַביסעל געשטילט לעדערער׳ס אויסברוך און דאָס פייער פון לעדערער׳ס כעס איז אויסגעלאָשען געוואָרען.

נאָר לעדערער האָט זיך באַלד געהאַט צו טשעפּען צו אַנדערע זאַכען, צו קלייניגקייטען, אויף וועלכע ער האָט ביז איצט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, וועלכע ער האָט ביז איצט גאָרנישט באַמערקט, נאָר זינט ער זיצט אין דערהיים האָט ער זיך אָנגעהויבען צוצוקוקען — און עס קרענקט איהם.

די אָרימקייט און די נויט, וואָס לעדערער האָט געליטען אין זיין יוגענד איז איהם געלעגען טיעף אין די ביינער, האָט זיך איינגעגעסען אין זיין בלוט. און זי האָט איהם נישט געלאָזט געניסען פון לעבען, אַפילו ווען ער האָט עס שוין געקאָנט... ביז היינטיגען טאָג האָט לעדערער געהאַט אַ געוואוינהייט אָפּצוּוועגען יעדען שריט וואָס ער געהט טהון — צי עס וועט איהם חלילה נישט אומברענגען. און דאָס, דוקא אין קלייניגקייטען. ער האָט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט געקאָנט פאַרגינען אַ גאַנץ שטיקעל צוקער אין דער קאַווע, כאָטש זיסע קאַווע איז געווען ביי איהם אַן אויסער־געוועהנליכע דעליקאַטעסע. ער האָט געמוזט דאָס שטיקעלע צוקער ברעקלען אויף צוויי חלקים, איינס פאַר יעצט און איינס באַהאַלטען אויף שפּעטער. ער האָט זיך נישט פערגונען אָנצושמירען אַ דיקע שאַכט פוטער אויף אַ פלעצעל ברויט, כאָטש ער האָט ליעב געהאַט אַ סך פוטער, אַ שרעק... דוקא אין קלייניגקייטען האָט זיך אַרויסגעוויזען זיין קמצנות. עס איז לייכטער געווען ביי איהם אַרויסצובאַקומען טויזענד דאָלאַר איידער אַ פּאָר

סענט. זיין אויטאָמאָביל איז געשטאַנען און געראָסטעט אין גאַראַזש, כאָטש ער האָט אויסגעהאַלטען אַ שאָפער, דערפאַר וואָס ער האָט איבערגערעכענט, אַז מיט דער סאָבוויי וועט עס איהם אויסמאַכען ביליגער צו פאָהרען אין זיין ביזנעס אַריין, איידער מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. און דאָס איז נישט געווען אויס קאַרגשאַפט, נאָר אַזוי ווי דער אָרימאַן, וואָס איז אַריין אין איהם אין זיין פאָטער׳ס שטוב, האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזען זיין גוף אַפילו אין די רייכע צימערען פון זיין פלעט־בושער ווילע.

לעדערער האָט באַלד באַמערקט, אַזוי ווי ער איז נאָר צוגעקומען צום טיש, אַז מען פערטאַכלעוועט אין זיין הויז צופיעל פוטער און צוקער; אַז וואָס עס ווערט קאַליע עסענוואַרג אין זיין שטוב, וואָלטען זיך געקאָנט דערנעהרען אַ פּאָר משפחות. אייגענטליך איז היינט אויפ׳ן טיש נישט אָנגעשטעלט מעהר ווי אַן אַנדערס מאָל, און עס איז נישט מעהר פערטאַכלעוועט געוואָרען פוטער און צוקער ווי אַן אַנדערס מאָל. נאָר וואָס לעדערער׳ן האָט פערדראָסען און געקרענקט, איז די פרייהייט, די זעלבסט־פאַרשטענדליכקייט און נישט איבערגעטראַכקייט, מיט וועלכע עס באַנוצען זיך זיינע קינדער מיט זיין גוטס, מיט זיין רייכטום — מיט זיין פוטער און צוקער... ביז איצט האָט ער עס באַמערקט און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נאָר זיינע קינדער מקנה געווען זייער וואוילטאָג: פאַרוואָס האָב איך עס נישט געהאַט אין מיין יוגענד? פאַרוואָס האָב איך עס מיר נישט געקענט ערלויבען? יעצט, ביים טיש, ביים פרישטיק, האָט ער איבערגעע׳חזר׳ט, אַרויסגעזאָגט אייגענטליך דאָס, וואָס איז געלעגען אויף דעם לעבער און וועגען וועלכען ער האָט זיך ביז איצט געשעמט צו רעדען.

— גיב נאָר אַ קוק דאָס רחבות, גיב נאָר אַ קוק די ברייטקייט — די פוטער, דעם צוקער — האָט עפּעס לעדערער געשטאַמעלט פאַר זיך.

דאָס ווייב מיט דער טאָכטער האָבען איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: וואָס וויל ער, אייגענטליך, דער טאַטע? אַז זיי זאָ-

פֿען נישט באַנוצען קיין פּוטער מיט צוקער? — פֿאַרוואָס נישט האָס: איז עס דען אַזאַ גרויסער קאָסט, אַז מען בעדאַרף זיך דערמיט רעכענען? וואָס וויל ער, זיי צושטערען זייער פֿרישטיק?

און לעדערער אַליין האָט זיך עפּעס אויך צוריקגעכאַפּט פֿערשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר דעם פֿאָרוואורף — וואָס וויל ער פֿון זיי? ער האָט דערפֿיהלט די קנאה, וואָס ברענט אין איהם צו זיינע אייגענע. און ווי עפּעס פֿערענטפֿערענדיג זיך, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען זיין אייגענער יוגענד, וועגען זיין הונגער.

— ווען איך בין געווען אין דיינע יאָהרען, סטעלאַ, האָב איך מיר דאָס נישט געקאָנט ערלויבען, האָב איך געמיינט אַז איך בין רייך, ווען איך האָב געהאַט טרוקען ברויט.

— איז, אַלזאָ, וואָס ווילסטו, אַז צוליב דעם זאָל זי אויך נישט עסען? דערפֿאַר וואָס דו האָסט געהונגערט אין דיינע יונגע יאָהרען?

סטעלאַ, ווי די אַנדערע קינדער, האָט שרעקליך פֿיינט געהאַט און נישט געקאָנט פֿאַרטראָגען, ווען דער פֿאָטער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען פֿון זיינע הונגער־יאָהרען, פֿון זיין געוועזענער אָרימקייט. זיי האָבען אין דעם געזעהן אַ פֿאָרוואורף, דערפֿאַר וואָס זיי הונגערען נישט, און עפּעס הינטען אַרום דערפֿיהלט די קנאה, דעם טאַטען'ס קנאה.

— דער טאַטע האָט שטענדיג אַ גרויס פֿערגעניגען צו שטערען אונז דעם אָנבייסען, צו פֿערביטערען דעם ביסען אין מויל, איך וואָלט געוואונשען, אַז איך זאָל קענען פֿאַרלאָזען דאָס הויז ווי אַמשנעלסטען — און סטעלאַ האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַוועק פֿון טיש, אויסווישענדיג זיך די טרערען פֿון די אויגען.

דער אַלטער לעדערער האָט איינגעזעהן זיין שולד און איז געבליבען זיצען שווייגענדיג, שולדיג ווי אַ קינד.

— ווייסטו וואָס, מיין מאַן, וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז צייט דו ביזט אַרויס פֿון די ביזנעס, איז פֿון דיר נישט איבער־

צוטראָגען, איך וואָלט דיך געראַטען, אַז דו זאָלסט זיך נעמען עפּעס צו אַ בעשעפטיגונג, אַז נישט וועלען מיר אַלע דאָ משוגע ווערען ביי דיר. אפשר וואָלסטו זיך געווען הייגט אַריבערגעספּאַצירען אין די ביזנעס? מאָריס האָט שוין געפרעגט אויף דיר, וואָס מען זעהט נישט דעם טאַטען.

— אַזוי! מאָריס האָט שוין געפרעגט אויף מיר, וואָס מען זעהט נישט דעם טאַטען. פאַרבענקט זיך נאָך מיר, האַ? און וואָס נאָך? — און לעדערער האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז אַרויס אויף די וועראַנדע. און דאָס פרישטיק איז צושטערט געוואָרען.

אייגענטליך, האָט זיך לעדערער אַליין אויפגעהויבען הייגט אין דער פרי מיט דער געדאַנק נאָך פרישטיק זיך דורכצושפּאַצירען אין די ביזנעס, צו זעהן ווי דאָרט זעהט אויס אָן איהם. נאָר דערפאַר וואָס דאָס ווייב האָט עס דערמאָנט, און נאָך מעהר, צוליב דעם וואָס זיין זוהן מאָריס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהם — אין וועלכען ער האָט דערפיהלט די גאַנצע פאַלשקייט פון זיין זוהן — האָט ער זיך געטראַכט: ניין. און געזאָגט הויך בייסענדיג זיינע אָהן-בעוואָנסטע ליפּען:

— אַזוי לאַנג קרענקט ער.

מיסטער מאָריס לעדערער — זיין זוהן איז גאָר געווען אַ גאַנץ אַנדערער מענש פון זיין פאָטער. קודם כּל שוין אַ גאַנץ אַנדערע ערציהונג געהאַט. כאָטש דער יונגער לעדערער איז נישט געבאָדען געוואָרען אין קיין האָניג און מילך און ער האָט זיינע קינדער-יאָהרען פערבראַכט אין די הייזער פון נאָרפאָלק און עסעקס סטריט, ביי דער קאַרגער גאַז-רעהר, ביי אויל-פערפלעקטער לייווענד פון העמדער, וועלכע מען האָט גענייהט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין — אָבער זיין היים איז מעהר געווען די גאַס, די שול, דער שפּיל-פּלאַץ, ווי די אָרימע שטוב. ער האָט די אָרימקייט נישט געדענקט און נישט געוואָלט געדענקען. די גאַס האָט איהם געגעבען אַ דרייסטקייט, וועלכע

האָט איהם אויסגעלערענט מיט ברייטע עלענבויגענס אויסצוּקעמפּען פאַר זיך אַ וועג. דער שפּיל-פּלאַץ — אַ האַרטען רוּקען-ביין, צו געבען אַ קלאַפּ און נעהמען אַ קלאַפּ, די געשיקטקייט פון פאַלען און בלייבען שטעהן... און די שול — אַ בעוועגליכקייט צווישען מענשען, אַן אויבערפלעכליכע אויסגעשליפענקייט און אַ שפּראַך אין מויל. בעוואָפּענט מיט די כלי-זיין, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן ברייטען שליאַך פון אַמעריקאַנער לעבען. אַלס זיבעצעהן, אַכצעהן-יעהריגער אינגעל איז ער אַריין אין פּאָטער׳ס געשעפט, וועלכעס האָט זיך נאָך געפונען אויף דער איסט סייד און איז געווען גאַנץ קליין. צוערשט אַלס צוהעלפער, האָט ער באַלד ענטוויקעלט אַ נישט-צוריקשטעהענדע טעטיגקייט, מיט דער דרייסטקייט פון אַ מוטיגען, וואָס האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט. עס איז אייגענטליך געווען דער אַכצעהן-יעהריגער מאָריס לעדערער, וועלכער האָט די ביזנעס אַרויסגעשלעפּט פון דער אָרימער איסט סייד אויף דעם ברייטען בראָדוועי שליאַך (וועגען דעם געהט אָן צווישען פּאָטער און זוהן אַ לאַנג-יעהריגע שטיל-שווייגענדיגע קאָנקורענץ און קנאה). זיינע פעהיגקייטען, זיין אומגעהן מיט מענשען, קענען דאָס לשון, האָבען אויס מאָריס׳ן געמאַכט דעם אנגענעמען מאַן, ער איז געוואָרען אַן איינגעהער אין די בענק, געקריגען דעם נויטיגען קרעדיט, איבערלאָזענדיג דעם טאַטען די אויפגאַבע אָפּצוגעבען זיך מיט דער אינערליכער ארבייט — אָדער ווי מאָריס האָט עס אָנגערופען — „צו דילען” מיט זיינע לאַנדסלייט.

צווישען אַנדערע זאַכען, ווי, למשל, דעם פּאָטער׳ס שטענדיגע „גרינקייט”, שלעכטען ענגליש רעדען, זיין לעבען אויף דער איסט סייד, האָט מאָריס זיין פּאָטער נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זיין פּאָטער איז אַ „ניהיליסט” (דאָס וואָרט האָט ער געהערט אַמאָל פון דעם רעווערענד פון זיין טעמפּעל, און ער האָט עס שנעל אַריינגעכאַפּט אין זיין לעקסיקאָן צו באַרייכערן

זיין לשון). מאָריס האָט פון זיין יוגענד אָן געשטרעבט צו קומען וואָס אַמאָל העכער אי אין ביזנעס, אי אין געזעלשאַפט־ליכען לעבען. ער האָט באַלד דערפיהלט, אַז איינער פון די וועגען, וואָס פיהרען אויף דעם לייטער פון צופאַלען איז דער „קלוב" און דער „טעמפעל". און מאָריס האָט פון יונגערהייד אָן בעלאַנגט צו אַ פינף, זעקס קלובען. געווען א „פריימוירער" פון אַ הויכען קלאַס. נאָר אַם שטאַרקסטען האָט מאָריס געהאַל־טען פון אַ „קאָנגרעגיישאָן". ביז, שליסליך, ער איז געוואָרען אַ גאַנצער מאַכער אין אַ טעמפעל, אין פערשידענע צדקה־אַנ־שטאַלטען, נישט אָפשטעלענדיג זיך אַפילו פון צו געבען גרוי־סע נדבות פון די ביזנעס אַרויס. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז, פון ביזנעס שטאַנדפונקט, אַ גוטער געשעפט. דער אַלטער לעדערער, ווידער, האָט נישט בעלאַנגט צו קיין טעמפעל, — געהאַלטען, אַז דאָס איז געגען זיינע איבערצייגונגען — נישט געווען טעטיג אין קיין צדקה־אַנשטאַלט, אַ חוץ אין אַ פּאָר איסט סיידישע לאַנד־מאַנשאַפטען, וואו ער האָט בעצאָהלט, אויס געוואוינהייט, זיינע אָפּצאָלונגען, נישט קומענדיג אויף קיינע מיטינגען. איבריגענס, ער האָט זיך פיינט געהאַט צו שטופּען.

דער אַלטער לעדערער האָט זיך בעטראַכט פאַר אַ ראַ־דיקאַל. פון זיין ראַדיקאַליזם איז איהם דאָס איינציגע איבער־געבליבען — זיין אפיקורסות. זיין אפּיקורסות איז געווען דער איינציגער „גלויבען", וואָס ער האָט געהאַט. פּונקט ווי אַן אַל־טער פרומער איד האלט זיך אָן זיין גלויבען, אַזוי האָט זיך לעדערער געהאַלטען אָן זיין אפיקורסות. ער האָט מורא געהאַט עס צו פערלירען. און וויפיל זיין משפחה, דאָס ווייב, די קינ־דער, האָבען נישט געאַרבייט מיט איהם, אַז ער זאָל בעלאַנגען צו אַ טעמפעל, אויפווייזענדיג איהם, אַז דאָס שטערט זיי אין זייער געזעלשאַפטליכער שטעלונג; אַז אַלע זיינע פריינד בע־לאַנגען צו טעמפעלס, צו „צענטערס", — האָבען זיי נישט גע־קענט ביים פאָטער פועל'ן. לעדערער'ן האָט זיך געדאַכט. אַז

זיין „אפיקורסות" איז דער איינציגער פאַדים, וואָס פערבינדט איהם מיט זיין יוגענדליכען אידעאַל. און אַזוי ווי א פרומער איד וויל נישט פערלירען זיין אמונה, אַזוי האָט לעדערער נישט געוואָלט איבערשניידען מיט דעם „אידעאַל" פון זיינע יונגע יאָהרען.

דאָס האָבען די קינדער איהם נישט געקענט מוחל זיין און אם מערסטען מאָריס, זיין עלטערער זוהן. מאָריס האָט פון זיין קינדהייט אָן דוקא יאָ געהאַט אַ נייגונג צו רעליגיע, און דאָס נישט אויס פרומקייט, נאָר אויס געוואוינהייט. ער האָט עס געזעהן ביי אַלע זיינע חברים. פאַרוואָס זאָל ער זיין אַנדערש? פערקעהרט, ער האָט געזעהן, אַז אין אַנדערע הייזער זענען די פאָטערס פרום, יאָגען די קינדער צו דאַווענען און די קינדער ווילען נישט. און ביי זיי אין שטוב איז אַזוי נאריש: דער פאָטער דאַווענט נישט, געהט קיינמאָל נישט אין קיין שול, האַלט נישט רעכט פון קיין יום-טוב. האָט דעם פאָטערס אַפיקורסות ווי עס טרעפט זיך אָפט אין אַזעלכע פאַלען, אַרויסגערופען ביי איהם א בענקשאפט נאָך די צערעמאָניעס פון דער אידישער אמונה. די קינדער האָבען „גענאַשט" רעליגיעזע מנהגים אין שכנ'ישע שטובען, ביי קאָלעגען, ביי פריינד: אַ קידוש הערען, אַ סדר אָפריכטען און אנדערע צערעמאָניעס.

אַז זענען קליין געווען, האָבען זיי געשוויגען, געבורטשעט אין דער שטיל. אַז זיי זענען עלטער געוואָרען, האָבען זיי פראָטעסטירט אין דער הויך.

— טאַטע מיינט, אז ער איז נאָך אין דער אַלטער היים, וואו מען האָט זיך געהאַלטען אין איין ארומשלאָגען מיט'ן צאַר און מיט גאָט. דאָ זענען מיר אין אַמעריקע, דאָ האָבען מיר נישט קיין „צאַר". דאָ בעדאַרף מען נישט קיין רעוואָלוציאָנערען און אַלע אנשטענדיגע מענשען געהען אין טעמפעל, טאָ פאַרוואָס געהט דער פאָטער נישט, — האָט דער עלטערער

מאָריס, געטענה׳ט פאַר אַלע און די גאַנצע משפחה האָט איהם מיטגעפּיהלט.

עס איז געווען, ווי די גאַס, פון וועלכער לעדערער איז אַרויסגעקומען, איז מיט איהם מיטגעגאַנגען אין זיין „היים״. די נאַקעטקייט, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, האָט ער אין זיין שטוב מיטגעבראַכט. די אַטמאָספערע פון „היים״, וואָס עס גיבען די אידישע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווי פריי־טאָג־צונאַכטס, יום־טוב, האָט לעדערער נישט געקענט געבען זיין הויז. און אַן אנדער אַטמאָספערע, וואָס זאָל מאַכען זיין שטוב „היימיש״ פאַר זיינע קינדער, האָט לעדערער נישט געהאַט; ער איז אומ־פעהיג געווען צו שאַפען. איז פאַקטיש זיין שטוב איבערגעבלי־בען היימלאָז, נאַקעט און קאַלט. האָבען די קינדער זיך געזוכט א „היים״ אַזוי גיך, ווי זיי זענען נאָר צום שכל געקומען.

מאָריס האָט געמאַכט דעם אָנהויב. באַלד פון יוגענד אָן, ווי ער איז נאָר אַביסעל געקומען אין די פעדערען, האָט ער זיך געזוכט אַן׳אַנדער היים, ער איז פאַרפאַלען געוואָרען אויף גאַנצע אָווענדען ביז, שליסליך, ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן עפּעס א „דייטשמערישע״ פאַמיליע, אין אַן אונגאַרישע, צי א גאַליציאַנער, מיט אַן אַלטען טאַטען, וואָס ער האָט פּינקטליך און ריכטיג אָבגעהיט אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַלע רעלי־גיעזע יום־טובים. די משפחה איז זיך צוזאַמענגעקומען איינמאָל אין דער וואָך צום אַלטען טאַטען, די מאַמע האָט געבאַקען גוטע קעז־קיכלעך, מען האָט אָנגעהאַלטען פאַמיליען־יום־טובים. יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט מען זיך געלאָזט צוזאַמען אָבפאָטאָגראַפירען, געפּראַוועט געבורטסטאָגען, געהאַלטען אין איין מאַכען פאַמיליען־פערוויילונגען. מאָריס האָט דאָרט געפונען די „היים״, וואָס האָט אים אין דער היים געפעהלט. און באַלד זיך אָנגעשלאָסען אָן איהר.

שוין אַלס חתן האָט ער אויסגעמידען זיין פאָטערס שטוב. און נאָך דער חתונה, (וואָס אַגב, פונקט ערב חתונה האָט זיך

דער אַלטער לעדערער געמאַכט אַ ברוגז און איז נישט געקומען, און צוליב דעם קען אים נאָך מאָריס נישט מוחל זיין ביזן היינטיגען טאָג), האָט זיך מאָריס אינגאַנצען דערווייטערט פון זיינע עלטערן און איז אינגאַנצן איבערגעגאַנגען צו דער משפּחה פון זיין פרוי.

נאָך איהם האָט עס נאָכגעטהון דער צווייטער זוהן, יאַקאָב, און יעצט האַלט עס שוין אין טהין זיין טאָכטער.

דער אַלטער לעדערער האָט פיינט געהאט מאָריסעס נייע פאַמיליע שנאת-מות. ער האָט דעם נאָמען פון די „דייטשען" (ווי ער האָט זיי גערופען) נישט געקענט הערען; די „דייטשע שנאָרערס", וועלכע האָבען זיך אריינגעגנבעט אין זיין משפּחה אַריין און צוגענומען פון איהם דעם זוהן. ער האָט זיין שנור געזען אינגאַנצען צוויי מאָל אין זיין לעבען, אי דאָס ביי ספּעציעלע געלעגענהייטען, ווען מאָריס האָט אַ ברית געמאַכט. און צוליב דער שנור האָט ער דעם זוהן פיינט געקראָגען. „ס'שטינקט שוין פון איהם דער דייטש אַרויס". ער האָט געזען, ווי דער זוהן באַלאַנגט וואָס אַמאָל מעהר צו דער דייטשער משפּחה, נעמט אָן אַלע מידות, אַלע געוואוינהייטען פון די „דייטשען". זיין קריכערישען גייסט, ווי ער בלאָזט זיך אין די טעמפּלען, ווי ער ווערט אַ מאַכער אין די פאַרשידענע צדקה-אַנשטאַלטען, ווי ער שטרעבט צו ווערען עפּעס אַ בעאַמטער, אַ וויצע-גבאי אין אַ באַקאַנטער חברה, ווי ער אפּישירט זיך מיט זיין צדקה-געבען, וואָס ער נעמט אַרויס פון די ביזנעס, האָט דער אַלטער לעדערער אָנגערופען: „דער דייטש קריכט אַרויס פון איהם."

יאָהרען-לאַנג איז ער מיט זיין זוהן ברוגז געווען, כאָטש זיי האָבען גאַנצענע טעג געאַרבייט אין איין ביזנעס. איינער איז צום אנדערען נישט געקומען, און ווען עס האָט זיך געמאַכט עפּעס צו רעדען אין די ביזנעס, האָבען זיי זיך באַשרענקט אויף טרוקענע געשעפטליכע זאַכען. ערשט צו דער גרויסער פייערונג, צו לעדערערס זעכציגסטען געבורטס-טאָג, ווען דער

אַלטער לעדערער האָט באשטימט אַרויסצוטרעטען פון די ביזנעס און זי איבערצוגעבען זיינע זיהן — ערשט פאַר דער גרויסער פייערונג איז געקומען דאָס גרויסע איבערבעטען זיך, ביי אַ פריוואַטען מיטאָג-עסען מיט זיין פאַמיליע, נאָך יאָהרען און יאָהרען. דער זוהן האָט געוויינט דערביי, די מאמע האָט גע-וויינט און די שנור, וואָס איז אייגענטליך צום ערשטען מאָל געוועזען אין הויז פון איהר שווער, האָט געוויינט דערביי, ווען דער זוהן האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צום פאָטער מיט די ווערטער: „טאַטע פערגיב מיר, ווען איך בין נישט געווען גוט צו דיר, נאָר איך האָב דיך שטענדיג ליב געהאַט. איך האָב שטענדיג געאַכטעט אין דיר דעם פאָטער און דעם עהרליכען ביזנעס-מאַן". אַלע האָבען געוויינט: די קינדער, די אייניקלעך, אפילו די דינסט, וואָס האָט דאָס עסען דערלאַנגט און איז אין דער טהיר שטעהן געבליבען. נאָר דער אַלטער לעדערער איז געבליבען האַרט ווי אַ שטיין. קיין איין קנייטש האָט מען נישט געזעהן אין זיין פנים. צוערשט האָט ער אפילו געשלאָגען זיך מיט דער דעה: זאָל ער געבען דעם זוהן די האַנד, איבער-בעטען זיך מיט איהם, אָדער נישט — ער האָט פיינט געהאַט די „סצענעס". ענדליך האָט ער צו איהם אויסגעשטרעקט לאַנג-זאַם די האנד און ער האָט געזאָגט איין וואָרט:

— עס איז אָל-ראַיט.

צומאָרגענס אָבער, ביי דער גרויסער פייערונג אין איינעם פון די שעהנסטע זאַלען פון א גרויסען האָטעל אין שטאָדט, וואָס זיין זוהן האָט צום דעם צוועק איינגעאָרדענט, ווען דער זוהן האָט, אָהן דעם פאָטערס וויסען, געבראַכט צו דער פייע-רונג דעם רעוורענד פון זיין טעמפעל און דעם פאָרזיצענדער פון דער צדקה-אַנשטאַלט, פון וועלכער דער זוהן איז וויצע-פאָרזיצענדער, און נאָך בכבוד'ע לייט, צו וועלכע דער זוהן רייבט זיך, האָט דער פאָטער דערפיהלט דעם קריכערישען גייסט פון זיין זוהן. עס איז איהם אַלעס געווען דערווידער

און עס האָט זיך צופלאַקערט אין איהם זיין אַלטע פיינדשאַפט צום זוהן... און נור מיט מי האָט ער אויסגעהאַלטען, אַז ער זאָל עס נישט אַרויסווייזען ביי דער פייערונג. אָבער צומאָרגענס האָט ער עס באַלד דערלאָזט פיהלען דעם זוהן:

„אַז עס בלייבט ביים אַלטען"....

IV

„רוקענס"

אָבער עס איז דאָך גאָרנישט געווען אַנדערש צו טהון, נאָר צו געהן כאָטש צוריק אין ביזנעס אַריין.

די ביכער, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט, האָבען אים נישט באַפרידיגט, אַ טייל פון זיי האָבען ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל און צום הונדערטסטען מאָל באַשטעטיגט, אַז קיין גאָט איז נישטאָ, אַז קיין רעליגיע איז נישט קיין אמת׳ע, און באַפעסטיגט דאָס מיט ראיות, וועלכע ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע אַמאָליגע יאָהרען, און מיט נייע ראיות וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער יאָ פאַרשטאַנען און אַנדערע נישט. אָבער, וואָס איז יאָ דאָ? וואָס בעדאַרף דער מענש טהון, אַז ער זאָל לעבען דאָס ריכטיגע, דאָס אמת׳ע לעבען?

אַ טייל פון די ביכער האָבען עפּעס יאָ אָנגעוואונקען אויף אַ וועג. נאָר דער וועג איז געווען אַזוי פערוויקעלט און מען האָט געדאַרפט אַזוי פיל קענען דערצו, אַז וויפיל חיים לעדערער האָט נישט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצען געדאַנק צו פערטיפען זיך און צו כאַפּען דעם מיין דערפון — האָט ער גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגען. ער האָט זיך שטאַרק פערפלאָנטערט אין די פערשידענע „סיסטעמען". עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער טאַפּט אָן ריגען, איין רינג האַלט ער אין דער האַנט, די אַנדערע פאַרלירט ער, נאָר צום עק פון דער קייט דערגעהט ער קיינמאָל נישט.

אָבער עס מוז דאָך עפּעס זיין אַזעלכעס, פאַר וועלכעס און און צוליב וועלכעס דאָס מענשליכע לעבען איז בעשאַפען געוואָרען? עס קען דאָך נישט זיין, אַז דער מענש איז נאָר אַן אַרבייטס-מאַשין. און ווען דו האָסט אָפּגעטהון די אַרבייט — געה אין ניוועץ אריין.

אָבער עפּעס טהון האָט ער דאָך געמוזט. עס איז איהם אַליין פאַר'מיאוס'ט געוואָרען דאָס זיצען שטענדיג אין דערה״ים און „עסען" דאָס ווייב (די טאָכטער סטעלאַ האָט איהם א צט געזעהן אויסצומיידען און זי האָט גאָר אויף אַ געוויסער צייט איבערגעצויגען צום ברודער, וואָס דאָס האָט דעם אַלטען אונגעהויער געקרענקט), צו יאַדען און צו עצה'נען זיך מיט דער דינסט, וואָס פאַרע מיטאָגס זי זאָל איהם קאָכען -- ווי פאַר אַ קראַנקען, האָט ער אַמאָל זיך געטראַכט, נאָך אַ פרישטיק: איך וועל אַראָבפאָהרען אין די ביזנעס אריין, זעהן ווי עס זעהט דאָרט אויס אָהן מיר.

ער האָט שוין לענגסט געהאַט אַ גרויסען חשק דאָס צו טהון. ער האָט זיך צוריקגעהאַלטען ביז איצט צוליב פערשידענע טעמים. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט האָבען קיין נחת, מן הסתם האָט דאָך שוין דער „דייטש" דאָרט איינגעפיה״ט זיינע נייע וועגען. צווייטענס, האָט ער געוואָלט וויזען דעם זוהן, אַז ער איז אַוועק פון די ביזנעס נישט דערפאַר ווייל ער האַלט זיך שוין פאַר אַלט, נאָר צוליב עפּעס אַ העכערען ענין וואָס ער האָט אויפצוטהון אין זיין לעבען. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער געהט באַלד צוריק אין די ביזנעס וועלען אַלע וויסען, אַז ער לויפט צוריק, דערפאַר ווייל ער האָט נישט וואָס אַנדערש צו טהון.

אָבער איצט, האָט ער געדענקט, איז גענוג צייט אָפּגעלאָפען, אַז עס זאָל זיך פּאַסען פאַר אַ וויזיט. ער האָט זיך ריין אַ־ומגעגאַלט, אָנגעטהון זיין בעסטען אַנצוג, זיין בכבוד'יגסטען איבערציהער, נישט אין געוועהנליכע ביזנעס-קליידער, כדי מען זאָל גלייך זעהן, אַז ער באַלאַנגט נישט מעהר דאָרט אַהין און אַז ער איז נאָר אַ באַזוכער.

דער לאנגער זאל, וואו עס האט זיך געפונען די „ביזנעס", איז אין מיטען העלען טאג (כאטש אין דרויסען האט האט ליכטיג געשיינט די זון), בעלויכטען געווען מיט עלעקטרישע לאמפען. דער פערסאנאל איז געווען בעשעפטיגט פאר זייערע „אפיס"-טי־שען, מיט דער רוטינע ארבייט פון יעדען טאג, בעדינענדיג די קליענטען וואס זענען געקומען פון דער פרעמד איינצוקויפען.

אלע האבען גלייך בעמערקט, אז דער אלטער „שעף" איז אריינגעקומען. טייל בעזיכטער האבען או פגעלויכטען מיט פרייד און נייגיריגקייט. אלטע מיטארבייטער, וועלכע פערנעהמען אנגע־זעהענע פאסטענס, האבען זיך אויפגעהויבען און זענען איהם אקעגען געגאנגען צו בעגריסען. צווישען זיי איז אויך געווען דער נייער „אויפזעהער", מיסטער זעליג.

— אך, מיסטער לעדערער, וואס מאכט איהר? ווי געהט עס אייך? מיר האבען זיך אלע שוין פערבענקט נאך אייך.

לעדערער האט אבגעענטפערט אויף די בעגריסונגען קאלט און לאקאניש. קאלט האט איהם געמאכט דאס „טרפה׳נע בלוט". דאס „טרפה׳נע בלוט" האט דער אלטער לעדערער אנגערופען דעם זוהן׳ס „משפחה". ווארים מיסטער זעליג, דער נייער „אויפזעהער", איז געווען מאריס׳עס א שוואגער, מאריס ווייב׳ס ברודער.

„די דייטשען פערפעסטיגען זיך — האט ער ביי זיך גע־טראכט — קוים האב איך נאר א פוס ארויסגעטראטען, שלעפט ער זיי שוין אריין".

— וואו איז מיסטער נוסבוים? — פרעגט דער אלטער, גארנישט אומקוקענדיג זיך אויף דעם נייעם אויפזעהער, ווי ער וואלט איהם גארנישט בעמערקט.

— מיסטער נוסבוים ארבייט איצט אויבען, אין דער הויך.

— אין שאפ?

— יעס. מיסטער זעליג פערנעמט איצט זיין ארט אונטען — הייזט אן אלטער מיטארבייטער אן אויף דעם נייעם אויפזעהער.

לעדערער קוקט איהם נישט אָן, ווי ער וואָלט איהם נישט געזעהן, פרעגט ער.

— און וואו איז מיין זוהן?

— מאָריס איז אַנגאַזשירט אין אַ ביזנעס „לאָנטש". מיסטער נייפעלד פון סינסינעטי איז דאָ אין שטאָט. געמאַכט אַ גרויסע בעשטעלונג.

דעם אַלטען האָט יעצט שוין פאַרדראָסען: „מאָריס", האָט ער געזאָגט, נישט „מיסטער לעדערער", ווי די אַנדערע, מעשה משפחה: און „מיסטער נייפעלד איז דאָ", מעשה שותף — האָט דער אַלטער אין זיך געטראַכט.

ער האָט געגעבען אַ קוק אויף דעם יונגענמאַן, איינעם פון יענע בליקען, וואָס דער אַלטער לעדערער האָט געקאָנט אַרויסגעבען פון זיינע גרויע, גרויסע אויגען, פון אונטער זיינע געדיכטע — אַמאָל שוואַרצע, היינט גרויע — שטאַרקע ברעמען, וועלכע האָבען אַ פראָסט איינגעפרוירען אין די ביינער פון זיינע אָנגעשטעלטע און אַרויסגעיאָגט דעם לעצטען אָטעם פון זיי. מיט אַזאַ בליק האָט ער איהם אָפּגעמאָסטען:

— אין די ביזנעס איז „מיסטער לעדערער", נישט „מאָריס", פערשטאַנען! — און האָט זיך געגעבען אַ דרעה אויס פון איהם, איבערלאָזענדיג דעם יונגענמאַן אַליין.

אַלעס איז אין דעם יונגענמאַן רויט געוואָרען: זיין אומנאַטירליך וויים געזיכט, ביז צו זיינע ווייכע אויערען, ביז צו זיינע בלאָנדע האָר.

לעדערער איז אַריין אין דעם פריוואַטען אָפיס פון שעף, וועלכער איז געווען פאַרשטעלט מיט געשויבטע ווענט און מיטען פונ׳ם גרויסען געשעפט, אַזוי אז מען האָט פון פריוואַטען אָפיס געקאָנט אַרויסקוקען פון אַלע פיר זייטען און זעהן וואָס עס טהוט זיך אין דער גרויסער ביזנעס.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים נייעם מאַהאָגענעם טיש, וועלכען נישט לאַנג צוריק האָט ער פערנומען. און היינט פער-

נעהמט איהם זיין זוהן. עס איז איהם עפּעס נישט בּעקוועם גע־וועזען צו זיצען. דער שטוהל, אויף וועלכען ער איז אָפּגעזעסען יאָהרען לאַנג, איז פערטווישט געוואָרען אויף אַ נייעם, אויף אַ מאָ־דערנעם, אַ בּעוועגלכען.

דורך די שויבּען פון דעם אָפיס האָט לעדערער געזעהן די גאַנצע בּעוועגונג וואָס איז אָנגעגאַנגען אין געשעפטס־לעבּען, בּיי די אָפיס־טישלעך: דאָס קלאַפּען פון די שרייבּ־מאַשינען; דאָ בּע־וויזט מען מוסטערן צו קויפערס, דאָ בּעווייזט מען אויס און מ׳זוכט אויס די פּאַסענדע סחורות, מען ווארפט אויף פערשידענע מוסטערן פון לייוונד, געצייג, ציץ; בּיי אַן אַנדער טישעל האַנ־דעלט מען אונטער מיט די קויפער וועגען טערמינען. יעדער טי־שעל האָט אַן אַנדערע פונקציע. לעדערער איז מיט אַמאָל שטאָלץ געוואָרען אויף זיין לעבּען. ער האָט פערגעסען דעם קליינעם אונאַנגענעמען אינצידענט וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין זוהן׳ס שוואָגער. „נאָך אַלעמען, איז דאָך מיין לעבּען נישט אַוועק אומ־זיסט״ — האָט ער בּיי זיך געטראַכט — און דאָס וואָס איך האָבּ בּעגרינדעט אַזאַ געשעפט, אויפגעבּויט אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס גיט אַזוי פיל מענשען די מעגליכקייט אַ „לעבּען״ צו מאַכען, אויסהאַלטען זיי, איז דאָס נישט געווען קיין אויפגאַבּע פון מיין לעבּען? איך, איך האָבּ דאָך דאָס געמאַכט, געשאַפען; איך, חיים לעדערער, מיט מיינע צעהן פינגער; פאַר מיר איז גאָרנישט געווען. איך האָבּ עס אָנגעהויבּען, איך האָבּ עס איינגעפּעדעמט און פון מיר איז עס געוואָרען.

ער האָט געהאַט אַ פערלאַנג איצט צו זעהן זיין גאַנץ לע־בּענס-ווערק, די גאַנצע מאַשין, וואָס ער האָט געלאָזט אין גאַנג, קיהלען זיך מיט אַן אונגענעהם וו־נטעל פון דער היץ, וואָס די פּראַגען פון זיין „זיין״ האָבּען געבּרענט אין איהם; אָנאָטעמען זיך מיט האָפנונג, מיט מוט, מיט קוראַזש, פון זיין אייגען לעבּענס־ווערק.

ער האָט פערלאָזען דעם אָפיס און איז אַליין אַרויפגע־

גאַנגען אויף די אויבערשטע עטאַזשען. וואו די אַרבייטער האָבען געאַרבייט אין די שעפּער, צו דער פּערוואונדערונג און ערשטוי־נונג פון אַלע זיינע אָנגעשטעלטע.

אין דעם שאַפ, וואו עס האָט געקלאַפּט דער דופק פון זיין לעבענס־מאַשין מיט דער גאַנצער קראַפט, איז ביי איהם נאָך מעהר פערפעסטיגט געוואָרען דער געדאַנק פון זיין לעבענס־ווערק. ער איז פערטויבט געוואָרען פון רעש פון זיינע אייגענע מאַשינען, וואָס ער האָט געלאָזט אין גאַנג. און מיט אַ כּישוף׳דיגען שטראָם, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון די עלעקטרישע מאָטאָרס, איז ער ווי עלעקטריזירט געוואָרען אין געווירבעל פון אַרבייט, אַזוי ווי ער וואָלט ווידער געוואָרען אויפגעצויגען אויף איינע פון די פילע לעדערנע פּאַסקעס וואָס האָבען בליץ־שנעל זיך געדרעהט אַרום די רעדער. לעדערער האָט זיך ווידער געפונען אין זיין עלעמענט!

וואו זיין אויג האָט געקאָנט דערגרייכען, האָט ער געזעהן די לאַנגע שורות מיט מאַשינען, וואָס זענען געיאָגט געוואָרען פון אַן אומגעזעהענער געהיימער קראַפט, וואָס מלאכי חבלה אין אַ גהינום האָבען ערגעץ־וואו דאָרט אַרויסגעלאָזט... ביי די מאַ־שינען — איינגעהויקערטע, קליינע מענשעלעך, מיט איינגעבויגע־נע רוקענס... איינע נאָך דער אַנדערער — שורות מיט רוקענס... מאַשינען און רוקענס... קיין פּנים׳ער האָט מען נישט געזעהן, די פּנים׳ער זענען געווען איינגעטונקט אין די וועלעלען פון לייווענט וואָס האָבען זיך געהויבען אַרום זיי, אָדער זיי זענען אפשר גאָר־נישט געווען... האָט עס אויסגעזעהן, ווי דער רוקען איז אַ טייל, אַ שטיק, אַ פּאָרטזעצונג פון דער מאַשין... שפּעטער האָבען זיך אַנטפּלעקט הענט, באַוועגליכע הענט, צוזאַמען מיט באַוועגליכע פליהענדע, בלאָזענדיגע לייווענט, ציץ... אין אַ זייט זענען גע־שטאַנען די גרויסע „קאַטערס״ (צושניידערס). דאָס זענען געווען די איינציגע „מענשען״ אין דער גרויסער, גרויסער־פאַבריק. גרוי־סע קאַטערס שטעהען אויף שטעגדערס ביי זייערע שנייד־רעדער. פון זייערע שנייד־מעסערס ציהען זיך אַרויס — ווי וואַסער פאַ־

לען — אַ ווייסער שטראָם פון לייווענט, וואָס צופליסט זיך צווי־שען דער לאַנגער שרענגע רוקן מאַשינען — און ווידער זעהט מען גאַרנישט, נאָר האַקענדיגע, שוואַר־אָטעמדיגע לעבעדיגע מאַ־שינען, איינגעבויגענע רוקענס און בעוועגליכע הענט, אויף ווייסע בעוועגליכע לייוועגט...

דער אַלטער לעדערער איז געבליבען שטעהן ביים אַריינ־גאַנג פון זיין שאָפּ און געקוקט אויף די לאַנגע לאַנגע שרענגעס רוקען-מאַשינען און איז שטאַרק פערוואונדערט געבליבען. קיינ־מאָל האָט ער זיין שאָפּ נישט געזעהן אין דעם ליכט, ווי ער האָט זיך ענטפּלעקט איצט פאַר זיינע אויגען. ס׳האָט זיך איהם אויס־געדאַכט, אַז דאָס איז נישט קיין שאָפּ, דאָס זענען נישט קיין מענשען און נישט קיין טויטע מאַשינען. אַז דאָס איז איין גרויסע, גרויסע לעבע־דיגע חיה, וואָס אָטעמט מיט הונדערטער אָטעמס און בעוועגט זיך מיט טויזענדער הענט, און בויגט זיך מיט אונצעהליגע רוקענס, נאָר אַ נשמה און אַ ווילען האָט זי איינע — די גרויסע שאָפּ-חיה, וואָס בויגט איין אַלע איהרע רוקענס מיט אַמאָל, דרעהט מיט אַלע איהרע רעדער און שאַרט מיט אַלע איהרע הענט; ווי עס הויבען זיך די פּעכערס ביי דעם אָטעמען פון אַ גרויסען פיש, אָדער ווי אַ טשערעפּאַכע שטופּט איהר פיל־געקעסטעלטען ביינערדיגען שילד אונטער זיך, אַזוי אַרבייט און אָטעמט די גרויסע שאָפּ־חיה, מיט אַלע איהרע הענט, מיט אַלע איהרע רעדער, מיט אַלע איהרע רוקענס — ליאַרעמט מיט אַן אָטעם, פּלומפּענדיג לופט-איין-לופט-אויס מיט איהרע לונגען און זי ווערט געטריבען פון קראַפט, פון איין ווילען, פון איין נשמה.

לעדערער איז שטאָלץ געוואָרען אויף זיך: „דאָס האָב איך אין גאַנג געלאָזט מיט מיין לעבען; דאָס האָב איך געשאַפען די חיה" — און זיינע טריט זיינע געוואָרען זיכערער. ער האָט אָנגע־הויבען צו געהן איבער די שורות רוקענס. נאָר איצט האָט זיך עס אָנגעהויבען אויפצוויקלען. די „חיה" איז זיך צופאַלען אין טויזענדער שטיקער... פון די רוקענס זיינען מענשען געוואָרען.

איינצעלנע, באַזונדערע, אינדיווידועלע מענשען, אַלטע און יונגע, מיטעליעהריגע, מענליכע, ווייבליכע; פנימ'ער מיט שוואַרצע פאַרפעדערטע האָר, פנימ'ער מיט גלאַט פאַרקעמטע האָר און פנימ'ער אָהן האָר... גראָבע נעז, דינע נעז, ברייטע ליפען, רונדע גאָמבעס לאַכענדיגע אויגען, טרויעריגע אויגען; אויגען וואָס בעהאַלטען זיך פאַר שעמעוודיגקייט, אויגען וואָס קוקען דרייסט, מיט פרעכהייט, אויגען וואָס פרעגען, אויגען וואָס ענטפערען... אויגען וואָס בעטען זיך, אויגען וואָס בייזערען זיך... אַזוי האָט יעדער רוקען געהאַט אַ פנים, אַ שטערען, אויגען, אַ גאָמבע, — אַ מענש... טייל האָבען אַרויפגעקוקט צו איהם פון דער ארבייט מיט פאַרוואונדערונג: אַנדערע האָבען איהם גאָרנישט באַמערקט, פאַרטויב געוועזען אין דעם רעש פון די קלאַפענדיקע רעדער, פאַרכישופ'ט געוועזען אין דעם עלעקטרישען שטראָם, וואָס האָט געשלעפט די מאַשין, די הענט, לייוועגט... אַנדערע האָבען בעמערקט, אַז אַ מענש שטעהט הינטער זיי, אַנדערע האָבען עס גאָרנישט בעמערקט. אַזוי האָט לעדערער דורכגעשטופט זיך דורך די שורות רוקענס און איז וואָס אַמאָל פעסטער געוואָרען, שטאַרקער און קלערער.

— דאָס האָב איך זיי אַזוי אַוועקגעזעצט, דאָס האָב איך געמאַכט. איך בין דער פאָטער פון זיי אַלעמען, איך גיב זיי דאָס שטיקעל ברויט, איך האַלט אויס זייערע ווייבער, זייערע קינדער— דורך מיין ענערגיע, דורך מיין קראַפט, — דורך מיין לעבען...

ענדליך איז ער אָנגעקומען אין אַ פעררוקט ווינקעל פון זיין גרויסען שאָפּ. וואו עס זענען געזעסען די „פינישערס" (די אויספאַרטיגערס). עס איז געוועזען אַ „רעשטעל" פון מענשען. ווי איבערגעבליבענע „שטיקלעך" האָבען זיי זיך דאָ צוזאַמענגעקליבען: אַלטע אידען, אַלטע פרויען און יונגע, גאַנץ יונגע מיידלעך. צווישען די אַלטע אידען האָט לעדערער דערקענט זיין אַלטען, גוט בעקאַנטען אַרבייטער מרדכי. „מרדכי מיט די הערנער", האָבען איהם די לאַנדסלייט גערופען. פאַרוואָס געדענקט ער אַליין נישט. מרדכי האָט בעאַרבייט ביי לעדערער'ן כמעט פון ערשטען טאָג

אָן, ווען ער האָט צוגענומען פרעמדע הענט. מרדכי׳ס רונדיג פנימ׳ל (דער איד האָט געהאַט אַ פּנימ׳ל ווי אַ קינד), מיט דעם רונדיגען גרויען בערדעל, איז לעדערער׳ן פאַרגעקומען אַזוי בעקאַנט, אַז עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער זעהט אין דעם איידעג׳ס פּנים זיין גאַנץ פערגאַנגענע לעבען, זיין גאַנצע קאַריערע, אַלע זייגע וואוינונגען וואָס ער האָט געהאַט, אין וועלכע מען האָט געאַרבייט; אַלע לאַנגע זומערדיגע טעג און די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט, וועלכע מען האָט פערבראַכט צוזאַמען ביי די העמדער... נאָר מרדכי איז דאָך, דאַכט זיך, שוין אַוועק, אַזוי, ווי ער. צי מרדכי איז שוין געהאַט געשטאָרבען? מרדכי איז דאָך נישט געווען מעהר, און דאָ איז ער ווידער דאָ צוריק, אַזוי ווי עס וואָלט ערשט געווען דער אָנהויב, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אויף „נאָרפאָלק סטריט”. באָס און אַרבייטער האָבען זיך דערפרעהט—כמעט ווי זיך אַרומגעכאַפּט.

— מרדכי?

— יעס! — רופט אויס מרדכי מיט פרייד, און לאָזט פאַלען דאָס העמד פון דער האַנט און קראַצט זיך מיט פרייד אין גרויען קאָפּ אַריין — גיט׳ס נאָר אַ קוק, דער אַלטער באָס איז דאָך ווידער צוריק דאָ!

— וואָס טוסט דו דאָ? דאַכט זיך, ביזט דאָך שוין אַוועק פון דער אַרבייט!

— אַזוי ווי איהר. — זאָגט מרדכי — אודאי בין איך שוין אַוועק פון דער אַרבייט. נאָר איך וועל אייך זאָגען מיט אַן אמת, באָס, איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טהון, בין איך צוריקגעקומען.

— וואָס הייסט?

מרדכי הויבט זיך אויף פון שטוהל און דערצעהלט פאַר׳ן באָס די גאַנצע מעשה:

— די קינדער געהט עס, אָהן עין־הרע, גאַנץ גוט. אַממעהרסטען דעם איידעם. די טאָכטער האָט גוט געטראָפען, גאָט צו דאַנקען, ער איז אַ קאָנטראַקטאָר, אַ מאָלער אַ קאָנטראַקטאָר, און עס

געהט איהם גאַנץ גוט. אַ גוטע ביז גאָר — גאָט זאָל איהם גע־
בען געזונט און לעבען. די אַנדערע קינדער געהט עס אויך נישט
שלעכט. זענען זיי אַמאָל געוועןביים טאַטען צו גאַסט, אַ זונטאָג
אויף דער נאַכט, האָבען זיי זיך דורכגערעדט, די קינדער: וואָס
באַדאַרף דער טאַטע אַרבייטען? ער האָט שוין גענוג געאַרבייט
זיין גאַנץ לעבען, שוין צייט אָפּצורוהען, יעדער איינער וועט אָפּ־
וואַרפען אַ פּאָר דאָלאַר אַ וואָך... „אַ ציגאַר אַ טאָג“ וועט מען
קענען דעם טאַטען אויסהאַלטען. אודאי האָב איך זיך דערין אָנגע־
כאַפּט — אַזאַ גליק! די בײנער אַמאָל אָפּרוהען. זיי האָבען גע־
האַלטען וואָרט — אַזאַ יאָהר אויף מיר. יעדען זונטאָג אָווענד גע־
בראַכט דער מאַמען די פּאָר דאָלאַר אין שטוב אַריין, מיט אַ
רעשטעל נאָך דערצו און אַ מתנה אויך. איך האָב זיך אַרומגע־
דרעהט איין וואָך, איך האָב זיך אַרומגעדרעהט צוויי וואָכען —
ווי לאַנג איז דער שיעור זיך אַרומצודרעהען? עס איז מיר מיאוס
געוואָרען דאָס ליידיג געהן. וואו וועל איך געהן? אין בית־המדרש
אַריין תהלים זאָגען? אין אַמעריקא איז נישטאָ קיין בית־המדרש.
און דאָ, דרעה זיך ארום איינער אַליין. אַלע אַרבייטען בייטאָג.
עס נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען, אַ חוץ מיט אַלטע
ווייבער. וואָס זאָל איך טהון? מיין אַלטע זאָגט, אַז איך זאָל זיצען
אין גערטענדל און זיך וואַרימען אין דער זון, עס איז גוט פאַר'ן גע־
זונט צו וואַרימען זיך אין דער זון. ווי לאַנג איז דער שיעור צו
וואַרימען זיך אין דער זון? איך בין מיר אויסגעקומען, איהר
זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די רייד, ווי אַ קליין קינד צוריק. האָב איך
זיך מישב געווען: וואָס וועל איך נעמען דאָרט פון די קינדער
געלט, אַז סיי ווי סיי האָב איך נישט ליעב דאָס לעדיג געהן. עס
רינט מיר נישט צום געזונט אויך, איך קען נישט פאַרדייען דאָס
עסען, אַז איך געה אַרום ליידיג, איך וועל צוריק געהן צו דער
אַרבייט. איך האָב מיך געבעטען ביי אייער זיהן ער זאָל מיך צו־
ריק נעמען. איך בין מיר צוריקגעגאַנגען צו מיין אַלטען „דזשאַב־
פאַרפאַלן, דער שאָפּ האָט שוין אַזאַ בייזען כישוף. קוים ביזטו

אריינגעפאַלען אין איהם, וועט ער דיך האַלטען אין זיינע צוואַנגען, ביז דו וועסט דעם לעצטען אָטעם אָפּגעבען, ביז דו וועסט די לאַפּעטעס אויסציהען... איך בעדאַרף נישט דאָ זיצען — אסור! נאָר וואָס זאָל איך טהון? אַזוי לאנג שוין אָפּגעזעסען אין שאַפּ, זאָל ער שוין די רעשט פאָר יאָהרען, וואָס ס׳איז איבערגעבליבען צום לעבען — אויך צונעמען!

דער אַלטער לעדערער איז געבליבען שטעהן. עס האָט זיך איהם געדאכט, אַז ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין דעם אַלטען מרדכי, און דאָס רעדט נישט מרדכי, נאָר ער, ער, חיים לעדערער, רעדט דאָס פון איהם אַרויס...

ע

דער וואָלף און זיין הויז

אַז דער אַלטער מיסטער לעדערער איז אַראָבגעקומען פון דער הויך, פון שאַפּ, האָט ער געטראָפען, אַז זיין זוהן מאָריס איז שוין געוועזן צוריקגעקומען פון ביזנעס, מיט דעם גרויס־קויפער מיסטער בייפעלד, פון סינסינעטי. מאָריס, א הויכער, אַ ברייטביינינער, מיט'ן גלאַט־ראַזירטען פּנים, האָט מיט זיינע געדיכטע שווארצע ברעמען דערמאָנט אָן פאָטער, אָבער נאָר מיט די ברעמען. די לאַנגע פאַלדען פון זיינע באַקען, זיין גרויס פּנים, זיין פריי, אָפען, שטאָלץ האַלטען זיך — אַלץ איז גע־ווען פון ווענען אַנדערש און ווער אַנדערש.

צו דעם אַלטען האָט זיך אַזוי אויסגעוויזען, צו טאַקע דערפאר, וואָס דער שוואָגער האָט שוין געהאַט דערצעהלט מאָ־ריסן, וואָס פאַר אַ „ברוך הבא" ער האָט געהאַט פון זיין פאָ־טער — לעדערערן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיין זוהן האָט איהם צוגענומען קאַלט, כאָטש מאָריס האָט געטהון אַלצדינג, דעם פאָטער צו בעווייזען אַכטונג און גערירטקייט. עס איז אמת, ווען מען האָט איהם געהאַט געזאָגט, דאָס דער פאָטער איז אַרויפגעגאַנגען צו די אַרבייטער אין שאַפּ, האָט ער געמאַכט א בייזע, אונצופרידענע גרימאַסע. עס איז געווען אינגאַנצען געגען דעם סיסטעם, דעם ריינעם ביזנעס־סיסטעם, וואָס ער האָט געהאַט איינגעפירט אין געשעפט נאָכדעם ווי ער האָט עס אי־בערגענומען. אָבער מאָריס האָט ביי זיך אָבגעמאַכט (צייט דער

פאָטער איז אַרויס פון ביזנעס און ס׳האָט אויפגעהערט די אמתע אורזאַכע פון זייער געגענזייטיגער אַנטיפּאַטיע — די קאָנקורענץ), אַרויסווייזען דעם פאָטער טיפע אַכטונג און אונטערטעניגקייט. קיין מורא האָט ער שוין נישט געהאַט פאַר איהם. ער, מאָריס, איז דער איינציגער באָס אין געשעפט און צו דעם גאַנצען פאַסאָן, ווי מאָריס האָט זיך אונטערגענומען צו פיהרען זיך, האָט עס איהם געפאַסט דעם טאַטען צו עהרען און צו אַכטען, אזוי ווי ס׳פיהרט זיך אין אַלע פאָרנעהמע הייזער, אויף װעלכע מאָריס האָט זיך פאַרקוקט און געוואָלט נאָכטהון. מאָריס האָט ביי זיך אָבגעמאכט, אַז וואָס דער אַלטער וועט נישט טהון, יעדענפאַלס פאַר מענשען, וועט ער צו איהם אַרויסווייזען די איבערטריבענסטע צערטליכקייט, געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניגקייט. און טאַקע, קוים האָט מאָריס דערזעהן דעם פאָטער, האָט ער אלץ געלאָזט שטעהן, איהם אַנטקעגען געלאָפען, אָנגענומען איהם צערטליך אונטער׳ן אָרעם און אויסגעפרעגט איהם וואָס ער מאכט, און איבערגעבעטען טויזענד מאָל, וואָס ער איז נישט געוועזן ווען דער פאָטער איז אָנגעקומען, און פאַרוואָס האָט דער פאָטער נישט אָנגעקלינגען, אַז ער קומט אַראָב אין די ביזנעס. נאָר דעם אַלטען לעדערער האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז דער זוהן רעדט פאַלש, חניפהדיג, פאַר מענשענס וועגען, כדי צו בעווייזען די אָנגעשטעלטע, ווי איידעל און פיין, ער, מאָריס איז ערצויגען. און נאָך עפּעס האָט איהם געקרענקט: עס האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז מיט דער איבערגעטריבענער צערטליכקייט, וואָס דער זוהן ווייזט איהם אַרויס, גיט ער איהם דערמיט אָנצוהערען, אַז ער איז שוין אַרויס פון די ביזנעס, אַז ער איז שוין אַ „עובר־בטל״. וואָס צערעמאָניעט ער זיך אַזוי מיט מיר? — האָט זיך דער פאָטער געטראַכט. צי עס געוועזן די אַלטע, יאָהרען־לאנגע שנאה, וואָס האָט געהערשט צווישען טאַטע און זוהן, וואָס האָט זיך ווידער יעצט געשטעלט צווישען זיי?

דער אַלטער האָט כמעט נישט אָבגעענטפערט אויף מאָרי־סעס האַרצליכע באַגריסונגען. אין דעם פּריוואַטען קאַבינעט, וואו דער זוהן האָט דעם פאָטער געוואָלט אריינפיהרען, האָט ער נישט געוואָלט געהן, זיך אַרויסגעמאַכט פון אונטער דעם זוהנס אָרעמס און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דעם מיס־טער נייפעלד.

— ווי געהט עס, מר. נייפעלד? שוין לאַנג אייך נישט געזעהן! פאַרוואָס זענט איהר דאָס אַזוי פאַרשוויגען געוואָרען? וואָס הערט מען אין ביזנעס?

מר. נייפעלד איז געווען אַן אַלטער ביזנעס־פריינד, איינער פון די ערשטע קליענטען פון דער פירמע. געקענט די פירמע ווען זי איז נאָך געווען א קליינע, ווען מען האָט ערשט אָנ־געהויבען, און פאַרן אַלטען לעדערער איז עס געווען אַן אמת־ער פאַרגעניגען צו זעהן דעם אַלטען נייפעלד, דעם עדות פון זיין ערפאָלג. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז עס זענען צוריקגעקומען די צייטען, ווען ער, לעדערער, האָט ערשט אָנ־געהויבען.

דער וואָלף איז צוריק אַריין אין זיין פעל. צי דאָס איז געווען די ביזנעס־אַטמאָספערע, וואָס ער האָט איינגעשעפּט אין זיך זייענדיג אין דער הויף, אין שאָפּ. ער האָט זיך געוואָלט פערגעסען, און ער האָט זיך טאַקע געהאט פערגעסען דער אַלטער לעדערער. עס האָט זיך איהם אויסגעווי־זען, אַז ער איז קיינמאָל נישט אַוועק פון געשעפט, אַז ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבען אַ ניי לעבען. ער איז צוריק גע־וואָרען לעדערער פון דער פירמע „לעדערער ענד סאָן".

ער האָט אָנגענומען דעם אַלטען נייפעלד אונטערן אָרעם און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען, האָט ער איהם צוגעפיהרט צום שטאַנד, וואו עס זענען געלעגען די מוסטערן, און דער אַלטער לעדערער אַליין האָט אָנגעהויבען אויפצוואַרפען פאַר נייפעלדן די מוסטערען איינעם נאָך דעם אַנדערען און דערביי,

באַנוצענדיג זיין אַלטען סוחרישען טריק, זיין רעדנער-קראפט און זיין ביזנעס-חוש.

— איך זאָג דיר, נעם דאָס, אַלטער „באַי", ערשט אָנגעקומען פון די שפּינעריייען. קיינער האָט דאָס נאָך נישט. די מאַרקאָמיטשעס קאָנען זיך איבערדרייען הונדערט מאָל איידער זיי וועלען באַקומען איין שטיקעל ווארע אַזעלכע. פּאַרקאָנטראַקטיר די גאַנצע אויסאַרבייטונג. נעם עס אין האַנד. דין און איידעל, ווי זייד, און דערביי שטארק ווי אייזען. אַביסעל נאָר צו איידעל פאַר דער נעגערישער הויט. אָבער דערפאַר זעה דעם גלאַנץ, די ליכטיגע קאָלירען. אַזאַ נעגער וועט דיר אָנקוקען אַזאַ העמד, וועט ער שוין דערפון נישט אַוועקגעהן. עס פּישופּט דער קאָליר, עס מאַכט ליכטיג און יום-טובדיג. איך זאָג, אַז דאָס איז דיין „נומער". דו ווייסט, אַז איך קען דיינע ביזנעס און איך האָב דיך קיינמאָל נישט געראַטען צו שלעכטס. פאַרלאָז דיך אויף מיר. הע, מיסטער קאַנטאָר, קומט דאָ אַהער מיטן „אָרדער-בוך" — רופט ער צו אַן אָנגעשטעלטען.

מאָריס איז צוריק אַריין אין זיין פּריוואַטען אָפיס. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזען זיין כעס פאַר די אָנגעשטעלטע. ער איז בלייך געווען, ווי די וואַנט. זיינע באַזלעכער האָבען געציטערט און זיין גאַנצער שטארקער גוף האָט זיך געטרייסעלט. נישט דעם פאָטערס אַראָגאַנטישע, ברוטאלע אָפּווענדען זיך פון איהם האָט איהם פאַרדראָסען, נאָר וואָס דער פאָטער צעברעכט, אַלע רעגעלען וואָס ער, מאָריס האָט איינגעפיהרט אין די ביזנעס, זיין גאַנצען סיסטעם. און ער טוט דאָס עפענטליך, פאר אלע אָנגעשטעלטע. אַזאַ זאַך איז שוין נישט געהערט געוואָרען זינט די לעצטע פאָר יאָהר, זייט זיי האָבען זיך אַריינגעצויגען אין נייעם לאָקאַל אַריין אויף בראָדוויי. אַז דער „שעף" אַליין זאָל ווייזען אַ קויפער מוסטערען. צו דעם זענען דאָך די אָנגעשטעלטע, וואָס מיינט ער, וואָס, ער איז צוריק אויף נאָרפאָלק סטריט, אָדער אויף עסעקס סטריט?

ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה וואָס צו טהון. ווי אַזוי צו האַנדלען. ער איז געווען צופיל ביזנעסמאַן, אַז ער זאָל ברעכען אַזוי שנעל, ביי דער ערשטער שטערונג, אַ בע־שלוס וואָס ער האָט אָנגענומען צו בעהאַנדלען דעם פאָטער מיט רעספעקט און אַכטונג, אין וואָס פאר אַ פאַל עס זאָל נישט זיין, און אַממעהרסטען פאַר מענשען. אָבער אַזוי ווייטער קאָן עס דאָך נישט געהן. ערשטענס, ברענגט ער אַריין דערמיט אַ גאַנצע דעמאָראַליזאַציע, ער צושטערט אַ גאַנצען סיסטעם, וועלכען ער, מאָריס, האָט אַזוי שטרענג איינגעפיהרט נאָכ׳ן פאָטערס אָבטרעטען פון געשעפט, אויסצוראָטען דעם פאמיליאַרען טאָן, וואָס דער פאָטער האָט מיטגעבראַכט פון דער איסט־סייד און אוועקשטעלען דאָס געשעפט אויף אַ ריינעם, שטרענגען, גרויס־שטאָדטישען ביזנעס־וועג. באָס איז באָס, און אָנגעשטעל־טער אין אָנגעשטעלטער. ער האָט דערפיהלט דאָס לאַכען, דעם שפאָט און חוזק, וואָס די אָנגעשטעלטע מוזען לאַכען יעצט אין די פויסטען אַריין איבער דעם, וואָס דער אַלטער לעדערער ווייזט אַליין די מוסטערען; די ווערטלעך וואָס מען וועט דער־נאָך זאָגען, אויף זיין אַדרעס, צווישען זיך. זיין גאַנצער אוי־טאָריטעט ווערט דערמיט אונטערגעגראָבען. און וואָס וועט זיין, ווען דער פאָטער וועט יעדען טאָג אַראָבקומען אין די ביזנעס אַריין און אָבטהון איהם אַזעלכע שטיקלעך? ניין, ער מוז גלייך עפּעס טהון. אָבער ווי אַזוי זאָל ער עס מאַכען, אַז עס זאָל נישט זיין אויפפאַלענד און עס זאָל דעם אַלטען נישט קרענקען?

ער האָט שוין שטרענג געוואונקען צו אַ פּאָר אָנגעשטעל־טע, וואָס זענען געווען דערצו באַשטימט, אַז זיי זאָלען פון פאָטער צונעמען די מוסטערען און זיי זאָלען בעדינען נייפעלד׳ן. אָבער דער פאָטער האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך און די אָנגעשטעלטע האָבען נישט געוואַגט אַנטקעגענשטעלען זיך דעם אַלטען, אפילו אונטער די שמיץ פון די שטרענגע בליקען פון

זייער באָס. מאָריס האָט שוין אפילו געלאָזט אַראָבגרופען פון דער הויך נוסבוים'ען, דעם אַלטענס רעכטע האַנט, וואָס ער האָט פערטרוישט מיט זיין שוואָגער זעליג. נוסבוים איז געווען דער עלטסטער אָנגעשטעלטער און קיינער האָט נישט געקענט אַזוי גוט אומגעהן מיט'ן אַלטען ווי נוסבוים.

— נוסבוים, געהט אַהין און נעמט צו ביים טאַטען די „סעמפעלס", (די מוסטערען) אָבער מאַכט עס אַזוי, אַז ער זאָל נישט בעמערקען, אז קיינער זאָל עס נישט בעמערקען. פערשטאַנען? — זאָגט צו איהם מאָריס מיט א וואונק.

נוסבוים איז צוגעגאַנגען, אונטערגע'גנב'עט זיך ווי א קאַץ און געפרובט נעמען די מוסטערען פון דעם אַלטענס האַנט.

— וואָס דאַרפט איהר זיך מיהען, מר. לעדערער? איך וועל שוין בעדינען נייפעלד'ן.

אָבער דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט אָוועקריהרען פון אָרט. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז עס איז די אמאָליגע יאָהרען. ער, לעדערער, אַרבייט אויף אַ ביזנעס. ער איז אַלעס. ער איז דער באָס; אומעטום מוז ער זיין אַליין. פון איהם קויפען די קליענטען; ביי איהם מאַכען זיי גרעסערע בעשטעלונגען; ער ווייס יעדענס געשמאַק און בעדערפעניששען — ער איז אַלעס. ער איז דער גרינדער, דער שעף. דער באָס — ער איז „לעדערער ענד סאָן".

— ניין, נוסבוים, נייפעלד'ן מוז איך אליין בעדינען. איך קען זיינע ביזנעס און איך ווייס וואָס ער דאַרף. קיינער דאָ ווייסט עס נישט ווי איך. מען קען איהם נישט געבען קינדערשטאָף פאַר גרויס-שטעדטישע „דענדיס" (קאַוואַליערען). ער בעדאַרף האָבען די ריכטיגע סחורה פאַר זיינע ניגערס. איך קען שוין זיינע ביזנעס פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר. ווי לאַנג איז עס, ווי מיר האַנדלען צוזאַמען, נייפעלד? מיר קענען זיך איינער דעם אנדערען, ווי לאַנג שוין? — לייגט

דער אַלטער צו נאָך אויף אידיש אויך, „איסט סיידיש״... און דאָס איז שוין נישט געווען איבערצוטראָגען.

מאָריס האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבען. און וואָס ער האָט אַממעהרסטען מורא געהאט איז, אַז דער אַלטער זאָל עס נישט שטענדיג טהון: אַז ער זאָל מאָרגען ווידער נישט אַריינקומען. ניין, ער מוז עס באלד פון אָנהויב אָן אָבּ־שטעלען, און אויף אַזא אופן, אַז דער פּאָטער זאָל וויסען, אַז דאָס איז די ענד; ער זאָל עס נאָכאַמאָל נישט וואגען, און מעג עס זיין ווי אונאנגענעהם.

ער האָט זיך אונטערגענומען דאָס צו מאַכען אַזוי איידעל און פיין און אָהן שמערצען פאַר׳ן פּאָטער ווי מעגליך. אָבער עס איז נישט אַזוי אַרויסגעקומען. איז עס געווען די אַלטע שנאה וואָס האָט שוין אויך איין זוהן אויפגעבּרענט?

— פּאָטער, איך האָב עפּעס צו רעדען מיט אייך. קומט אַריין, זייט אַזוי פריינדליך, מיט מיר אין אָפיס — האָט מאָריס געזאָגט, צוגעהענדיג צום פּאָטער און איהם גענומען, צאַרט אָבער מיט ענערגיע, אונטרן אָרעם.

דער פּאָטער האָט זיך אומגעקוקט אויף איהם מיט ער־שטוינונג.

— דו זעסט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען מיט מיסטער נייפעלד. מיר וועלען שפּעטער רעדען.

— מר. נייפעלדן וועלען באַדינען די אָנגעשטעלטע, וואָס זענען באַשטימט צו דעם, אָדער מיסטער נוסבוים.

— איך קען מר. נייפעלדס ביזנעס אַמבּעסטען און איך וויים וואָס ער בעדאַרף — פּרובט דער אַלטער צו רעדען אין זיין פארגעסענקייט — קיינער קען נישט אַזוי נייפעלדס ביזנעס ווי איך.

— לאָז געמאך מיט נייפעלדס ביזנעס. קום מיט מיר, טאַטע. נוסבוים, באַדינט מיסטער נייפעלד, אָדער ניין, נוסבוים,

איהר געהט צוריק צו אייער אַרבייט. בלום, רובינשטיין — רופט ער שטרענג אויס.

די צוויי פּאַרקויפערס האָבען זיך גלייך באַוויזען אויף דעם אָרט, אויף זייער באָס רוף, דערשראָקענע.

— איהר קענט נישט אייער באַשעפטיגונג? איהר ווייסט נישט וואָס איהר האָט צו טהון? פאַרוואָס באַדינט איהר נישט מר. נייפעלדן — זאָגט מאָריס אין אַ שטרענג „עקזעקיטיוועןʺ טאָן צו זיינע אָנגעשטעלטע, ווי ער וואָלט געבען דער זאַך אַ ווענדונג, אַז עס איז די גאַנצע שולד פון די אָנגעשטעלטע. ער אַליין געהט אָב מיט זיין פאָטער, וועלכען ער האַלט איידעל, אָבער גענוג ענערגיש אונטערן אָרעם, צו זיך אין זיין פּריוואַט קאַבינעט.

— וואָס האָסטו מיר צו זאָגען אזעלכעס? — זאָגט דער אַלטער לעדערער צו זיין זוהן, אַ בלייכער און אַן אויפגע־רעגטער.

— ווילסט דיך נישט זעצען, פאָטער? — זאָגט מאָריס מיט אנגענעמען, איינלאַדענדען שמייכעל.

— ניין! — רופט אויס דער אלטער לעדעדער, און האָט דאָס געפיהל צוצוגעהן צום זוהן, אַרונטעררייסען פון זיין קלאַפּע־לעכעל דעם בריליאַנטענעם צייכען פון אַ „פריימויערערʺ, און צו וואַרפען דעם זוהן אין פנים אַריין.

— מר. נייפעלד איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער קויפער, אַז מיר באַדאַרפען זיך אַזוי נאָך איהם נאָכיאָגען. אַז דו, טאַטע, זאָלסט איהם אַליין באַדינען. עס איז נישט שעהן פאַר די אָנ־געשטעלטע. און דאַן האָבען מיר אַ נייעם סיסטעם אין די ביזנעס— נישט נאָכצולויפען די „בייערסʺ (קויפערס) און צו חנפהנען זיי. דאָס איז געווען גוט אַמאָל, ווען די ביזנעס זענען געווען קליין און מיר האָבען זיך גענויטיגט אין זיי. דאָס איז אפשר געווען גוט פאַר דער איסט־סייד, נאָר „לעדערער ענד סאָןʺ געפינט זיך נישט מער אויף נאָרפאלק סטריט. „לעדערער ענד סאָןʺ געפינט

זיך אויף בראָדוויי און פאַרנעמט דריי שטאָק און זיי זענען איינע פון די פּרינציפּיעלע ביזנעס אין דער בראַנזשע. אונז פּאַסט שוין נישט צו חנפהנען זיך צו אַ מיסטער בייפעלד, ווייל ער קויפען איז דאָ אַ אָנגעשטעלטער דערצו, נישט דער שעף אַליין.

דער אַלטער לעדערער האָט אויסגעהערט דעם זוהנס מוסר. ער האָט דערפילט, אַז דער זוהן האָט רעכט, און דאָס האָט איהם נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין כעס. ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט נישט וואָס צו ענטפערען דעם זוהן. איבערגעבליבען איז נאָר פאַרדרוס, פאַרדרוס אויף זיך אַליין, אויף זיין אָרעמקייט, אויף זיין פאַרלאָרענקייט, אויף זיין דערשלאָגענקייט, צוזאַמענגע־קנאָטען מיט אַ שטאַרקער קנאה, וואָס האָט אין איהם געברענט אומבאוואוסט, איבער דעם זוהנס מעכטיגקייט.

— וואַרפסטו מיך פאָר, אַז איך האָב זיך געחנפהט צו מיסטער בייפעלד. יאָ, איך האָב זיך געחנפהט! דאָס גאַנצע לע־בען געחנפהט. ווייסטו פאַרוואָס? — כדי דו זאָלסט זיך נישט דאַרפען חנפענען, כדי דו זאָלסט קענען רעדען אַזוי שטאָלץ ווי אַ גרויסער פּריץ. פאַר אייך אַלע האָב איך זיך געחנפהט, און דו וואַרפסט עס מיר פאָר, גראָבער יונג — האָט דער אַלטער געקאָכט זיך מיט כעס.

— אָל־רייט. אפשר איז עס דאַמאָלס געווען נויטיג — האָט דער זון גערעדט מיט אַ ווייכער שטימע, פיהלענדיג, אַז ער איז דער שטאַרקערער. און דאָס אַליין האָט איהם געמאַכט שוואַכער און נאָכגיביג צום פאָטער — יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענעם וועג אין ביזנעס, איהר, פאָטער, האָט זיך געהאַט אייערען און איך האָב מיר מיינעם. אייער סיסטעם, פאָטער, איז גוט געווען פאַר אייער צייט, ווען די ביזנעס איז געווען קליין. היינט טויג ער נישט. היינט מוז מען די ביזנעס אַזוי פיהרען, אַז מען זאָל זיך נאָך אונז יאָגען, מיר מוזען ווייזען,

אַז מיר שטעהען אויסער קאָנקורענץ און מיר טהוען אַ טובה, אַז מיר פאַרקויפען וועמען, מען מוז דאָך מיר לאָזען מיין איי געגעם וועג, ווי איך זאָל פיהרען די ביזנעס און נישט קומען מיר שטערען — זאָגט דער זוהן, טריאומפירענדיג איבער דעם פאַרלוירענעם פאָטער...

VI

אַביסעל חשבון הנפש

עס איז געוואָרען וואָס אַמאָל ערגער.

איצט האָט ער שוין נישט גע׳חלומ׳ט בייטאָג וועגען אָרימקייט. ער איז שוין גאָרנישט געשלאָפן. ער איז געלעגען אויף, מיט אָפענע אויגען אין דער שווארצער נאַכט אריין, און געטראַכט וועגען זיין לעבען, וואָס איז פערבייגעלאָפען ווי א שלעכטער חלום.

צו וואָס האָט ער געלעבט? וואָס האָט ער געשטרעבט אויפצוטהון מיט זיין לעבען? עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז זיין גאַנצער שטרעבען איז געווען צו אַרבייטען. וואָס איז ארבייט? האָט ער ליעב געהאַט די אַרבייט, וואָס ער האָט געטהון? איז איהם דען זיין אַרבייט אנגענעהם געווען? וואָס פאר אַ בשותפות׳-דיגעס האָט ער געהאַט, וואָס פאַר אַנ׳אינערליכע בעציהונג מיט די העמדער, וואָס ער האָט גענייט? וואָס איז איהם דאָס אָנ-געגאַנגען? די אַרבייט איז דאָך נאָר געווען א מיטעל, כדי א לעבען צו מאכען, כדי געלד צו זאמלען, כדי דערנאָך צו גע-ניסען פון לעבען. וואָס איז אַזוינס ארבייט? האָט ער געוואָלט אַרבייטען? איז עס איהם נישט פער׳מיאוס׳ט געווען יעדען טאָג, יעדען טאָג?

ניין, און הונדערט מאָל ניין. נישט פאַר דער אַרבייט, נישט כדי אַ גרויסע ביזנעס אויפצובויען און הונדערט מענשען חיונה צו געבען, האָט ער געלעבט. די הונדערטער מענשען,

וואָס האָבען ביי איהם געאַרבייט, זענען איהם גאָרנישט אָנגעגאנגען. וואָס פאַר אַ חילוק איז איהם געווען, ווער עס אַרבייט ביי איהם, ווער עס פערקויפט איהם זיינע כחות, זיין צייט און זיין לעבען? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער געהאַט מיט די מענשען און מיט די העמדער, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט און פאַרקויפט. היינט אַזעלכע העמדער, מאָרגען אַנדערע. היינט אזעלכע ארבייטער, מאָרגען אַנדערע. עס זענען געווען העמדער און ארבייטער, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט. מענשען זענען איהם נישט אָנגעגאַנגען — אַבי וואָס מעהר אַרבייט. וואָס מעהר העמדער אַרויסגעבען פון זיך. ניין, און הונדערט מאָל ניין — נישט כדי צו שאַפען פאַר מענשען בעשעפטיגונג איז ער דאָרט אָפּגעשטאַנען פון פרימאָרגען ביז שפעט אין דער נאַכט אין א פערשטויבטען, לאַנגווייליגען, אָהן=זוניגען געוועלב, אין דעם הו=האַ, וואו ער האָט זיין אייגענע שטימע נישט געהערט, וואו ער איז צעריסען געוואָרען אויף טויזענד שטיקלעך א טאָג, דורכ'ן טעלעפאָן, דורך ביזנעסלייט, דורך ארבייטער, דורך קויפער און פערקויפער — דורך אַלדי שוואַרצע יאָהר. וואָלט זיך נאָר געהאַנדעלט אין דעם, כדי צו שאַפען פאַר מענשען בעשעפטיגונג, וואָלט ער גאָר נישט געווען אַזאַ פילאַנטראָפּ. ער וואָלט עס געווען אַוועקגעוואָרפען. קיין איין טאָג וואָלט ער דאָרט נישט געשטאַנען און נישט אַריינגעגעסען אין זיך דעם שטויב און קאַליע געמאכט זיך די ראיה ביים טרויעריגען טעגליכען עלעקטרישען ליכט. ער איז געשטאַנען דאָרט, כדי געלד צו פערדינען, כדי דאָס באַנק=ביכעל זאָל ווערען וואָס אַמאָל פולער מיט דיקליכע ציפערען, מיט נאָך א ציפער און נאָך אַ ציפער, כדי ער זאָל וויסען, אַז ער איז אַ פערזאָרגטער; אז ער וועט מאָרגען נישט בעדארפען טהון דאָס, וואָס הונדערטער אַנדערע טהוען איצט פאר איהם. און דאָס צו דערגרייכען, איז איהם געווען אַלץ איינס, ווי אזוי ער וועט דאָס דערגרייכען, דורך וועלכע מיטלען, צי דורך דער מאַשין, צי

דורך הענד. און וואָלט מען נאָר געווען געלאָזט, וואָלט ער געווען געשניטען די הענד, ווען נישט די פערשאָלטענע יוניאָן, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטען אין איין ארומקריגען און בעטראַכט פאַר זיין גרעסטען שונא. הענד האָט ער געדארפט! וואָס זענען איהם די מענשען אָנגעגאַנגען? ס'איז אַ ליגען, וואָס ער האָט זיך דאָרטען איינגערעדט, ביי זיך אין שאפּ, אַז ער האָט עס געטהון דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט געבען מענשען בעשעפטיגונג, אז ער האָט פאר מענשען אויסגעבויט אַ גרויסע ביזנעס.

ניין, פאַר געלד, פאַר געלד, געלד און געלד. אָבער צו וואָס האָט ער בעדאַרפט דאָס געלד? פאַר זיך אליין? פאַר זיך אליין, אויף זיך אליין האָט ער זיך דאָך געקאָנט באַנוגענען מיט אַ פּראָסט לעבען. פאַר זיך אַליין — וואָלט ער שוין די ביזנעס געקאָנט אַוועקוואַרפען מיט צעהן יאָהר צוריק, מיט פופצעהן יאָהר צוריק; גאָר איבגאַנצען נישט אָנהויבען די ביזנעס. פאַר זיך אליין? ער האָט זיך דאָך געפיהלט פיעל בעקוועמער, אנגענעהמער, רוהיגער און בעסער אין די צוויי צימערען מיט אַ קיך, וואָס ער האָט פערנומען אין דער דריטער סטריט, אויפ'ן דריטען שטאָק, ווען זיי האָבען געוואוינט אויף דער איסט סייד. ווען ער איז אַהיימגעקומען אין אָווענד, האָט איהם שוין דאָס ווייב געהאַט אָנגעגרייט אַ טאָפּעלטע פּאָרציע לאָקשען, וואָס ער האָט אַזוי ליעב געהאַט, געגרייט אויף אַ האַלבער מאשין, אין דער קיך; אַ גוטען הערינג, אַ אוגערקע, אַ פּאָר עקען פון ברייטלעך, אָדער אַ פּאָר אָבגעפרישטע שטיקלעך אידיש ברויט, פענעצלעך מיט מאָן באַשאָטען, אַ חלה אָדער אַ פלעצעל. אויסגעטרונקען דאָס גוטע גלאָז קאווע, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט'ן בלאַט אין דער האַנד און האָט אַרויסגעלעזען נייעס פאַר'ן ווייב; אָדער געלעזען אַ ביכעל. ביז ער איז שלעפעריג געוואָרען און ער איז אַריינגעפאַלען אין בעט אַריין; אַמאָל צוגעגאַנגען הערען אַ לעקציע, ווען אַן'אינטערעסאַנטער

רעדנער האָט גערעדט, אָדער איינהערען זיך צו אַ דיסקוסיע; אַמאָל אויף א מיטינג פון לאנדסלייט, אָדער צו אַ מיטינג פון אן אנדער חברה, צו וועלכער ער האָט געהערט. שפּעטער, ווען זיין ביזנעס איז אויפגעוואַקסען—צוגעגאַנגען אין א קינאָ. זומער—אמאָל ארויסגעפאָהרען אין קוני איילאַנד, אין א שבת, אָדער אַ זונטאָג. ווינטער אַמאָל, אויף אַ לויה פון אַ לאַנדסמאַן, אַרויסגעפאָהרען אויף א בית-הקברות (די צוויי געלעגענהייטען, וואָס ער האָט געהאַט ארויסצופאָהרען הינטער'ן שטאָדט). ער האָט זיך געפיהלט פיעל בעסער און גליקליכער, ווי דאָ, אין די גרויסע צימערן אין פלעטבוש; האָבען צו טהון מיט די דינסטען, און דאָס מעגסטו און דאָס טאָרסטו נישט; און דאָ שטעל זיך נישט און דאָ זעץ זיך נישט, און האַלט זיך אין איין בלאָזען פאר די שכנים, אָדער די שכנים פאר דיר. וואָס האָט ער געדאַרפט פאר זיך אליין? פאר זיך אליין האָט ער דאָך געקאָנט בלייבען דערזעלבער אָרימאַן, וואָס ער איז געווען. עס וואָלט איהם נאָך פיעל בעסער געווען. ער וואָלט נישט געווען אזוי פעריאָגט און פערהאָרעוועט און פערביזנעוועט און האַלטען אין איין נאָכלויפען נאָך עפּעס, ווי אין א געוועט, נישט האָבענדיג א מינוט צייט פאר זיך אליין.

נאָר איצט האָט ער עס! ער האָט געארבייט, ווי יעדער אנדער מענש ארבייט, כדי זיין פאמיליע צו געבען א בעסער און בעקוועמער לעבען; ארויפצוארבייטען א גרויסע ביזנעס, כדי דאָס איבערצולאָזען זיינע קינדער. און אזוי האָט ער טאקע געטהון. זיינע קינדער וועלען שוין נישט דארפען זיין שקלאַפען פון אָרימקייט, ווי ער איז געווען. כדי זיינע קינדער זאָלען זיין פערזאָרגט, כדי זיינע קינדער זאָלען קאָנען איבער אנדערע הערשען, ווי אנדערע האָבען געהערשט איבער איהם. ווי יעדער טאטע טהוט, ווי יעדער מענש אין ביזנעס...

אָבער וואָס זענען קינדער? וואָס איז א פאמיליע? דער גאוה'דיגער, אמביציעזער יונגערמאַן, מיט'ן ברילליאנטענעם

„האַלבע לבנה"-צייכען פון די „פריימויערער" אין זיין לאַץ, וואָס זיין גרעסטע אמביציע איז צו ווערען א פרעזידענט פון א האָספּיטאַל, אָדער פון א אנדער צדקה-אנשטאַלט (נישט פון מצווה וועגען, נאָר ווייל זיין קאָנקורענט וויל עס אויך ווערען)— דער יונגערמאַן איז זיין זוהן — פאַר איהם האָט ער געאַר-בייט, פאַר איהם האָט ער דאָס לעבען אוועקגעשאָנקען, אוועק-געשאָנקען זיין אייגען לעבען, כּדי זיין זוהן זאָל קאָנען לעבען דאָס אמת'ע, דאָס ריכטיגע לעבען. ער איז געווען א שקלאַף, גע'חנפ'עט זיך צו אנדערע, כּדי אנדערע זאָלען זיך חנפ'ענען צו זיין זוהן. געהונגערט, נישט פערגינען זיך קיין איבעריגען ביסען, נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאכט, כּדי ביי זיין זוהן זאָל רינען דאָס פעטס איבערן מויל. געשלעפּט זיך א שלעפּעריגער, פערלאַנגווייליגט איבער די דאַך-באַהנען, כּדי זיין זוהן זאָל שוין קאָנען פאָהרען אין אויטאָמאָבילס. אָבגעזעסען זיין גאַנצען לעבען אין ענגע, פערשטויבטע, דושנע „שאָפּס", צווישען לייוועגט פערפּלעקטע מיט אויל פון דער מאשין. אריינ-געגעסען אין זיך שטויב פון לייוועגט, כּדי זיין זוהן זאָל זיי-צען בהרחבה אין זיין ליכטיגען, שעהנעם קאַבינעט. אויסגעהערט אונטערטעניג געשרייען פון אויפזעהערס און פערשוויגען, כּדי זיין זוהן זאָל קאָנען שטעהן און בעפעהלען אַנדערע. אָבער וואָס איז אַ זוהן? וואָס איז אַ פאַמיליע?

ווען זיינע קינדער זענען געווען קליין, אונבעהאָלפען, איז ער געווען פעראַנטוואָרטליך פאַר זייערע לעבענס. זיי זענען געווען אָבהענגיג פון איהם, אַז ער זאָל זיי שפּייזען. ער האָט געוואוסט, אַז אין דער היים וואַרטען אויף איהם זיין ווייב און קינדער, אַז ער זאָל אַהיימברענגען דאָס פערדינסטעל. ס'פעהלט אויס שפּייז, ס'פעהלט אויס וואַרימקייט, ווען ער ברענגט נישט אהיים די פּאָר דאָלאַר אויף חיונה — האָט ער געמוזט אַרביי-טען. ער האָט געהאַט די ענערגיע צו אַרבייטען פאַר זיי. דורכ-געלעבט דאָס געפיהל פון אַ טאַטע פאַר זיי. אָהן איבערקלע-

רונגען, אָהן חשבונות, אָהן אפילו צו וויסען וועגען דעם, האָט ער געשלעפּט אויף זיך דעם יאָך פון אַרבייט, פון זייער חיונה וועגען.

אָבער קוים זענען זיי אויסגעוואַקסען, האָבען זיי זיך דערפיהלט אונאָבהענגיג, שטאַרק און מעכטיג. פיל שטאַרקער און מעכטיגער ווי ער איז. זיי נעמען אלצדינג, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט און געשאַפען פאר זיי, ווי אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך, נישט איבערקלערענדיג, אָהן זיך אויף עפּעס אָפּצושטעלען. און ווען נישט, געהען זיי זייער אייגענעם וועג (ווי זיין צווייטער זוהן יאַקאָב האָט געטהון). וואָס פאר אַ שייכות האָט ער מיט זיי, אַ חוץ דעם אויבערפלעכליך־איינגערעדטען, פון דער גאַנצער וועלט אָנגענומענעם פאקט, אַז קינדער זענען „קינדער"? „זיין זוהן" — וואָס איז זיין זוהן? אָט דער יונגערמאַן, אַז ער וואָלט געווען אַ פרעמדער, וואָלט ער מיט איהם נישט געוואָלט קיין צוויי ווערטער אויסרעדען. „זיין זוהן", וועלכער פעראַכטעט איהם און האַלט איהם פאַר עפּעס נידעריגערס פון זיך, רופט איהם אָן מיט שפּאָט „ניהיליסט", אַ וואָרט, וואָס ער וויס אפילו נישט דעם טייטש דערפון; האָט פאַר איהם די נידעריגסטע גרינגשעצונג, רופט איהם אודאי אָן ביי זיך „קאַיק", און ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער איהם געוויס פערלייקענט; ווען ער וואָלט איהם געקאָנט איבערבייטען אויף אַנ'אַנדער טאַטען — מיט וואָס פאַר א פערגעניגען וואָלט ער דאָס געטהון! דאָס איז זיין זוהן, דאָס רופט די וועלט „זיין זוהן". אָט דער יונגערמאַן, וואָס איז אויבערפלעכליך, פאַלש, וואָס קיין גאָט לעבט נישט אין זיין האַרצען, בלויז דער נישט־ערשעפּטער חשק רייך צו ווערען, איינפלוס צו קריגען אין זיין באַרישער, פוסטער ספערע, צווישען אַזעלכע הוילע און רויהע יונגען, ווי ער אַליין איז; געהט אין טעמפּעל, ווייל אַלע געהען, ווייל אַזוי פּאַסט זיך. רוקט זיך און שטופּט זיך אין פערשידענע אינסטיטוציעס, ווייל אַנדערע טהוען דאָס. און דאָס איז „זיין זוהן", אַ מענש

מיט וועלכען ער האָט קיין שום בשותּפות'דיגעס נישט, וועלכער פערשטעהט נישט זיינע ליידען. ווען עס קאָן גאָרנישט איינפאַלען, אז זיין פאָטער ליגט איצט מיט אָפענע אויגען אין דער נאַכט אַריין, און קלערט וועגען אַ ציעל אין לעבען, וואָס ער האָט געהאַט אַמאָל און האָט פערלאָרען. און ווען ער וואָלט אפילו יאָ געוואוסט דערפון, וואָלט ער עס אויך נישט פערשטאַנען. ער וואָלט עס פעראַכטעט — אָט דאָס רופט די וועלט „זיין זוהן". און דערפאַר, ווייל די וועלט רופט אָט דעם פרעמדען מענשען „זיין זוהן", האָט ער גערארפט אַוועקשענקען זיין לעבען פאַר איהם. נישט בלויז זיין פיזיש לעבען, זיין אַרבייט, נאָר אויך זיין גייסטיג לעבען — אַלצדינג אוועקגעשאָנקען: זיין געדאַנק, זיין שטרעבען צו עפּעס בעסערס, צו שענערס, זיין זוכען אויסצוגעפינען זיך אַליין — כדי אַ פוסטער יונג זאָל קאָנען זיין פוסטע אַמביציע אויספיהרען, צו זיין אַ „שעף" פון א גרויסער פירמע.

וואָס וואָלט איהם געאַרט, ווען זיין זוהן וואָלט אויך אַזוי געאַרבייט ווי ער?

אָדער זיין צווייטער זוהן, וועלכער האָט גאָר קיינע אַמביציעס נישט, אויסער צו לעבען אַ גוטען טאָג; וועלכער האַלט אין איין ארומפאָהרען, פערלירט דאָס געלד, וואָס ער קריגט אַרויס פון די ביזנעס אויף זיין חלק, אָהן שום זאָרג און דאגה, וועלכען דער עלטערער ברודער (ווען ער, דער פאָטער, וועט נאָר די אויגען צומאַכען), וועט דאָך אַזוי אַרומנעמען, אז סוף כל סוף וועט ער איהם אַרויסזעצען פון די ביזנעס, כדי ער זאָל פערבלייבען דער איינציגער באַלעבאָס.

אָדער אפילו זיין טאָכטער? ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. איז עפּעס אַנדערש געווען, ער האָט געמיינט, אַז זי איז געקנאָטען פון איהם. ער האָט זי ליעב געהאַט, אָבער זייט זי איז אויפגעוואַקסען, לויפט זי אַרום זוכען אַ חתן, און קומט יעדעס מאָל אַהיים און פערקרימט די נאָז, אודאי אויף דעם,

וואָס דעם פּאָטערס סאָציאַלע שטעלונג איז נישט אַזעלכע, וואָס זאָל איהר געבען די האָפנונג צו דערגרייכען איהר ציל. און וואָס איז איר ציל? אַזאַ נאַרישער, פּוסטער יונגערמאַן, ווי זיין זוהן, וועלכער וועט האָבען אַ חלק אין אַ געשעפט, אַן אייגענעם אויטאָמאָביל און זיין פּאָטער וועט בעלאַנגען צו אַ טעמפּעל. וואָס פאַר אַ בשותּפות'-דיגעס האָט ער מיט אָט דער פרעמדער מיידעל, וועלכע ליגט שוין זייט אַ לענגערע צייט אין פרעמדע הייזער? ער פיהלט, אַז זי פעראַכטעט איהם און איז בייז אויף איהם, פאַרוואָס זי איז געבוירען געוואָרען פון איהם, פון אַ „קאַיק", אַ ראַדיקאַל, אַן „איסט סיידער", און נישט פון אַ טאַטען מיט אַזאַ סאָציאַלער שטעלונג, וועלכער זאָל איהר געבען אַ מעגליכקייט אויס-צופיהרען איהרע נאַרישע, פּוסטע אַמביציעזע האָפנונגען אויף אַ חתן, וואָס פּאַסט פאַר איהר.

און זיין אייגען ווייב? יאָ, אַמאָל איז זי געווען זיין ווייב, דאָרט, אין אָרעמקייט, אויף דער „איסט סייד", ווען זי האָט געקאָכט פאַר איהם די טאָפּעלטע פּאָרציע לאָקשען, ווען זי האָט איהם אָבגעוואַרט זומער פאַרנאַכט אויף די טרעפּען, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבייט, און זי האָט איהם, מיטן ברודיגען פאַרטוך, אין וועלכען זי האָט געקאָכט, אָבגע-ווישט דעם שווייס פון זיין שטערען און האָט געקרעכצט, שטע-הענדיג ביי דער קיך, און ער האָט געוואוסט, וואָס איהרע קרעכצען באַדייטען: דאָס האָט זי געקרעכצט דערפאַר, וואָס ער מוז אַזוי שווער אַרבייטען.

אָדער שפּעטער, ווען זיי האָבען ביידע געאַרבייט אין די אָוועגדען, לאַנג געאַרבייט, ביים שיין פון לאָמפּ, איבער די העמ-דער. ביידע זענען זיי געזעסען איבער די העמדער, שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט, און ביידע האָבען זיי פון עפּעס גע-טראַכט: וועגען אַ צוקונפט, וועגען אַ בעסער לעבען, וועגען אַ בשותּפותדיגען תּכלית — דאַמאָלסט איז זי געווען זיין ווייב, אָבער זייט זיי זענען רייך געוואָרען, זייט זי האָט זיך אָנגעהויבען

אין דער פריה אָנצוטאָן די שלאָף־הויבען, זייט די קינדער זענען אויסגעוואַקסען און האָבען אָנגעהויבען אנטייל צו נעמען אין די ביזנעס, פילט ער, ווי זי איז ביסלעכוויז פון איהם אַוועק־געגאנגען און איבערגעגאַנגען צו די קינדער... זי איז מער שטאָלץ אויף איהר זוהן, ווי אויף איהם. ביסלעכוויז, מיט'ן אונטערוואַקסען פון די קינדער, איז זי אַריינגעוואַקסען געוואָרען אין די קינדער אריין... ער האָט געפיהלט, ווי זי געהט איבער אויף זייער זייט, מיט יעדער נייער וואוינונג. וואו זיי האָבען זיך איבערגעצויגען, מיט יעדען שריט, וואָס זיי האָבען געמאַכט העכער אין דער געזעלשאַפט אריין, איז זי אַלץ פון איהם אָפּ־געטרעטען, דערווייטערט זיך און איבערגעגאַנגען צו די קינ־דער. און איצט איז זי איהם שוין אין גאַנצען פרעמד — זי מיט איהר „געזעלשאַפט”, מיט איהרע נאָכמיטאָגדיגע „טהייען”, מיט איהרע „קאָרטען־פּארטיעס”, ער פיהלט, אַז עס איז עפּעס פאַרהאַן אַ וואַנט צווישען זיי. ער שטעהט פון איין זייט וואַנט און דאָס ווייב מיט די קינדער — פון דער צווייטער זייט. ביי יעדען סכסוך האַלט זי מיטן זוהן. און דער זוהן — מיט איהר. איצט ווייסט ער שוין: דעם זוהן האָט זי ליב, מיטן זוהן איז זי שטאָלץ: „מיין זוהן”, „מיין זוהן”... און איהם קריגט זי וואָס ווייטער אַלץ מעהר פיינט...

ניין, אַ מאַן האָט נישט קיין קינדער, נאָר אַ פרוי האָט קינדער. די מוטער, וואָס האָט זיי געטראָגען אין איהר אייגע־נעם בויך, האָט זיי געבוירען מיט איהר אייגענעם בלוט, וואָס זיי זענען אַ טייל פון איהר פלייש — זי, די מוטער, האָט קינ־דער, שטענדיג האָט זי זיי, צי זיי זענען קליין, צי זיי זענען גרויס, צי זיי זענען אַזוי אָדער אַנדערש, זי ענדערט זיך צו־זאַמען מיט זיי...

אַ מאַן האָט נישט קיין קינדער. אַ מאַן איז נאַקעט און בלויז, און שטענדיג איינער אליין...

דער אַלטער לעדערער האָט ערשט איצט דערזעהן, איצט,

אין דער טיפער נאַכט, ווי ער שטעהט איינער אַליין אין דער וועלט, קיינעם האָט ער נישט און צו קיינעם באַלאַנגט ער נישט ער איז ארויסגעוואַקסען פון אַלעמען. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען פון איהם אין אַן אנדערער, אין א פרעמדער וועלט, און איהם איבערגעלאָזען איינעם אליין הינטער זיך...

איינער אַליין, אַ בלויזער, אַ נאַקעטער... און דאָס אויף די אַלטע יאָהרען.

און וואָס ער האָט געקלעהרט ביי נאַכט, האָט ער, ווי־לענדיג נישט ווילענדיג, ארויסגעוויזען צו זיינע שטוב־מענשען בייטאָג... ער איז וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ מעהר אונערטרעג־ליך. אַלעס אין זיי האָט איהם געררייצט, גערייצט און אויפגע־רעגט. יעדע באַוועגונג, יעדער טאָן פון זיי איז איהם געווען דערווידער. דאָ איז איהם נישט געפעלען געווען, וואָס דאָס ווייב פוצט זיך אויס אין אַ מיטען מיטוואָך נאָכמיטאָג און געהט אויף „טהיי" צו אַזאַ אידענע, ווי זי איז, אָדער זי אראנזשירט קאָרטען־שפיל פון אַלטע ווייבער ביי זיך אין שטוב. „אין אַ ווייבערשער שול האָבען זי געדאַרפט זיצען, נישט קאָרטען שפי־לען!" — האָט ער זיך געזידעלט. אָדער ווען די טאָכטער, אַן אויסגעטהוענע, אַ האַלב־נאַקעטע, האָט מיט איהרע נאַקעטע העגט אַרומגענומען אַ בחור, פאַרלירענדיג יעדע מיידעלשע, צניעותדיגע שעמעוודיגקייט. ער האָט פאַרלאָרען דאָס פאַרשטענד־ניס פאַר זיין פאַמיליע. נישט געהאַט מיט זיי קיין בשותפות־דיגעס. האָט ער זיך געפיהלט ווי א פרעמדער אין אַ אייגען הויז. און געגעסען האָט עס אין איהם, וואָס דאָס לעבען אין זיין אייגענער שטוב האָט אָנגענומען פאָרמען, וועלכע זענען איהם געווען פרעמד און דערווידער. האָט ער זיך געטשעפעט, געגעסען און פאַרביטערט אַלעמען דאָס לעבען, און זיך אַליין...

VII

אַ פאַרנעהמער וויזיט

שוין פון אַ צייט פריער האָט דאָס חייב פאַרטרויט לעדערער׳ן אַ גרויסען סוד, אַז סטעלאַ איז זעהר פעראינטערעסירט אין די „נירענבערגס״, דאָס הייסט, אין דעם יונגען נירענבערג. דער אַלטער נירענבערג איז נישט געווען טעטיג אין דער „נאָדעל-אינדוסטריע״, נאָר ביי אַן אַנדער אינדוסטריע. און דאָס איז שוין אַ „יחוס״. צי איז נירענבערג געווען אַן אויפגעקומענער נגיד, ווי ער — דאָס ווייס מען נישט. דאָס הייסט, ווער, אייגענטליך, איז אין אַמעריקע נישט קיין אויפגעקומענער גביר? נאָר צי איז נירענבערג ארויסגעקומען פון קליינע, אַרימע עלטערן, ווי ער, לעדערער, האָט מען נישט געוואוסט. די נירענבערגס האָבען געזאָגט, אַז נישט: אַז זיי זענען נגידים פון טאַטע-מאַמע, קיינמאָל אַליין נישט געאַרבייט, ווי ער לעדערער. און דאָס איז געווען זייער יחוס. און נאָך עפּעס אַ שטיקעל יחוס: זיי זענען נישט געווען פון די פּוילישע-רוסישע אידען, נאָר פון עפּעס אַנדערע אידען, צי פון גאַליציאַנער, צי פון אונגאַרען—יעדענפאַלס, די נירענבערגס האָבען זיך געהאַלטען פאַר עכטע אַמעריקאַנער געבוירענע פון דור-דורות.

און עפּעס נאָך איז געווען דער יחוס מיט די נירענבערגס, צוליב וואָס דאָס ווייב און די טאָכטער און דער זוהן — (דער זוהן האָט שוין איצט, כאָטש הינטען ארום, אָנגעפירט מיט ענינים פון דער משפחה און שוין געהאַט מעהר צו זאָגען אין דער היים ווי דער טאַטע, און דאָ אין דער מעשה-נירענבערג, האָט ער

אויך געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע) — די משפּחה־לעדערער, האָט אָנערקענט, אַז די נירענבערגס שטעהען אויף אַ העכערער סאָציאַלער שטופּע ווי זיי: די נירענבערגס האָבען זיך גע׳חבר׳ט מיט רייכערע מענשען ווי לעדערערס זענען.

די גאַנצע מעשה מיט די נירענבערגס איז דעם אַלטען לע־דערער אָנגעגאַנגען ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי. אינערליך האָט ער זיך געהאַלטען פאַר אַ יחסן, פאַר מעהר מורנו, ווי נירענבערג, און ער האָט טויזענד מאָל מער זיך געוואָלט משדך זיין מיט אַ פּראָסטערע משפּחה פון זיין אייגענעם שטאַם. זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט ער דאָס נישט געטאָרט ברענגען פאַר די ליפּען. עס וואָלט דערפון געקאָנט אַרויסקומען דער גרעסטער אומגליק אין הויז: ער פאַר־דאַרבט דעם קינדס גאַנצע צוקונפט, אינערליך. האָט ער אָבער זיך געגעסען: פאַר וואָס מוז זי דוקא האָבען אַ נירענבערג? און מיט אַ נירענבערג וועט שוין זיין דאָס גרויסע גליק?

דערווייל איז צווישען די צוויי משפּחות אָנגעגאַנגען גאַנצע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, ווער עס זאָל מאַכען דעם ערשטען באַזוך. און מען האָט אויסגענוצט אַלע געשעפטליכע דריידלעך און ביזנעס־איינפאַלען, ביז ענדליך עס איז געלונגען סטעלאַן צו איבערצייגען דעם יונגען נירענבערג, אין דער יונגער נירענבערג האָט איבערצייגט דעם אַלטען נירענבערג, אַז דער כלה קומט דער ערשטער וויזיט, און דאָס האָט מען געהאַלטען אין לעדערער׳ס משפּחה (דאָס הייסט, לעדערער׳ס ווייב און טאָכטער) פאַר אַ גרויסען זיעג.

אין לעדערער׳ס הויז האָט מען געמאַכט די גרעסערע הכנות פאַר דעם פאָרשטעהענדען וויזיט. מען האָט אַרויסגעוואָר־פען די גאַנצע מעבעל פון „זיץ־צימער“, כאָטש עס איז נאָך גע־ווען ניי, עס איז נישט לאַנג געקויפט (ווען מען האָט זיך אין הויז אַריינגעצויגען), נאָר דערפאַר, ווייל דער דעקאָראַטאָר (וועלכען סטעלאַ האָט גערופען איינצוריכטען דאָס צימער לויט דער נייעס־טער מאָדע) האָט אויסגעפונען, אַז דער סטיל איז פאַרעלטערט און

נישט פאַסיג. און מען האָט געשלעפּט פון די גרויסע אַנטיקען־געשעפטען אַלטע מעבעל, וואָס שטאַמען פון די עכטע „עפּאָכעס”, פאַר וועלכע מען האָט אָבגעצאָהלט אַ שלל מיט געלד. אויך האָט מען אין דעם עס־צימער אויף דער וואַנד אויפגעהאָנגען אַ פאַר־צייטיגען ריטער, עפּעס אַ מורא׳דיגען „גג ומגוג” (ווי דער אַלטער לע־דערער האָט אָנגערופען), אויסגעהעפּט אויף אַ וואַנד־טעפּיך, פאַר וועלכען מען האָט בעצאָהלט אַ פאַנטאַסטישע סומע, וואָס האָט דעם אַלטען דערשראָקען, דערהערענדיג איהר גרויס. דער ריטער איז אויך נישט געווען גאַנץ. אַ צוריסענער, אַ צוקאַלעטשעטער, אָן אויסגעשאָרכענטער, מיט אַ געצערעוועטער נאָז. נאָר וואָס עלטער דער ריטער איז, וואָס אויסגעפּליקטער ער איז, אַלץ טייערער קאָסט ער — האָט מען דעם אַלטען געגעבען צו פאַרשטעהן. דעם ריטער האָט מען אויפגעהאָנגען אויף דעם סאַמע אויבען־אָן, אין זיך־צימער, כדי ער זאָל שאַפען אַטמאָספערע. דער אַלטער לעדערער וואָלט אַזאַ שמאַטע נישט געוען אריינגעלאָזט אין קיך אַריין. די אַלטע לעדערער אויך נישט. זי האָט אָבער געשוויגען, וואָרים מסתמא ווייס סטעלאַ וואָס זי טהוט.

קען מען זיך דאָך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויפ׳ן אַלטען לעדערער, צוזעהענדיג די הכנות און דאָס קאָכעניש אין זיין שטוב צוליעב דעם פאָרשטעהענדיגען וויזיט. ער האָט שוי׳ן איצט אין גאַנצען אויסגעמידען זיינע שטוב־מענשען און איינגעשלאָסען זיך אויף גאַנצע טעג אין זיין צימער, וואו ער האָט געהאַלטען זיינע אידישע ביכער, וועלכע ער האָט יעדעס מאָל געבראַכט צו שלעפּען פון דער איסט סייד. עס איז שוין גענוג שלעכט געווען די אידישע צייטונגען, וואָס דער צייטונגס־טרעגער לאָזט איבער אין זיין הויז — אידישע צייטונגען קומען אַריין אין פילע פארגעמע הייזער צו די „אַלטע לייט”. אין דער אידישער צייטונג כאַפּט די מאַמע אויך אַ מאָל אַ קוק, אַז זי קען נאָר לייכט דורכקומען מיט דער עברי, און זי פרעגט אַלע מאָל ביים טאַטען דעם פירוש־המלות — האָט ער לעצטענס נאָך

אָנגעהויבען אַרייגצושלעפען אידישע ביכער פון דער איסט סייד, מיט וועלכע ער האָט זיך איינגעשלאָסען אין זיין צימער.

ביי זיינע שטוב־מענשען האָבען די „ניהיליסטישע" ביכער (דער נאָמען, וואָס דער זוהן האָט איהם געגעבען, איז שוין איצט בענוצט געוואָרען פון אַלע הויז־מענשען, און האָט זיך בעצויגען אויף אַלצדינג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט׳ן אַלטען) אַרויס־גערופען ביי די קינדער אַ דערווידער און אַן אימה געפיהל, וואָס מען האָט צו עפּעס כשוף־ביכער. ווער ווייסט וואָס׳ערע לעסטע־רונגען און שרעקליכע זאַכען עס שטעהט אין די ביכער, מיט וועלכע דער טאַטע גיט זיך אָב!... און דער אַלטער לעדערער שטענדיג איינגעשלאָסען אין זיין צימער מיט זיינע צווייפעלהאַפטע ביכער, האָט אַרויסגערופען ביי זיינע שטוב-מענשען אַ שרעק, ווי עפּעס אַ כשוף־מאכער וואָלט דאָרטען אינעווייניג געזעסען און גע־טריבען כשוף... עס האָט שוין אויך אַמאָל געטראָפען, אַז ער האָט געבראַכט צופיהרען פון דער איסט סייד צווייפעלהאַפטע פּאַרשוי־נען, נישט זעהר זויבער אָנגעטהון, מיט וועלכע ער האָט זיך איינגעשלאָסען אין זיין צימער אויף אַ פּאָר שעה...

וואָס נעהנטער דער וויזיט האָט זיך אָנגערוקט, אַלץ אונרו־היגער זענען מוטער און טאָכטער געוואָרען וועגען דעם אַלטען, אַז ער זאָל זיי נישט אָפּטהון עפּעס אין דער לעצטער מינוט. מען איז אַרומגעגאַנגען ארום איהם דעליקאַט און איידעל, ווי מען געהט אַרום אַ קראַנקען, כדי איהם נישט צו רייצען. סטעלאַ האָט איהם געקוקט אין די אויגען אריין מיט געבעט. איהרע אויגען זענען געווען פייכט און גלאַנציג פון שרעק און זי האָט זיך ביי איהם ווי געבעטען: „טאַטע, מאַך נישט קאַליע מיין גליק". און ער, צי האָט ער נישט בעמערקט די פייכטע בעטענדיגע אויגען פון זיין קינד, צי איז ער געווען גלייכגילטיג? און זי, דאָס צוואַנ־ציג־יעהריגע מיידעל, וואָס האָט געהאַט די שטרעבונג פון לעדע־

רער׳ס אין איהר בלוט. האָט געטהון אַלצדינג כדי אויפצוּוועקען אין איהר פאָטער די אַמאָליגע צערטליכקייט, וואָס ער האָט געפיהלט צו זיין איינציגע טאָכטער. זי פלעגט זיך לאָסטשען צו איהם, אין מיטען העלען טאָג, ווען ער איז געזעסען ביים טיש, פערטראַכט אין זיינע געדאַנקען, האָט זי איהם פלוצלינג אַרומגענומען, געגלעט איהם מיט איהרע בליקען, געגלעט איהם מיט איהרע שוואַרצע, שאַרפע ברעמען און געבעטען זיך ביי איהם מיט איהר פייכטען בליק:

— אָ, טאַטע מיינער, דו זעהסט דאָך היינט אויס ווי אַ יונגערמאַן. איך האָב דיך גאָרנישט ליעב. איך האָב דיך גאָרנישט ליעב... און זי איז צוגעפאַלען צו איהם און האָט זיין אַלטען קאָפּ אַריינגענומען אין איהרע יונגע הענט.

דער אַלטער האָט פערשטאַנען די אורזאַכען פון זיין טאָכטער׳ס פלוצלינגער ענדערונג צו איהם. ער האָט דערפיהלט וואָס עס בעדייטען די צערטליכקייטען, וואָס זיין טאָכטער האָט אָנגעהויבען אַרויסווייזען צו איהם. ער האָט אַלץ געפיהלט, נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישט זעהענדיג. ער איז געוועהן גלייכגילטיג. און די טאָכטער האָט זיך געהאַלטען אין איין בעטען ביי איהם מיט איהר אויגען, מיט איהרע בליקען: טאַטע שטער נישט מיין גליק... איך דאַרף דאָך חתונה האָבען״.

און די מוטער האָט צוגעהאָלפען, ווי ווייט זי האָט געקאָנט איינצוּנעמען דעם בייזען טאַטען, ווי מען נעמט איין אַ קראַנק שלעכט קינד.

— האָסט געזעהן, ווי סטעלאַ האָט איינגעריכטעט דעם „סאַלאָן״? עס זעהט דאָך אויס „ווי אַ מיליאָן דאָלאַר די ווערט״! ווי ביי אַ לאָרד, אַ גרויסען. מיר וועלען מיט גאָרנישט פערשעמט ווערען פאַר די נירענבערג׳ס מיט גאָרנישט... אפשר זיי נאָך פאַר אונז.

און האָבען איהם נאָך דער טאָכטער׳ס בעטענדע בליקען עטוואָס געריהרט, האָט איהם אָבער דערפאַר זיין ווייב׳ס קאָכען זיך און מישען זיך אין שידוך, איהר אריינטאָן זיך אין די אַלע פּוסטע נגידישע זאַכען, כדי אויסצופּיינערן זיך פאַר די נירענבערגס, גאָר גערייצט.

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי, אַלטע אידענע? און אויב נישט די נירענבערגס, וועט סטעלאַ פערזעסען ווערען? זענען שוין נישטאָ קיין אַנדערע חתנים? זי וועט קריגען אַ חתן. זי וועט קריגען. זי האָט גענוג געלד אויף דעם.

— וואָס רעדסטו, חיים לעבען? — האָט זיך דאָס ווייב פלוצלונג דערמאָנט זיין אַלטען נאָמען און געקנייפּט זיך די באַקען, גאָר אויפ׳ן אַלטען שטייגער, ווען עס פלעגט אמאָל אין דער היים געשעהן אַן אומגליק — דאָס איז דאָך דעם קינד׳ס גאַנצער גליק. אַריינצוקומען אין דער משפחה נירענבערג. און אונזער גאַנצע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט וועט דאָך ווערען אַן אַנדערע, ווען מיר וועלען זיך משדך זיין מיט די נירענבערגס. מיר וועלען דורך דעם געהויבען ווערען אין דער געזעלשאַפט. זיי זענען דאָך פון דער העכסטער אריסטאָקראַטיע.

לעדערער האָט געקוקט אויף זיין ווייב און האָט זי נישט דערקענט. איז דאָס זיין ווייב? איז דאָס זיין שרה, וועלכע האָט געבייהט מיט איהם העמדער צוזאַמען; וועלכע האָט איהם אָפּגעווישט דעם פערשוויצטען שטערן מיט איהר קיך-פאַרטוך, ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער אַרבייט? איז דאָס די הארציגע, באַזאָרגטע אידענע, וועלכע איז געוועזן מיט איהם אַזוי פאַרטאָן, פערהאוועט אין די ערשטע יאָהרען, ווען זיי האָבען געבויט דאָס געשעפט?...

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן. וואָס? דו קענסט מיך נישט? גיב נאָר אַ קוק וואָס׳ערע אויגען ער שטעלט אויס. איך דערשרעק זיך דאָך פאַר איהם.

— גאָרנישט, גאָרנישט. און ער איז אָפּגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

און דאַן איז געקומען דער גרויסער טאָג, בעסער געזאָגט, דער גרויסער אָוונד פון בעזוך. עס האָט געזאָלט הייסען, אז די עלטערען ווילען זיך באַקענען איינע מיט די אַנדערע. צוליב דעם איז קיינער נישט איינגעלאַדען געוואָרען. קיינער נישט פון דער משפחה. אַפילו דער זוהן אויך נישט. כדי די פּאַטערס און מו־טערס זאָלען זיך בעסער בעפריינדען. אַן אינטימער צוזאַמענקומען פון די עלטערן אַליין. אַפילו סטעלאַ האָט נישט געזאָלט זיין דערי־ביי. נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט מורא געהאַט אז דער פּאַטער זאָל דאָ, אין דער לעצטער שעה, נישט עפּעס אָפּטהון און עפּעס צושטערען, איז זי געבליבען, אום זי זאָל איהם אין ריכטיגען אוי־גענבליק קענען אָפּהאַלטען.

דעמזעלבען אָוונד, ווען לעדערער האָט דערזעהן זיין פרוי האָט ער זי נישט דערקענט. פון סאַמעט און זייד און בריליאַנטען און פּערל איז שוין אָפּגערעדט. נאָר די פערקעמונג פון איהרע האָר און דאָס קורצע קלייד, וואָס זי האָט געטראָגען!... זי האָט ביי איהם אויסגעזעהן ווי אַן אַלטע שיקסע. פון וואַנען נעמט זיך צו מיר אַזאַ ווייב? וואו איז דער אידישער חן, דער חן פון אָרימ־קייט, פון צניעות, וואָס איז געלעגען אויף איהר, וואָס האָט מיין הארץ אַזוי ווייך געמאַכט צו איהר, וואָס האָט מיך געיאָגט מיט ריטער צו דער אַרבייט פאַר איהר, אַז איך זאָל פאַר איהר פּרנסה שאַ־פען און איך זאָל איהר א בעסער לעבען געבען? — האָט דער אַלטער לעדערער געטראַכט אין זיך.

ווייב און טאָכטער זענען דורכאויס בעשטאַנען, אז דער פּאַ־טער זאָל אָנטהון דעם „סמאָקינג” און אַ ווייס געפּרעסט העמד ווי צו אַ באַל. „איך געה דאָך נישט אין ערגעץ, איך בין דאָך ביי

מיר אין דער היים״ — האָט דער אַלטער געטענה׳ט. „אַזוי פיהרט מען זיך אין אַלע אריסטאָקראַטישע הייזער. צום אָוועטד־עסען טוט מען זיך איבער אין ״סמאָקינג״. און די טאָכטער און די ווייב האָבען איהם איבערגעטהון (ווי מען טוט איבער אַ קאַפריזנע קינד) אין אַ טאָק־סידאָ און אריינגעפיהרט איהם אין אַן אויסגעפוצטען זיץ־צימער, וואו דער פלעמישער „ריטער״ מיט דער פארצערעווע־טער נאָז האָט אראָפגעקוקט פון דעם גרויסן וואַנד־טעפיך פון דער וואַנד אראָפ.

VIII

אומגעוואָרפען דעם טאָפּ

ארום ניין אזייגער אין אָוועגד, נאָכ'ן אָוועגד-ברויט (כדי דאָס צוזאַמענטרעפען זיך פון די ביידע עלטערן-פּאָר זאָל טראָגען אַ מעהר אינטימען כאַראַקטער, איז דער וויזיט פּאָרגעקומען אין אָוועגד, נאָך „סאַפּער", נישט אין די געוועהנליכע טיי-שטונדען) איז צו לעדערער'ס הויז צוגעפאָהרען די נירענבערג'ס גרויסער „פּעקערד". מיסעס לעדערער האָט געוואָלט אַרויסקומען זיי אנטקעגען אין פאָרהויז, האָט סטעלא נישט געלאָזט:

די מאַמע מוז בלייבען זיצען אויף איהר אָרט און אויפנעהמען די געסט פון איהר שטול, אין דעם זיצונגס-צימער.

דערפאַר האָט זי גענומען דעם פאָטער אונטער'ן אָרעם און צוערשט איהם הארציג איינגענומען (ווי מען נעמט איין א קאַפּריזנע קינד, מיט וועלכען מען איז נישט זיכער) מיט א פּאָר שמייכלען און א פּאָר גלעטען: „טאַטע טייערער", און זי האָט איהם אַרויסגעפיהרט צו עמפּפאנגען די געסט אין פאָרהויז.

נירענבערג, אַן'אַלטער בכבוד'ער איד, פון דייטשער אָבשטאַמונג, מיט אַ קורץ-געשוירע'ן ווייס בערדעל, אַ לאַנגע, איידעלע נאָז, אָנגעטהון אין א „סמאָקינג" מיט אַ ווייסער נעלקע אין קנאָפּ-לאָך; פרוי נירענבערג, אַ קליינע, זעהר דעליקאטע פרוי, אָנגעטהון דוקא גאַנץ איינפאַך, אין פאָרנעמען שוואַרץ, אָהן בריליאנטען, נור מיט איין שנירעל פּערל דעם האַלז בע-

ציערט.ביידע האָבען זיך געהאַלטען גאַנץ איינפאך, פשוט און בענומען זיך מיט די לעדערער'ס מיט אַזאַ זעלבסטפערשטענד־ליכער איינפאַכקייט, ווי זיי וואָלטען זיך געטראָפען מיט אַלטע בעקאַנטע. מאַדאַם לעדערער האָט דערפאר נישט געקאָנט אריינ־קומען גוט אין טאָן. טראָץ סטעלא'ס שטרענגע אינסטרוקציעס, האָט זי די נירענבערג'ס אויפגענומען, כאָטש מיט אָפּגעהערצי־גער, אָבער דאָך מיט איבערטריבענער בעגייסטערונג, וואָס האָט פערראַטען איהר גרויסע, איבערראַשענדע פרייד מיט דעם וויזיט...

אין די בעקוועמע, טיפע פאָטער־שטולען, אין וואַרימען, פאָרנעמען אויפנאַהם־צימער, מיט דעם „ריטער" אויפ'ן וואַנט, איז דאָס געשפרעך צווישען די מענער אָנגעגאַנגען פיעל מעהר נאַטירליך און לעבעדיגער, ווי ביי די דאמען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זייער אונטערהאַלט איז בעשטאַנען פון טרו־קענע, כמעט ביזנעס־ענינים. און ווען סטעלא האָט געקוקט אין פאָטער'ס זייט און געזעהן, ווי די צוויי מענער פערוויילען זיך און געפינען אינטערעס איינער אין אַנדערען, איז זי פיעל רו־היגער געוואָרען, און איהרע אויגען האָבען געשיינט מיט גליק. לעדערער האָט זיך געהאַלטען מיט ווירדע און געוויסער פאָר־נעמליכקייט און אכטונג, וועלכע עס פיהלען מענשען צו זיך אַליין, וועלכע האָבען אַלצדינג נאָר זיך צו פערדאַנקען. ער איז גאָרנישט געווען געפאַלען געגען נירענבערג'ן. צוגוץ איז איהם אויך געקומען זיין ערפאַהרענע ביזנעס־אומגעבונג מיט מענשען צו געפינען דעם ריכטיגען טאָן און די ריכטיגע האלטונג אין יעדער סיטואַציע, מיט וועמען אַזוי צו רעדען און מיט וועמען אַנדערש. און דאַן איז דער אַלטער לעדערער געווען אינטעלי־גענט גענוג, אז ער זאָל אפילו מיט זיין שלעכטען „איסט סיידער" ענגליש (ווי די קינדער האָבען עס גערופען מיט שפּאָט) ארויסגערופען צו זיך אכטונג און רעספּעקט.

אָבער דוקא ביי די דאַמען איז עס נישט געגאַנגען אַזוי

גלאַטיג, ווי סטעלא וואָלט זיך עס געוואונשען. עס האָט נישט געהאָלפען סטעלאס אריינמישען זיך. און שולדיג איז געווען איהר מוטער, וואָס האָט נישט געקאָנט אריינפאַלען אין דעם זעלבסטפערשטענדליכען, איינפאַכען, אונטערהאַלטענדיגען גע־שפרעך, וואָס די מאַדאַם נירענבערג האָט אַזוי פשוט געפלאָכ־טען; זי איז געווען אָדער צו ווארעם, אָדער צו קאַלט, אָדער זי האָט גאָר איבערגעטריבען. דאָס געשפרעך צווישען די מע נער אָבער האָט סטעלא געהאַלטען פאַר מער וויכטיג, ווי דאָס געשפרעך צווישען די דאַמען. און דאָס האָט זי בערוהיגט.

ביים סערווירען דעם טיי, וואָס צוויי מיידלעך, אין ווייסע שירצלעך, מיט ווייסע שלייפעלעך אויפ׳ן קאָפּ, האָבען דער־לאַנגט (צוערשט האָט אפילו סטעלאַ גערעכענט פאַר דעם אָוועגד אָנצושטעלען א קעלנער, מיט ווייסע האנדשו, נאָר איהר גרא־דער שכל האָט איהר אונטערגעזאָגט, אז דאָס וועט זיין איבער־טריבען, און זי איז בעסער געבליבען ביי די צוויי הויז-מייד־לעך), האָט מאדאַם לעדערער דערצעהלט פאַר מאַדאם נירענבערג וועגען די צדקה-פלענער, וואָס איהר מאַן האָט, צוליב וועלכע, אייגענטליך, ער איז ארויסגעטרעטען פון די ביזנעס, כדי צו זיין בכח זיי צו רעאַליזירען. זי האָט דערצעהלט, אז איהר מאַן האַלט אין אויספיהרען אַ פראָיעקט צו גרינדען אַנ׳אַנשטאַלט פערשטעהט זיך, אַ קליינעם, פאַר אַלטע לייט, פאַר זיינע לאַנדס־לייט; און וועגען נאָך נישט-געפלויגענע, נישט-געשטויגענע זאַ־כען, וואָס לעדערער געהט זיך אונטערנעהמען צו טהון און צו־ליעב וועלכע ער האָט זיינע ביזנעס צו די קינדער איבערגע־געבען.

— ער האָט — זאָגט זי — ביז איצט געאַרבייט פאַר זיך, וויל ער זיך איצט נעהמען טהון עפעס פאַר אַנדערע, פאַר די אָרעמע לאַנדסלייט. ער קאָן זיך דאָס ערלויבען.

מיסעס לעדערער האָט אַזוי הויך געפלאַפּעלט וועגען איהר מאַנ׳ס צדקה-פלענער, אַז דאָס געשפרעך איז איבערגעגאַנגען

פון די ווייבער צו די מענער. דער אַלטער נירענבערג, וועלכער איז געווען אַ שטרענג־רעליגיעזער מאַן, איז פעראינטערעסירט געוואָרען אין לעדערער׳ס צדקה־פּלענער, און ער האָט געלויבט דעם אַלטען לעדערער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון ביזנעס אַזוי פרי צוליעב די צוועקען. הלואי וואָלט ער זיך דאָס געקאָנט ערלויבען. נאָר ער קאָן זיך דאָס נישט ערלויבען. די ביזנעס בעדאַרפען איהם נאָך האָבען.

— עס איז נישט צוליעב צדקה־צוועקען, וואָס איך בין אַוועק פון די ביזנעס — האָט לעדערער געזאָגט — עס איז מעהר צוליעב אַנדערע אורזאַכען. אַ מענש מוז דאָך האָבען עפּעס אַן׳אַנדער אידעאַל, נישט בלויז ביזנעס. ווען נישט, וואָלט זיך דאָס גאַנצע לעבען נישט געלוינט. וואָס איז דען דער זין פון לעבען?

דער אַלטער נירענבערג האָט עס פערשטאַנען און ער האָט פרום צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: יאָ, מר. לעדערער האָט רעכט. עס מוז אין לעבען זיין עפּעס אַנדערעס ווי ביזנעס. און ער איז מקנא לעדערער׳ן, וואָס ער קאָן זיך פערגינען אַוועקצוגעהן פון זיין טעגליכער אַרבייט און זיך ווידמען צום ריכטיגען זין פון לעבען.

— מיין גאַנץ לעבען לאַנג האָב איך געאַרבייט — האָט לעדערער געזאָגט — נישט דערפאַר, וואָס איך האָב די אַרבייט ליעב געהאט. וואָס איז דאָ, מ׳שטיינס געזאָגט, ליעב צו האָבען העמדער צו נייהען? צוערשט האָב איך זיי אַליין גענייהט, איך, מיין ווייב, מיין עלטסטער זוהן. מיר זענען געזעסען גאַנצע נעכט אויף, מיין ווייב און איך, און העמדער גענייהט. דערנאָך האָבען אַנדערע גענייהט פאַר אונז. צוערשט אַ צעהנדליג מענשען, דערנאָך הונדערטער, און וואָס איז דער תכלית דערפון? שוין, איך האָב שוין געלד. דאָס גאַנצע לעבען האָב איך געשטרעבט דערצו, אַז איך זאָל אויפ׳ן צווייטען טאָג אַ מיטאָג

האָבען, אַז מען זאָל דעם שעניק פון מיין בעט נישט אַרויס־שלעפען... אַז איך וועל זיין בעזאָרגט, וועל איך זיך דאַן נע־מען צום ריכטיגען לעבען. נו, אָט בין איך שוין פערזאָרגט, נו, וואָס ווייטער?

נירענבערג איז געזעסען און איהם ערנסט אויסגעהערט. נירענבערג איז לעדערער'ן געפעלען געווען. ער האָט געזעהן אין דעם אַלטען, כאָטש אַ „דייטשעל", דאָך אַ חבר ביזנעסמאַן, און ער האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין גאַנץ האַרץ. דערצעהלט פון זיין אָרימקייט, ווען ער איז נאָך געווען אַנ'אַרבייטער און ער האָט געשטרעבט צו ווערען רייך. ער האָט זיין ציעל דער־גרייכט. און וואָס ווייטער?

מיסעס לעדערער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען צוליב איהר מאַנ'ס אָפענהאַרציגע רייד צו נירענבערג'ן. זי האָט גע־וואָלט אַריינמישען זיך אין די רייד, איבערהאַקען, איבערפיהרען דעם געשפרעך אויף אַנ'אַנדער טעמע. נאָר לעדערער איז געווען אַזוי אַריינגעטהון אין זיין אָפענהאַרציגען געשפרעך, און נירענבערג האָט איהם אַזוי ערנסט און מיט פערשטענדניס אויס־געהערט, אַז עס איז אונמעגליך געווען זי פון דער טעמע אַראָפּצופיהרען. לעדערער האָט געהאַט אַזוי ווייניג מענשען, פאַר וועלכע ער זאָל זיך קאָנען זיין האַרץ אויסרעדען, אַז ווען נירענבערג האָט איהם אויסגעהערט מיט פערשטענדניס, האָט ער געמיינט, אַז דער אַלטער סימפּאַטישער איד, וואָס זיצט לע־בען איהם, איז זיינער אַנ'אַלטער פריינד.

מיסעס לעדערער איז געווען אין גאַנצען פערלאָרען. זי האָט די פינגער געביסען, געפּרובט צום מאַן ווינקען, טייטען, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. און סטעלאַ? סטעלאַ איז נאָר רויט געוואָרען. ווי מען וואָלט זי ביי אַ גנבה געכאַפּט אָדער ביי נאָך עפּעס ערגערס, און זי האָט נישט געוואוסט וואו איהרע אויגען אַהינצוטהון.

נאָר אומזיסט האָבען זיך ווייב און טאָכטער געשראָקען. פערקעהרט, די אָפענהאַרציגע רייד, וואָס לעדערער האָט אויסגערדיקט פאַר זיין צוקונפטיגען מחותן, האָט דוקא זעהר צוגעצויגען און נעהנטער געמאַכט די צוויי פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט און בעקענט. אויף דעם אלטען נירענבערג׳ס פּנים האָט זיך אויסגעדריקט אַזאַ סי-פּאַטיע, אַזאַ פערשטענדניס פאַר לעדערער׳ס ליידען און זוכען, אַז די צוויי אלטע האָבען זיך ביי די הענד אָנגענומען או אויסגעזעהן ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד, וואָס האָבען דאָס לעבען דורכגעמאַכט צוזאַמען, גיבען זיך אָב אַ חשבון הנפש פון זייערע מעשים. דאָס סימפּאַטישע און האַרציגע מיטגעפיהל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אויף נירענבערג׳ס פּנים, האָט אַ ביסעלע בערוהיגט סטעלאַ׳ן, און די מוטער האָט צוריק געפונען איהר נאַטירליכע האַלטונג.

דער אַלטער נירענבערג האָט זיך איצט גענומען טרייסטען דעם אלטען לעדערער:

— אָבער איצט בעדאַרפט איהר דאָך גליקליך זיין, איהר, וועלכער האָט אייער לעבען אויסגעהאַמערט מיט די אייגענע הענט.

— אָבער מיט וואָס זאָל איך גליקליך זיין? מיט וואָס? מיט וואָס?

— כאָטש מיט דעם, וואָס איהר געהט אונטערנעמען איצט אַזאַ וויכטיגע אַרבייט, אייער צדקה־אַרבייט, וועגען וועלכער אייער פרוי האָט דערצעהלט.

— דאָס רעדען זיי מיר איין. מיין זוהן וואָלט עס געוואונשען צוליעב ביזנעס. ער זאָגט, אַז פון אַ ביזנעס־שטאַנדפונקט איז דאָס אַ גוטער געשעפט — עס רעקלאַמירט די פירמע. מען קען דאָך אָבער נישט טהון אַלץ פאַר ביזנעס. איך בין דאָך צוליעב דעם פון די ביזנעס אַרויסגעטראָטען, אַז איך זאָל עפּעס אַנדערש טהון ווי „ביזנעס״. און, ווידער, וואָס איז צדקה?

געוויס, געוויס איז צדקה אַ גוטע זאַך, אַ וואוילע זאַך, אָבער פאַר וואָס זאָל איך געבען צדקה? מיט וואָס בין איך דאָס מעהר מורנו, אַז איך זאָל זיין דער „געבער”, און יענער — דער „נעמער”? פאַר וואָס נישט פערקעהרט?

דאָס לעצטע האָט שוין געקלונגען אַ ביסעל „פרעמד” און „איסט סיידיש”, נישט גאַנץ פערשטענדליך, אין נירענבערג׳ס אויערען. אַ ביסעל „ניהיליסטיש”. אָבער פאַר׳ן אַלטען נירענבערג איז נאָך נישט אין גאַנצען קלאָר געווען, וואָס לעדערער וויל דערמיט זאָגען.

— יאָ — האָט מר. נירענבערג גערעדט — קוים האָט גאָט בעשאַפען אַזוי זיין וועלט, אַז עס זאָלען זיין „געבער” און „נעמער”, וועלען מיר דאָך זי נישט איבערמאַכען, מיסטער לעדערער. דאַן איז עס ווירקליך שוין בעסער, אַז מיר זענען די „געבער”, איידער די „נעמער” — פיהרט דער אַלטער נירענבערג דאָס געשפרעך אַרויף אויף אַ מעהר אויסגעטראָטענעם וועג.

— דאָס רעדען מיר זיך אַזוי איין, ווייל עס איז בעקוועמער צו זיין די געבער. ווען גאָט האָט בעשאַפען די מענשען, האָט ער בעשאַפען אַלעמען גלייך. נישטאָ קיין „געבער” און קיין „נעמער”. אויב צדקה — דאַרפען מיר אַלצדינג אַוועקגעבען.

דאָס האָט שוין געקלונגען אַנאַרכיסטיש און געפעהרליך.

דער אַלטער נירענבערג האָט שוין איצט זיין שעהנעם, הויכען, אַריסטאָקראַטישען שטערען געקנייטשט און געפרעגט אַ ביסעל פינסטער:

— איבריגענס, האָב איך אייך פערגעסען צו פרעגען, מיסטער לעדערער: צו וואָס פאַר אַ טעמפעל בעלאַנגט איהר אייגענטליך? אָדער דאַווענט איהר נאָך מיט אייערע לאַנדסלייט צוזאַמען, ווי עס איז דער מנהג צווישען אייך, פּאָלנישע און רוסישע אידען, און אַ שעהנער מנהג אויך!

— איך בעלאַנג נישט צו קיין טעמפעל.

— איהר בעלאַנגט נישט צו קיין טעמפעל? און וואו דאַווענט איהר? וועלכע איז אייער געמיינדע?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, מיסטער נירענבערג, איך בעלאַנג נישט צו קיין געמיינדע, און איך דאַווען נישט.

— איהר דאַווענט נישט, מיסטער לעדערער? נישט שבת, נישט יום טוב? ווי אַזוי? ווי מיינט איהר? דאָס קען דאָך נישט זיין!

צוערשט איז דער עולם געבליבען שטיל, אַז מען האָט געהערט זייער אָטעמען, וואָס איז געווען שווער.

— מיסטער לעדערער איז זעהר אַ קאָמישער מענש, מר. נירענבערג, ער זאָגט נאָר אַזוי. ער האָט נישט ליעב די טעמפּלען. ער איז נאָך פון דער „אַלטער היים". אין דער „אַלטער היים" זענען נישטאָ קיין טעמפּלען. אָבער מיין זוהן דאַווענט שוין יאָ אין אַ טעמפּעל — האָט מיסיס לעדערער געפּרובט ראַטעווען די סיטואַציע.

אָבער נירענבערג'ן האָט עס שוין נישט אויסגעמאַכט, צי זיי ווילען יאָ בעמערקען אָדער נישט. און אַפילו געגען זיין געוואוינהייט און שטענדיגער פאָרנעמליכער בענעמונג, איז ער דאָס מאָל געווען גאַנץ אונאַנגענעם, נישט איידעל.

דאָס געשפּרעך האָט זיך נאָך געצויגען אַ געוויסע צייט אויף אונאינטערעסאַנטע טעמען. אָבער אַלע האָבען שוין איינגעזעהען, אַז ס'איז פאַר קיינעם נישט אינטערעסאַנט און נישט נוצליך, אַ חוץ פאַר מאַדאַם לעדערער און סטעלאַ'ן. און ווי דער אַלטער נירענבערג האָט געוואָלט אונטערדריקען זיין פערדרוס איבער דער אונאַנגענעהמער צוזאַמענקונפט, האָט ער דאָך נישט געקענט.

— איך גלויב, אַז פאַר מיין פרוי וועט שוין זיין צייט אַהיים צו געהן — האָט נירענבערג געזאָגט—זי פיהלט זיך נישט גוט די לעצטע צייט.

אַז די נירענבערגס זענען אַוועק, איז סטעלאַ אַרויס מיט

אַ ביטער, אָבגעהאַקט העשען, אין וועלכען עס האָט זיך גע-הערט דאָס פערוואונדעט זיין פון אַ לעבעדיג האַרץ.

— אָ, מאַמע, פאַרוואָס האָט ער דאָס געטהון? פאַר וואָס? פאַר וואָס?

און דערנאָך:

— בעסער וואָלט איך אין גאַנצען נישט געבוירען געוואָרען, איידער ביי אַזעלכע עלטערן! און מיט די ווערטער איז זי אַריינגעלאָפען צו זיך אין צימער. כאָטש אַ מעשה זיך אָנצוטהון.

לעדערער איז געשטאַנען ווי אַ פערשולדיגט קינד:

— וואָס האָב איך געטהון, וואָס?

— וואָס דו האָסט געטהון? וואָס דו האָסט געטהון? — האָט אין זיין ווייב'ס אויגען געברענט אַ גלאַנץ, וועלכען לע-דערער האָט ביז איצט קיינמאָל נישט געזעהן.

— איך האָב דען נישט געזאָגט דעם אמת? — האָט לעדערער ווי זיך פערענטפערט.

— אודאי האָסטו אמת געזאָגט — האָט דאָס ווייב מיט איהר גאַנצען „שיקסעשען" כעס (ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט לעדערער'ן) נאָכגעקרימט איהר מאַן מיט פעראַכטונג — פאַר אַ קינד'ס וועגען זאָגט מען ליגען, נישט דעם אמת! אַ טאַטע ביזטו? — אַ טאָטער ביזטו, נישט קיין טאַטע! — האָט זי איהם געזידעלט מיט די זידעל-ווערטער פון דער אַלטער היים און דער לשון פון דער אַלטער היים (וואָס האָט נאָך אין אַזעלכע פאַלען געלעבט ביי זיי), און איבערגעלאָזט איהם איינעם אַליין אין זיץ-צימער מיט דעם „ריטער" אויף דער וואַנט...

IX

מוסר פון אַ קינד

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער זוהן, מאָריס, אָפּגעריכט אַן אונערוואַרטעטען וויזיט דעם פאָטער. לעדערער האָט זיך געוואונדערט: וואָס קען דאָס מיינען? ביז איצט האָבען זיך פאָטער און זוהן זעהר זעלטען באַגעגענט אין דער היים. איצט האָט ער עס נאָך ווינציגער ערוואַרטעט. און דער וויזיט איז עפּעס געווען אַן ערנסטער אויך. זעהר אַן ערנסטער. דאָס האָט מען גרינג געקאָנט זעהן. דאָס ווייב איז געבליבען אין שטוב און האָט אויפגענומען דעם זוהן מיט שטילשווייגען, ווי מען נעמט אויף אײנעם, וואָס קומט מנחם אבל זיין. די טאָכטער איז אויך היינט אָוונט געווען אין דער היים, וואָס איז געווען אַ זעלטענהייט. זי איז אויך געזעסען שטילשווייגענד. אַפילו דער אינגערער זוהן, וואָס לעדערער האָט נישט געזעהן זייט חדשים, איז אויך געקומען. נאָר ער וואָגט עפּעס נישט אריינצוקומען אין שטוב אריין (אין גרויסען עס־צימער). ער איז געבליבען אין אַ צווייטען צימער. עס האָט אויסגעוויזען, אז דאָ דאַרף פאָרקומען אַ „פאַמיליען־ראַט”, פון וועלכע לעדערער ווייסט גאָרנישט. דער אַלטער לעדערער האָט געזופּט זעהר לאַנגזאַם פון זיין גלאָז טיי, און געמאכט זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט דעם זוהן, וועלכער איז עפּעס אזוי פּלוצלינג אריינגעפאַלען; ווי עס וואָלט איהם גאָרנישט אָנגעגאַנגען די גאַנצע מעשה. די אנדערע האָבען אויך געשוויגען, ווי מען שווייגט ביי אַ גרויסען אומגליק.

ענדליך איז לעדערער'ן געוואָרען איבערדריסיג דאָס שווייגען און דער גאַנצער אָנשטעל, וואָס זיי מאַכען, און ער האָט געזאָגט:

— אַלזאָ וואָס ווערסטו זאָגען נייעס? וואָס איז געשעהן?

— וואָס זאָל האָבען געשעהן? גאָרנישט! — זאָגט דער זוהן מיט אַ געמאַכטען שמייכעל.

— נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען?

— איך בין געקומען דעם פאָטער זעהן, דער מוטער זעהן, גלאַט אַזוי.

— גלאַט אַזוי? אָ-וואָ! וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

— פאָטער — האָט דער זוהן אָנגעהויבען אין אַן ערענ-סטען טאָן—מיר דענקען אַלע, אַז דער פאָטער דאַרף ערגעץ וואו אַוועק-פאָהרען, מיט דער מוטער, פארשטעהט זיך, אויף אַ לאַנגער רייזע נאָך קאַליפאָרניע, אָדער גאָר אויף יענער זייט ים. מיר דענקען, אַז עס וועט דעם פאָטער גוט טהון.

— פאַר וואָס זאָל עס מיר עפּעס גוט טהון? איך בין נישט געזונד, צי וואָס? און פאַר וואָס עפּעס אַוועקפאָהרען? און פון ווען אָן האָסטו זיך דאָס אייגענטליך גענומען פאַראינטערעסירען מיט דיין פאָטערס געזונדהייט?

— איך בין נישט געקומען קריגען זיך מיט'ן טאַטען. איך בין געקומען זעהן, וואָס עס איז דער מער מיט'ן טאַטען, — האָט דער זוהן געזאָגט זעהר ערנסט.

דער אַלטער לעדערער איז בלאַס געוואָרען. ער האָט איינ-געהאַלטען זיין כעס, ווי ווייט ער האָט געקאָנט.

— וואָס איז דען דער מער מיט מיר?

— אַלע קלאָגען זיך אויפ'ן פאָטער: די מוטער, סטעלאַ, אַז עס איז עפּעס געשעהן מיט'ן פאָטער זייט די ביסט אַרויס פון ביזנעס. (די מעשה מיט די נירענבערגס האָט ער נישט דערמאָנט כדי עס זאָל אויסזעהן, אַז ער ווייסט גאָרנישט דערפון). — און איך האָב גרינג געזעהן, אַז דער פאָטער איז נערוועז, ווען ער האָט געמאַכט זיין ערשטען באַזוך אין די ביזנעס. מיר אַלע דענקען, אַז

דער פאָטער דאַרף האָבען די רייזע. ער קען עס זיך פאַרגינען אַזוי פיל יאָהרען געאַרבייט... וואָס איז, ווי פיל קאָסט דען אַזאַ רייזע?

נאָר דער פאָטער האָט שוין נישט געענטפערט דעם זוהן. ער האָט זיך געווענדעט צו דער ווייב:

— אַלע קלאָגען זיך אויף מיר, און דו אויך. דו ביסט, הייסט עס, געגאַנגען מיך פאַרמסרן ביים זוהן, אַז ער זאָל מיר קומען מוסר זאָגען.

— וואָס, פאַרמסרן? ער איז נישט מיין קינד, וואָס? פאַר ווען דען זאָל איך געהן אויסרעדען זיך דאָס האַרץ, פאַר פרעמדע? דו מאַכט דאָך אונז אַלעמען דעם טויט. דו ווייסט וואָס דו האָסט געטהון? דו האָסט דאָך פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט אונזערע אויגען, — סטעלאַן אומגליקליך געמאַכט.

— וואָס טו איך דען אַזעלכעס? אדרבא, זאָג מיר — זאָגט דער אַלטער לעדערער, נאָך אַלץ געלאַסען.

נאָר אָנשטאָט דער מוטער, האָט שוין איצט דער זוהן געענטפערט. ווי עס האָט אויסגעוויזען, האָט ער שוין מעהר קיין מורא נישט געהאַט און נישט גערעכענט זיך מיט ווערטער.

— איך וועל זאָגען דעם פאָטער דעם אמת, — האָט דער זוהן אָנגעהויבען — מיר אַלע זענען ענטוישט אין טאַטען. מיר האָבען געמיינט, אַז ווען דער פאָטער וועט אַוועק פון די ביזנעס, וועט ער טהון, וואָס יעדער בכבודער ביזנעסמאַן טוט, ווי עס פאַסט פאַר דער פירמע „לעדערער ענד סאָן" — ער וועט אַוועקשענקען זיין צייט פאַר צדקה. ער וועט אַריינטרעטען אין אַ טעמפעל, ער וועט זיך פאַראינטערעסירען מיט רעליגיעזע זאַכען. דער פאָטער קען לשון קודש, ער ווייסט פון רעליגיאָן, דער פאָטער וועט ווערען אַ פּראָמינענטער מיטגליד אין אַ צדקה-אַנשטאַלט, צו וועלכער עס באַלאַנגען אַנדערע בכבודע, פּראָמינענטע ביזנעס-לייט; אַז מען זאָל דעם פאָטער קענען, ווי עס וואָלט געפאַסט פאַר דער פירמע „לעדערער ענד סאָן".

דער פאָטער האָט אָבער נאָך די אידעע, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט

פון דער אַלטער היים. דער פּאַטער האָט זיך נאָך נישט אויסגע־גרינט. ער זיצט נאָך אַלץ אויף דער איסט סייד און ער מיינט, אַז עס זענען נאָך אַלץ יענע צייטען, ווען דער פּאַטער איז געווען אַ „ניהיליסט". אמאָל זענען מיר געווען קליין און מיר האָבען זיך נישט געקענט ווערען. מיר האָבען געמוזט נעהמען אַלעס, אַזוי ווי דער פּאַטער האָט געוואָלט. היינט ווילען מיר זיך נישט מעהר לאָזען. היינט זענען מיר ערוואַקסען, גאָט צו דאַנקען. און אַז דער פּאַטער וויל אונז דאָס פּנים פאַרשוואַרצען, ווילען מיר דאָס נישט צולאָזען. איך וויל, אַז דער פּאַטער זאָל דאָס פאַרשטעהן.

נאָר לעדערער איז עפּעס קאַלט געבליבען.

— וואָס ווילסטו, אייגענטליך, טהון קעגען מיר?

— וואָס איך וועל טהון? גאָרנישט וועל איך טהון. נאָר מיר ווילען עפּעס אַן עצה זוכען, אַז דעם פּאַטער געהט נישט אָן, וואָס צוליב איהם, צוליב זיינע נאַרישע אידעען, פאַרלירט סטעלאַ איהר גליק, אַ פאַמיליע, אין וועלכער זי וואָלט זיך אַריינגעפּאַסט.

— דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל צוליב דעם, וואָס סטעלאַ וויל זיך משדך דוקא מיט די ניירענבערגס, ליגען זאָגען? מאַכען פון זיך אַ מאַלפּע און בלאָזען זיך אַזוי ווי דו?

— ליגען זאָגען! דער טאַטע האָט קיינמאָל קיין ליגען נישט געזאָגט אין ביזנעס?

— אין ביזנעס — יאָ. געלד צו פאַרדינען, אַ לעבען צו מאַכען, געלד צו זאמלען פאַר אייך. פאַר דעם אַלעם — יאָ, דאָס גאַנצע לעבען האָב איך ליגען געזאָגט. נישט בלויז פאַר אַנדערע, פאַר זיך אַליין האָב איך אויך ליגען געזאָגט. איצט זעה איך עס איין. אָבער גענוג! איך וויל נישט מעהר זאָגען ליגען. איך זעה דעם שכר, וואָס איך האָב דערפאַר. איך וויל זיך נישט מעהר פאַרשטעלען, זיך אַליין פאַרלייקענען. איך וויל זיין א י ך א ל יי ן. פאַרשטאַנען?

— ניין. און וואָס וועט זיין מיט סטעלאַן? זאָל זי בלייבען

פאַרזעסען אין דער היים? אָדער אפשר חתונה האָבען מיט פּאָטערס אַ לאנדסמאַן פון דער „איסט סייד״, אָהן פאַמיליע, אָהן שטעלונג, אָהן פּאָזיציע, אפשר מיט אַ „ניהיליסט׳ל״? פאַר איהם וואָלט דער פאָטער זיך נישט געדאַרפט פערלייקענען. פערקעהרט, פאַר איהם וואָלט זיך דער פאָטער געקענט ריהמען מיט דעם, וואָס ער בעלאַנגט נישט צו קיין געמיינדע און דאַווענט נישט אין קיין טעמפעל.

— מיר איז אַלץ איינס, מיט וועמען סטעלאַ וועט חתונה האָבען. איך וויל זיך אין דעם נישט מישען.

— אָבער אונז איז עס נישט אַלץ איינס. איך וויל, אַז דער פאָטער זאָל עס פערשטעהן. אונז איז עס שוין גאָרנישט אַלץ איינס. סטעלאַ מוז אריינקומען אין אַ פאַמיליע, אין אַ רעכטע גוטע פאַמיליע נישט ווי... — ער האָט נישט פערענדיקט דעם זאַץ נאָר צוגעלייגט מיט אַ קאָפּ־שאָקלען און בעדויערען.

— ווי דיינע דייטשען, למשל.

נאָר דאָס איז שוין געוועזען צופיל. דער כעס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין דעם זוהן׳ס הארץ אין די אַלע יאָהרען פון פערשווייגען דעם פאָטער, האָט אויסגעבראָכען מיט אַ שטורם:

—יאָ, ווי מיינע דייטשען! גאַנץ ריכטיג! נישט ווי די פאַמיליע, וואָס דער פאָטער האָט אויסגעהאָדעוועט. וואָס האָבען מיר געהאַט אין דער היים? וואָס האָט אונז דער פאָטער געגעבען, א חוץ דאָס קאַרגע שטיקעל ברויט, וואָס יעדערער טאַטע ברענגט אַהיים צו זיינע קינדער? מיר האָבען געמוזט פרי אַוועק פון דער היים, אין פרעמדע הייזער, אין פרעמדע שטובען, צוזעהן ווי אַנדערע פאַמיליעס לעבען, ווי קינדער קומען זיך צוזאַמען צו זייערע עלטערן ביי אַ שבת־פעסט, אָדער ביי אַ יום־טוב־פעסט. אפילו קיין קידוש האָבען מיר נישט געהערט ביים טאַטען, פסח קיין סדר נישט געהאַט, אין קיין טעמפּעל נישט געווען. גאָרנישט האָבען מיר געהאַט. ווען מיר וואָלטען זיך אליין נישט ערצויגען, ווען מיר וואָלטען נישט פרי אַרויס פון

דער היים און געזעהן ווי מענשען לעבען, וואָלטען מיר געבלי־בען היימלאָזע „ניהיליסטען", וואָלטען מיר געבליבען פון דער „אַלטער היים", ווי דער פאָטער איז. מיר וואָלטען קיין אַמ־ביציע נישט געהאַט, קיין לעבען נישט געהאַט. גאָרנישט וואָל־טען מיר געהאט, אזוי ווי דער פאָטער האָט גאָרנישט. איך דאנק מיינע דייטשען. יאָ, איך דאנק זיי, וואָס זיי האָבען מיך צו זיך אין שטוב אריינגענומען, פון דער גאַס אַהיים גענומען, אין זייער קרייז אַריין, אין זייער פאַמיליע אַריין. און זיי האָ־בען מיר געגעבען אַ פאמיליע, אַ ריכטיגע פאַמיליע, מיט טראַ־דיציע, מיט שעהנקייט, מיט רעליגיעזע פאָרמען, אלעס. אלעס האָב איך זיי צו פערדאַנקען: מיין אנשטענדיגקייט, מיין אַמ־ביציע, מיין שטרעבען — אלעס, אַלעס, און דער פאָטער ווארפט זיך נאָך מיט די דייטשען.

עפעס מערקווירדיגעס האָט פאַסירט מיט דעם אַלטען לע־דערער: אנשטאָט וואָס דעם זוהנ'ס ביטערע ווערטער זאָלען איהם אריינברענגען אין כעס, און עס זאָל קומען צו אַ גרויסען סקאַנדאַל צווישען פאָטער און זוהן, ווי אַלע האָבען עס ער־ווארטעט און מורא געהאַט, האָבען דוקא דעם זוהנ'ס שטרענגע און ביטערע ווערטער געבונדען, ווי מיט קייטען, זיין אויסברוך און אָבגעלאָשען, ווי מיט וואַסער, די שנאה, וואָס האָט אין איהם געברענט צו זיין זוהן.

צי איז עס געווען די אויפריכטיגקייט פון זיין זוהן, וואָס האָט דעם פאָטער אַזוי גערירט, אָבער נאָך קיינמאָל האָט דער אלטער לעדערער נישט געפיהלט זיך אַזוי נאָהענט און צוגע־צויגען צו זיין זוהן, ווי דוקא איצט, ווען ער האָט איהם אַרויס־געזאָגט דעם ביטערסטען אמת. און עס איז נישט געווען בלויז די קאַלטע לאָגיק, וואָס האָט געאַרבייט אין לעדערער'ן, וואָס האָט איהם געזאָגט, אז דער זוהן, פון זיין שטאנדפונקט, האָט רעכט. ניין, דאָס איז געווען אַ ריכטיגער פאָטער־געפיהל, וואָס ער האָט איצט געפיהלט צו זיין זוהן. אַ גרויס רחמנות־געפיהל

האָט איהם ארומגענומען צו דעם גרויסען, פוסטען יונג, וואָס איז געזעסען פאַר איהם, מיט דעם דימענטענעם צייכען פון די „פריימויער" אין לאַץ — אַ רחמנות, וואָס מען האָט צו א קינד, ווען ער שרייט נאָך א שפּילצייג, און דער טאַטע האָט נישט איהם דאָס צו געבען. ער האָט דערפיהלט דעם זוהנ׳ס ליידען דורך די אלע יאָהרען. ער האָט פערשטאַנען דעם זוהנ׳ס טהאַטען. זיך האָט ער בעשולדיגט און דעם זוהן האָט ער געגעבען גערעכט. נאָר נישט בלויז דער אינערליכער געשריי פון זיין זוהן האָט איהם גערירט, עס איז געווען מעהר די גרימאַסען פון ליידען, וועלכע דער אַלטער לעדערער האָט געזעהן אויף זיין זוהנ׳ס פּנים, ווען ער איז נאָך אַ אינגעל געווען, ווען ער האָט געוויינט אונבעהאָלפען און געוואָלט א „פעני". זיין בלייכע נאָז, די שוים אויף די ליפּען, דאָס ציטערען פון זיין קורצער געמבע, דאָס אַרבייטען פון די שלייפען, דאָס קריצען מיט די ציין, בשעת ער האָט גערעדט, וואָס האָט דעם פאָטער אַזוי גערירט, און וואָלט לעדערער געווען אַ מענש, וועלכען עס קומט אָן לייכט צו מאניפעסטירען זיינע געפיהלען, וואָלט ער צוגעגאַנגען צום זוהן און איהם ארומגענומען מיט האַרציגער פאָטערליכער ליעבע (אַ סצענע, וועלכע וואָלט געקענט אין גאַנצען איבערבייטען די בעציהונגען צווישען פאָטער און זוהן, און האָבען גאָר א גאַנץ אַנדער איינפלוס אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער פאמיליע לעדערער), א געפיהל, וואָס האָט זיך געריסען פון דעם אלטענס ברוסט, נאָר זיין עקשנות, אָדער אפשר די ביטערע יאָהרען פון לעדערער׳ס לעבען, זיין היימלאָזיגקייט, האָט זיך אנטקעגענגעשטעלט און נישט געלאָזט אַרויסווייזען זיינע געפיהלען צו זיין קינד... לעדערער איז בלויז געבליבען זיצען טרויעריג, זעהר טרויעריג, ווי ער וואָלט געשמיסען געוואָרען פון דעם זוהנ׳ס ווערטער. געטראַכט און געפיהלט האָט ער עפּעס אַנדערש, און גערעדט האָט ער ווידער עפּעס אנדערש. נאָר דאָס נייע, וואָס איז איצט געבוירען געוואָרען אין לעדע-

רער׳ס האַרץ, האָט פאַרענדערט דעם טאָן. און ווען נישט אין ווערטער, דאָך אין דעם טאָן האָט יעדערער געקענט דערפיהלען דעם אַלטענס צוּבראָכענקייט...

— נו, שוין, האָסט דאָך שוין, וואָס דו האָסט געזוכט, וואָס דו האָסט בעדארפט: א פאַמיליע, מיט קידוש, מיט שבת, מיט יום־טוב און וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס קומסטו נאָך צו מיר? דו ווילסט, אַז איך זאָל אויך מאַכען קידוש? אַז איך זאָל אויך געהן אין שול אַריין? גענוג איין רב אין דער משפּחה, גענוג, גענוג.

לעדערער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיינע ווערטער זאָגען להלוטין נישט אַרויס דאָס, וואָס ער טראַכט איצט. און דער זוהן האָט עס אויך דערפיהלט, און ער האָט אויך געענ־דערט דעם טאָן:

איך וויל נישט לערנען דעם פאָטער, וואָס ער זאָל טהון. דער פאָטער האָט שוין אָבגעלעבט זיין אייגען לעבען. זאָל ער לעבען, ווי ער פערשטעהט. איך בין נאָר געקומען אהער, ווייל די מוטער קלאָגט זיך, ווייל מיר אַלע קלאָגען זיך אויפ׳ן פאָ־טער און איך אַליין זעה איין, אַז ווייטער אַזוי געהן קען עס נישט. דער פאָטער מוז עפּעס טהון. דער פאָטער איז זיין גאַנ־צען לעבען געווען בעשעפטיגט, ער איז געוואוינט צו אַרבייטען. מיר האָבען אַלע געמיינט, אַז ווען דער פאָטער וועט אַוועק פון די ביזנעס, וועט ער זיך נעמען צו אַ בעשעפטיגונג, וואָס פּאַסט זיך פאַר איהם, וואָס פּאַסט זיך פאַר דער פירמע „ע־דערער ענד סאָן". מיר דענקען אַלע, אַז עס וואָלט געווען די בעסטע זאַך, ווען דער פאָטער מאַכט אַ לאַנגע רייזע, און שלאָגט זיך אַרויס די נאַרישקייטען פון קאָפּ. איך האָב איבער־גערעדט מיט דאָקטאָר זאלקינד. דאָקטאָר זאלקינד מיינט אויך, אַז עס איז די העכסטע צייט, אַז דער פאָטער זאָל זיך צו עפּעס נעמען. דאָס קלערען און דענקען און אַריינלאָזען זיך אין די ביכלעך, וואָס דעם פאָטער ברענגט זיך פון דער איסט

סייד, קען צו קיין גוטעס נישט ברענגען. מיר דענקען, אז נע־מען אַ לאַנגע רייזע איז די איינציגע זאַך, וואָס דער פּאַטער קען איצט טהון. אָבגעארבייט דאָס גאַנצע לעבען, וועט ער יעצט, צוזאַמען מיט דער מאַמען, מאכען א לאנגע רייזע. דער פּאַטער וועט זיך בערוהיגען.

— אַזוי האַלט עס שוין מיט מיר? אַזוי שלעכט? געמוזט אזש פרעגען דר. זאַלקינד!...

אַלע האָבען געשוויגען, נאָר דער זוהן האָט געענטפערט פאַר אלעמען. ער האָט שוין איצט גאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַר'ן פאָטער, און ער האָט איהם נישט געשוינט:

— יאָ, יאָ, יאָ.

— אויב אַזוי, וואָלט אפשר געווען אַ יושר, אַז איך זאָל צוריקגעהן אין די ביזנעס אריין. צו פרי אַרויס. איך האָב נאָך גענוג ענערגיע. איך קען נאָך נוצען ברענגען — פאר וואָס עפּעס רייזען?

אַלע האָבען געשוויגען, נאָר דער זוהן איז בלייך געוואָ־רען. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר זיין אונטערשטע גאָמבע האָט ווידער געציטערט און בלויע שלייפען־בענדער האָבען גע־אַרבייט, כאָטש ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט געקלערט, און אַן אומבאהאָלפענקייט און אַן אימה האָט דעם זוהנ'ס פּנים אויסגעדריקט.

און עס איז ווידער געווען די אומבאהאָלפענקייט און די אימה, וואָס דעם זוהנ'ס פּנים האָבען אויסגעדריקט וואָס האָבען ווידער געריהרט דעם אַלטען לעדערער'ס פּאָטער־הארץ. אַ שמיי־כעל האָט זיך בעוויזען אויף דעם אַלטענ'ס ליפּען און ער האָט געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיר מעהר נישט שטערען אין די ביזנעס, איך וועל דיר נישט שטערען. איך וועל זיך געפינען אַן אנדער בעשעפטיגונג.

און ער האָט געוואָלט צוגעהן און קלאַפּען אויף דעם זוהנ׳ס פּלייצעס, בערוהיגען איהם. נאָר דאָס האָט ער נישט געטהון. ער האָט זיך נאָר אויפגעהויבען פון זיין אָרט און מיט די לעצטע ווערטער די שטוב פערלאָזען און איז צו זיך אין זיין צימער אריינגעגאנגען.

X

בענקשאפט נאך געוועזענעם לעבען

ער האט זיך איינגעשלאסען אין זיין צימער, און ווי א געפאנגענער פויגעל, האט ער זיך געדרעהט ארויף און אראפ, אראפ און ארויף. די ווענט זענען איהם צו ענג געווען, דער באלקען — צו נידעריג. וואס זאל ער טון? צו וואס זאל ער זיך נעהמען?

זיי האבען רעכט! רעכט!

ער האט זיך ארומגעקוקט און מיט אמאל געפונען זיך אונ־טערגעשניטען, אפגעהאקט פון דער ערד. ער האט זיך פון עפעס ארויסגעריסען — פון דער ערד, אין וועלכער ער האט געשטעקט געוואקסען, און געלאזט זיך געהן.

וואס איז געשעהן מיט איהם?

ארויף און אראפ, אראפ און ארויף, אין דער שטוב, וואס די הויז־מענשען האבען גערופען די „כשוף־שטוב", וועלכע מען האט אויסגעמידען און מען האט מורא געהאט פאר דער טיר, וואס האט געפיהרט אין דער שטוב אריין, אז זי זאל זיך נישט פלוצלינג עפענען און עפעס זאל נישט ארויסשפרינגען, אזוי ווי מען האט מורא פאר א טיר, וואס פיהרט צו א משוגענעם.

דארט איז ער שוין געגעסען גאנצע טעג מיט זיינע כשוף־ביכלעך, מיט זיי אדער אהן זיי. און זיינע טריט, ארויף און אראפ, אראפ און ארויף, האבען זיך געהערט איבערן הויז און האבען אפגעקלונגען מיט שרעק.

קיינער האָט איהם נישט געשטערט. די דינסט האָט נישט געוואָלט אַריינגעהן אויפראַמען. קיינער האָט דעם שטויב נישט אָרומגעווישט פון די זאַכען פון שטוב.

צום ערשטען מאָל האָט ער זיך געמוזט זאָגען, אַז אין דעם וואָס עס איז געשעהן, זענען נישט בלויז שולדיג זיינע שטובמענשען, נאָר אויך ער אַליין. נישט בלויז זיי האָבען זיך געענדערט, נאָר ער אַליין האָט זיך אויך געענדערט. עס איז געווען עגאָאיסטיש און נישט ריכטיג פון איהם אַרויפצולייגען די שולד בלויז אויף זיין פאַמיליע, אויף זיין ווייב, אויף זיין זוהן, אויף זיין טאָכטער. ער איז אויך שולדיג אין דער ענדערונג, וואָס איז מיט זיי פאָרגעקומען. זיי זענען אַריינגעוואַקסען אין אַן אַנדער חעלט און זיי פיהלען זיך נאַטירליך און גליקליך אין דער דאָזיגער וועלט. „איך האָב געזעהן מיט אַלע מעגליכקייטען, געשטרעבט דערצו מיט אַלע מיינע כחות און ענערגיע, אַז זיי זאָלען אין אַט דער וועלט אַריינוואַקסען. איך אַליין האָב געמיינט ביז איצט, אַז דאָס איז דאָס איינציגע גרויסע גליק פון דעם מענשען. און איך האָב געאַרבייט טאָג און נאַכט און געמאַכט אַרבייטען אַנדערע, אויסגענוצט די פעהיגקייטען, די קריכערישע באַרייטשאַפט, די שטרעב-לוסט פון אַלע מיינע אָנגעשטעלטע, פון אַלע מיינע אַרבייטער, מיט כלערליי מיטלען, גערעכטע און אומגערעכטע, כדי איך זאָל האָבען די מעגליכקייטען מיין פאַמיליע אויסצוהאַלטען אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען זיי געפינען זיך; אַז זאָלען אַריינוואַקסען אין אַט דער נייער וועלט פון די גליקליכע. און איצט, ווען דאָס נייע לעבען איז שוין געוואָרען זייער געוואוינהייט, זייער טאָג-טעגליכער אָטעם, אָהן וועלכען זיי קענען מעהר נישט לעבען, קום איך און שטער זיי און פאַרביטער זיי די טעג און די יאָהרען, און איך טו אַלעס כדי זויער צו מאַכען זייערע פאַרגעניגענס און צושטערען זייער לעבען".

ער דערמאָנט זיך אָן דער סצענע מיט די נירענבערגס, יענעם אָווענד, ווי זיין טאָכטער האָט געקוקט אויף איהם מיט בע-

טענדיגע בליקען... ערשט איצט זעהט ער איהרע פייכטע אויגען, איהר בעטענדיגען בליק, איהר פיעשטשען זיך צו איהם, אַז ער זאָל איהר נישט פערשטערען איהר גליק. „און פאַרוואָס האָב איך דאָס געטהון? איז עס טאַקע געווען די שווערקייט פון ליגען? איך האָב דאָך דאָס גאַנצע לעבען ליגען געזאָגט, פאַר גריגערע, פאַר ערגערע זאַכען... פאַרוואָס האָב איך נישט געקענט ליגען זאָגען פאַר מיין קינדס גליק? זאָל עס זיין אַן איינגערעדטער גליק, אָבער אַזוי פערשטעהט זי דאָך גליק... צי איז עס טאַקע געווע צוליעב דעם, וואָס איך וויל איצט לעבען מיט דעם ריינעם אמת, וואָס איך האָב נישט געוואָלט זאָגען קיין ליגען פאַר די נירענבערגס?... ניין, עס איז דאָך עפעס אַנדערש געווען: אַ געפיהל פון נישט־פערגינען זיין אייגענער טאָכטער... און נישט פערגינען האָט ער עס איהר צוליעב דעם, וואָס ער איז בייז אויף איהר, וואָס ער האָט פיינט אַלע זיינע קינדער, זיין ווייב, זיין גאַנצע הויזגעזינד — דאָס לעבען, וואָס ער האָט געשאַפען. „וואָס געהען זיי מיר אָן, אַז איך זאָל צוליעב זיי ליגען זאָגען און שפּילען דעם קאָמעדיאַנט?" אָט צוליעב דעם האָב איך דאָס נישט געוואָלט זאָגען קיין ליגען, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז עס הענגט דערפון אָב מיין טאָכטערס גליק.

„אַ טאָטעריש האַרץ" האָב איך, האָט מיין ווייב געזאָגט... יאָ, אַ טאָטעריש האַרץ האָב איך. זיי אינטערעסירען מיך נישט. וואָס געהט עס מיך אָן, צי מיין טאָכטער וועט קריגען אַ נירענבערג, אָדער אַן אַנדער שוואַרץ יאָהר?

און פאַר וואָס געהט עס מיך נישט אָן? האָט ער זיך געפרעגט. און צי איז שטענדיג אַזוי געווען, צי איז מיך טאַקע קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען דער גורל פון מיינע קינדער, פון מיין ווייב, פון מיין פאַמיליע? ווען נישט, פאַר וואָס האָב איך אַזוי שווער געאַרבייט? פאַרוואָס האָב איך אַזוי געשטרעבט און געוואָלט איינעהמען די וועלט? פאַר זיך אַליין האָב איך דאָך גענוג געהאַט דאָס לעבען, וואָס איך האָב געלעבט! איך בין דאָך פיל גליקלי־

כער געווען אין אָט יענעם לעבען, בשעת מיר האָבען געוואוינט אויף נאָרפאָלק סטריט. אין די ענגע, אָרעמע צוויי צימערן — גליקליכער ווי איצט. דעמאָלסט האָב איך געהאַט אַ ווייב, קינדער, פאַר וועלכע עס האָט זיך מיר געגלוסט צו אַרבייטען, צוליב וועלכע די אַרבייט איז מיר זיס געווען. און וואָס האָב איך איצט? — גאָרנישט מיט גאָרנישט.

איך האָב געאַרבייט דערפאַר און צוליב דער ארבייט אַליין. מען אַרבייט צוליב דער אַרבייט. עס איז נישטאָ עפּעס אַנדערש, ווי אַרבייט, ווייל דער מענש קען נישט אַרומגעהן ליידיג. אָט אַזוי ווי דער מרדכי דאָרט ביי מיר אין שאַפּ. לאָזט מען איהם אָפּ: גייט אַרום ליידיג, קומט ער אַליין צוריק צו דער אַרבייט, פּונקט אַזוי ווי דער פערד, ווי דער מויל-אייזעל, ווי דער אָקס, וואָס איז געוואוינט דאָס גאַנצע לעבען צו געהן אין שפּאַן, און אָהן שפּאַן איז איהם שלעכט.

אַרבייט, אַרבייט, אַרבייט. און איך וועל צוריקגעהן צו דער אַרבייט אין שאַפּ אַריין. עס איז גאָר נישטאָ מעהר ווי דער שאַפּ. די גאַנצע וועלט איז איין גרויסער שאַפּ. און איצט, אַז איך האָב נישט דעם שאַפּ, בין איך אומגליקליך, אַזוי ווי דער מרדכי דאָרט, ווייל מיר האָבען גאָרנישט מעהר אין לעבען ווי דעם „שאַפּ" — דאָס גאַנצע לעבען איז איין שאַפּ.

אַ שרעק האָט איהם אַרומגענומען פון אָט דעם געדאַנק. ער האָט געוואָלט אַרויסגעהן אויף דער גאַס, אַוועקגעהן אויף בראָדוויי, אין סאַמע גרעסטען געדראַנג, אַז ער זאָל העכער זיין פאַר אַלע, זיין שטאַרקער פון אַלע, און ער זאָל האָבען הענט ברייטערע און שטאַרקערע פון אַלע, און מיט זיינע ברייטע, לאַנגע הענט אָבהאַלטען דעם גאַנצען געדראַנג, דעם גאַנצען געלויף און דאָס גאַנצע יאָגעניש, און אויסרופען אויף אַ הויכען קול, אַזוי, אַז גאַנץ בראָדוויי זאָל עס דערהערען:

אומגליקליכע מענשען, וואוהין לויפט איהר? נאָך וואָס יאָגט איהר זיך? עס איז סיי ווי סיי גאָרנישט מעהר דאָ, ווי דער

„שאַפּ". איהר וועט לויפען און לויפען, און קיינמאָל נישט אַנט-לויפען פון דעם שאַפּ. ס׳איז אומזיסט אייער יאָגען זיך און שטרע-בען — איהר זייט אין שאַפּ. עס איז גאָר נישטאָ דאָ מעהר ווי נאָר שאַפּ, שאַפּ און שאַפּ...

איז טאָקע גאָר נישטאָ מעהר? גיט אַ בליק אויף אַ געדאַנק אין איהם, אַמאָל איז דאָך גאַנץ אַנדערש געווען.

טאָקע דעמאָלסט, ווען ער איז אין שאַפּ געווען, אַ פּראָסטער אָרעמער אַרבייטער.

דאַמאָלסט איז ער געזעסען גאַנצע טעג אין שאַפּ. נאָר קיין שאפּ איז דאַמאָלסט נישט געווען. ער האָט איהם נישט אַנגעזעהן. ער האָט איהם נישט געפיהלט.

זיינע הענט האָבען געארבייט אין שאַפּ. אפשר האָט זיך זיין קערפּער אויך געפונען אין שאַפּ. אפשר יאָ און אפשר נישט— יעדענפאַלס, ער האָט עס נישט געפיהלט. נאָר זיינע אויגען, זיין געדאַנק און זיין הארץ זענען גאָר אַנדערשוואו געווען. ער האָט מיט אומגעדולט געוואַרט ביז די שעה וועט קלינגען, אַז ער וועט קענען פערלאָזען די ווענט הינטער זיך. און קוים האָט ער זיי פערלאָזט, האָט ער זיי מעהר נישט געזעהן, איז ער מעהר נישט געווען דאָרט, איז ער געווען אין דער היים, ביי זיין ווייב און ביי זיינע קינדער, ביי זיין בוך, ביי זיין צייטונג, ביי זיין אידעאַל וועגען אַן אַנדער לעבען, וועגען אַ ניי לעבען.

אַ וואונדערליכע זאַך,—טראַכט ער זיך—ווען איך בין געווען אַן אָרימאַן, אַן אָרימער, פערשקלאַפטער אַרבייטער, האָב איך נישט געפיהלט דעם שאַפּ און נישט געהאַט דעם שאַפּ. איך פיהל איהם נור זייט איך בין רייך געוואָרען.

און נישט ווילענדיג, האָט ער פערגליכען זיין לעבען אַלס אָרעמער אַרבייטער מיט דעם לעבען דערנאָך, ווען ער האָט אָנגע-הויבען רייך צו ווערען און אַרבייטען פאַר זיך.

עס זענען פערבייגעגאַנגען פאַר די אויגען פון דעם לויפּענ-

דיגען אומרוהיגען, אַלטען לעדערער בילדער פון אַמאָליגע יאָהרען און אַמאָליגע טעג.

אפשר דערפאַר, וואָס די אָרעמקייט זיינע איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט זיין יוגענד, דערפאַר האָט איהם דוקא די אָרעמקייט געמאָהלען אַזעלכע פרעהליכע, אַזעלכע שטילע גוטע, אינטים-משפחה׳דיגע און אינערליך גוט-טוּענדיגע בילדער, וואָס בשעת זיי זענען פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט, האָט גאָר גאַנץ אַנדערש אויסגעדאַכט...

דעם שאַפ געדענקט ער גאָרנישט אין יענע יאָהרען פון אָרעמקייט, ווען ער האָט געאַרבייט ווי אַ געוועהנליכער ארביי-טער ביי פרעמדע. דער שאַפ שווימט אַריין אין טיפען, פינ-סטערען אָפּגרונד, וואו אַלעס שלעכט איבערגעלעבטעס פליסט אין דעם פינסטערען תהום פון „גאָרנישט״ אַריין. און מען וויל מעהר גאָרנישט געדענקען דערפון. וואָס ער געדענקט יאָ, וואָס ער זעהט יאָ, זענען יענע גליקליכע מאָמענטען פון דער היים, וואו ער האָט געפיהלט שרה׳ס וואַרעמקייט צו איהם, איהר אַנ-טיילנעמען אין זיין גורל, איהר מיטגעפיהל און מיטלעבען מיט איהם, אין אַלע איהרע בעוועגונגען, אין איהר רעדען און טהון, אין איהרע שטילע קרעכצען, אין איהר לאַכען, אין איהר פרייד צו איהם און, אַממערסטען, אין איהר שטימע.

איהר שטימע איז גאָר געווען אַנ׳אַנדערע.

קיין האָפנונג אויף בעסערס האָבען זיי נישט געהאַט. אין זיי האָבען אפשר קיין בעסערס נישט פערלאַנגט. איז זיי נאָר איבערגעבליבען דאָס ביסעלע ניכטערע לעבען, וואָס דער טאָג האָט געבראַכט. און זיי האָבען אויפגעגעסען דאָס ניכטערע לעבען, מיט דעם גאַנצען חשק פון זייער אומענדליכען ווילען, מאַכענדיג דערפון דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען געקענט. זיי האָבען פערמאָגט יוגענד און ליעבע און האָבען אָבגעגעבען איינער דעם אַנדערען דאָס איינציגע, וואָס זיי האָבען פערמאָגט, וואָס זיי האָבען געהאַט צו געבען — זייער יוגענד און זייער

ליעבע מיט גאַנצען הארצען, מיט׳ן גאַנצען לעבען און וואונש.
אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז די עראינערונג פון דעם געדאַנקט, פון יענע גוטע צייטען זאָל נישט אַוועקלויפען, האָט ער, אַליין נישט וויסענדיג, אָבגעשטעלט זיין לויפען איבער׳ן צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, מיט אַ האַנד אין די ציין אַריין, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהאַלטען יענע צייטען מיט דעם ביס אין זיין מויל.
עס האָבען אויפגעטויכט סצענעס פון דער אַלטער היים, פון צייטען, ווען ער האָט זיך בעקענט מיט איהר אין שטאָדט־גאָרטען. זי איז געווען אַנ׳אַרבייטערין, ווי ער, פון די זעלבע שיכטען, ווי ער: ווי זיי האָבעןביידע אָבגערעדט צוזאַמענצו־וועבען זייער אָרעמע היים. עס האָבען אויפגעטויכט סצענעס פון אַרבייטסלאָזיגקייט, ווען ער האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגע־דרעהט איבער די גאַסען פון לאָדז, אַ הונגעריגער, און נישט געוואָלט אַהיים קומען מיט ליידיגע הענד, געקלערט, ביי ווע־מען צו כאַפּען אַ פּאָר גראָשען. און אין אָווענד, ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער, אָנשטאָט אַ זויער פּנים, געפונען אַן אָבגעקאָכטען גריץ און אַ טרייסט פון גוטע משפּחה׳דיגע אויגען. וואו האָט זי גענומען גריץ? שרה איז שטענדיג געווען אַ בריה צו בעשאַפען פון גאָרנישט אַ זופּ, פון אַ נעכטיגען עסען, פון אַ פּאָר מערען און קאַרטאָפליעס. שרה איז געווען אַ בריה אַרויסצובעקומען פון אַ געוועלבעל אויף באָרג. ווען אַלע האָפ־נונגען האָבען זיך שוין אויסגעלאָזען, האָט שרה שטענדיג גע־פונען אַנ׳עצה.
צי איז זי טאַקע אין דער ווירקליכקייט געווען אַזאַ, צי נאָר אין זיין פאַנטאַזיע — שרה איז ביי איהם אויסגעוואַקסען צו יענער הערליכער געשטאַלט, צו יענעם שעהנעם און איינ־ציגען חבר־פריינד, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבען. קיינ־מאָל האָט ער זי נישט געזעהן. אַזוי ווי ער זעהט זי איצט, אין איצטיגען מאָמענט. און דערנאָך זענען געקומען די צייטען

פון קינדער האָבען. מיט וואָס פאַר אַ שרעק און זאָרגען זי האָט איהם אָנגעזאָגט וועגען יעדען קינד, וואָס בעדאַרף קומען אויף דער וועלט! און ווי ער האָט זי בערוהיגט און געטרייסט, און ווי ער האָט געפיהלט אויף זיך דאָס „פעקעלע" שווערער און דורך דעם מעהר מוטיגער און מעהר זיסער עס צו טראָ-גען. ווי ער איז דורך דעם אָנגעגאָסען געוואָרען מיט ענערגיע און ווילען צו אַרבייטען און איהר צו פערשאַפען וואָס זי דאַרף.

— נאָך דאָס האָט דיר געפעהלט — פלעגט זי זאָגען מיט פערשעמטקייט, ווען זי האָט איהם געמעלדען, וואָס עס שטעהט איהר פאָר, אַזוי ווי זי אַליין וואָלט געווען די גאַנצע שולדיגע.

— זעהסטו, דאָס זאָל זיין דיין גאַנצע זאָרג — פלעגט ער איהר גוטמוטיג ענטפערען — נאָך אַ מויל, נאָך אַ ברויט.

נאָר יעדעס מאָל, ווען זי האָט איהם אָנגעזאָגט די „בשורה", האָט ער איינגעבויגען דעם קאָפּ און גענומען אויף זיך דאָס „פעקעל" מיט פרייד. און דאָס האָט דאָך איהם געמאַכט צו זו-כען עפּעס בעסערס, אַז זי זאָל זיך נישט דאַרפען אַזוי פּלאָ-גען. און צוליעב דעם האָט ער גענומען אויף זיך דעם יאָך פון „גלות". ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך, דאָס צושיידען זיך, ווען ער האָט זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט... און שוין אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געווען פיקס און פאַרטיג, האָט זי זיך אָנגערופען:

— טאָמער, חיים, נישט? אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטען אין אָרעמקייט, וועלען מיר ווייטער אויסהאַלטען.

— איך וועל זיך טאַקע צוהערען וואָס אַ אידענע זאָגט!...— האָט ער זיך געמאַכט האַרץ, און נישט געוואַגט צו קוקען איהר אין די אויגען אַריין, ווייל אויף זיין פנים האָט זיך עפּעס אָנגעזעהן.

און די יאָהרען פון אַרומשלעפּען זיך, און דאָס לאַנגע וואַרטען אויף איהר... און מיט וויפיעל גליק און האָפנונג און

פרייד ער האָט געקליבען א סענט צו אַ סענט, אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר, אַז ער זאָל זי קענען אַריבערנעמען. און די לאַנגע נעכט אויפ׳ן שטרוי-זאַק, ביים לאַנדסמאַן, דעם בעקער, ווען ער האָט אויף איהר געוואַרט... די פרייד פון צוזאַמענטרעפען זיך... ווען ער האָט זיינע קינדער דערזעהן ביים שיף. ווי ער האָט זיי געפיהרט אין דער דירה אויף נאָרפאָלק סטריט, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעגרייט... דער עלסטער אינגעל, משה׳לע האָט ער דעמאָלסט געהייסען, האָט געטראָגען אַ היימיש היטעלע. אוי, דאָס היימישע היטעלע, וואָס דער יונג האָט דעמאָלסט גע-טראָגען!...

אַ צופרידענער, נחת׳דיגער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויף דעם אַלטען לעדערער׳ס פנים, צוליב די גליקליכע טעג, וואָס זענען אַמאָל געווען, צוליב אַ טויט לעבען. נאָר אַ שאָד, וואָס עס איז פינסטער געווען און קיינער פון זיינע אייגענע מענשען זענען נישט געווען דערביי צו בעמערקען דעם פרעה-ליכען גייסט וואָס האָט זיך בעוויזען אויף לעדערער׳ס פנים, נאָר אַזוי פיעל יאָהרען פון טרויער און צאָרן...

עס זענען אויפגעשטאַנען סצענעס פון זייערע ערשטע צייטען אין אַמעריקע, פון זייער צוזאַמענווירקען, זייער היים אין דער נייער מדינה, פון קינדער-קראַנקהייטען, פון אָרעמע, גליק-ליכע, צופרידענע מאָלצייטען צוזאַמען, פון אָבווישען דעם פער-שוויצטען שטערען מיט׳ן קיך-פאַרטוך, פון שטילע קרעכצען ביים קיך...

גאָט, דאָס אַלעס איז דאָך אַן אמת-היימיש לעבען געווען, אַ לעבען, וואָס האָט זיך געלוינט צו לעבען.

וואו איז עס אַהינגעקומען? וואוהין איז עס פערשוואונ-דען?

XI

דער געבורט פון אַנ׳אידעע

און דערנאָך איז דאָך עפּעס נאָך געווען, עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נישט געווען, און דאָך געווען... וואָס האָט באַגלייט מיט א ליכטיגען שטראַהל דאָס אָרעמע, דאָס טעגליכע, ניכטערע לעבען: אַ נשמה יתירה, דאָס לעבען פון אַנ׳אנדער וועלט, פון אַ גערעכטערע, א בעסערע און יושר׳דיגע, וואָס בעדאַרף נאָך קומען אמאָל. אזוי ווי די אמונה אין אַ גערעכטען גאָט, אין אַ אויסלייזער, אַ משיח, וואָס וועט קומען אמאָל און בעצאָהלען דעם שכר פאַר אַלעם, וואָס עס האָבען די פרומע אידען,— אַזאַ האָט ער דאָך אויך געהאַט, וועגען וועלכעס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו לעזען אין די ביכער, אַ פרייען שבת, אַ פרייען זונטאָג, וועגען וועלכען ער האָט אזוי גערן געהאט צו הערען אַ רעדנער רעדען, אויף אַ „דיסקוסיע”, אָדער אויף א „לעקטשור”. אָ, יענע גליקליכע צייט, אויף וועלכער ער האָט געהאָפּט מיט אַלעמען צוזאַמען — ווען די מענשהייט וועט ווערען בעפרייט, אַלע עוולות וועלען ווערען אויסגעגלייכט, נישטאָ קיין אונטערדריקער, נישטאָ קיין אונטערדריקטע — אָ, יענע גאָלדענע צייט!

ער האָט דאָך אזוי געגלויבט, אז זי וועט קומען, אַז זי מוז קומען. עס איז דאָך געווען זיין גלויבען, זיין משיח, זיין גאָט!

וואו איז אַהינגעקומען דער בליק, דער שטראַהל, וואָס

האָט בעלויכטען דאָס אָרימע טאָג־טעגליכע, זאָרגעדיגע לעבען מיט דעם גלאַנץ פון א גלויבען, פון אַ משיח — פון אַ העכערער וועלט?

אָ, איצט האָט ער עס, דאָס, נאָך וואָס ער האָט געבענקט, נאָך וואָס ער האָט געגארט און געהאָפט דורך דער גאנצער צייט פון זיין אַרבייט — נאָך יענער אמונה אין עפּעס שענערס און געכטערס.

ווי אַזוי איז עס פערשוואונדען געוואָרען? ווי אַזוי איז עס אויסגעלאָשען געוואָרען דאָס גרויסע אונגעזעהענע גליק, וואָס ער האָט געהאַט?

אָ, איצט דערמאָנט ער זיך.

איינציגווייז, איינציגווייז איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין איהם דאָס אַלגעמיינע מענשליכע גליק, האָט זיך אָבגערוקט פון איהם די אלגעמיינע האָפנונג, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַלע מענשען צוגלייך, און איז איבערגעטוישט געוואָרען אויף אַנ׳אַנדער האָפנונג, פאַר אַנ׳אַנדער גליק.

אַ גליק נאָר פאַר זיך אַליין, אַ האָפנונג פאַר זיך בלויז. עס איז געשעהן דאמאָלסט, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו בויען זיינע ביזנעס.

ער האָט נור דערזעהן אַ שפּאַלט פון דער טהיר, וואָס האָט זיך אויפגעעפענט פאר זיין אייגען גליק, האָט ער זיך מיט׳ן גאנצען אימפּעט געגעבען אַ וואָרף אַהין ארייננצוקריגען זיך.

און פון דענסטמאָל אָן לעשט זיך עפּעס אויס, און עפּעס אַנדערש צינדט זיך אָן. וואָס געהט מיך אָן די וועלט, די מענשען? וואָס געהען מיך אָן די אַנדערע? איך, חיים לעדערער, וועל זיין אַ פערזאָרגטער, אַ פערזאָרגטער אויפ׳ן גאנצען לעבען. איך, חיים לעדערער, וועל זיך נישט בעדאַרפען מעהר לייגען מיט שרעק און מורא, אַז טאָמער וועל איך קומען מאָרגען צו דער אַרבייט, וועל איך געפינען טויטער סעזאָן, סטרייק

און אַלע אַנדערע שוואַרצע יאָהר. איך, חיים לעדערער, וועל זיין פערזאָרגט, פערזאָרגט אויפ'ן גאַנצען לעבען. איהר פער־שטעהט?

וואָס געהען מיך אָן אַנדערע? בטלנות איז עס געווען, חלומות, קינדישע, איינגערעדטע חלומות — וואָס עס וועט גע־שעהן אמאָל, ווען משיח וועט קומען! דאָס איז רעאַל. איך, חיים לעדערער — איך, מיין אייגען לייב און פלייש, מיין וויב און קינד. דאָס איז רעאַל, זיכער, שוין, היינט — נישט וואַרט אויפ'ן נאָכ'ן טויט.

אָט איצט זעהט ער אזוי קלאָר, ווי אַזוי עס איז געשעהן, ווי אזוי עס איז געקומען:

חיים לעדערער איז שוין נישט געגאַנגען מעהר אויף קיין „דיסקוסיעס". חיים לעדערער האָט זיך שוין נישט אָבגעגעבען מעהר מיט נארישע ביכלעך. חיים לעדערער האָט געהאַט איין זאך אין זינען — העמדער. וואָס מעהר העמדער. צוועלף טוץ א טאָג, פופצעהן טוץ א טאָג — העמדער און לייוועגד — צו קויפען די לייוועגד אויף עלען סטריט, אָדער אַרונטערברענגען דירעקט פון דער פאַבריק.

און כדי עס זאָלען זיין וואָס מעהר העמדער, האָט חיים לעדערער ליגען געזאָגט. אַלעס איבערגעלאָזט — זיין גאָט, זיין אמונה, זיין משפחה.

עס איז שוין נישט געווען קיין וויב, קיין קינד — עס זענען נור געווען העמדער. וואָס איז איהם אָנגעגאַנגען, ווי זיינע קינדער ערציהען זיך, וואָס זייערע פערלאַנגען זענען, מיט וועמען זיי חבר'ען זיך, וואָס זיי לערנען זיך, וואָס עס וואַקסט אויס פון זיי? עס איז געווען נור איין זאך אין לע־בען — העמדער און העמדער, וואָס מעהר העמדער...

און כדי עס זאָל זיין וואָס מעהר העמדער, האָט זיך חיים לעדערער נישט אַרומגעקוקט אפילו אויף זיין אייגען וויב. ער האָט פערגעסען, ווי איהר פנים זעהט אויס, נישט געזעהן

ווי זי ענדערט זיך, ווי זי ענדערט איהרע מנהגים, געוואוינ־הייטען, איהרע קליידער און אפילו איהר פנים... וואס מעהר חיים לעדערער איז געפלויגען מיט זיינע העמדער, אזוי איז אויך זיין פאמיליע געפלויגען. דאס ווייב, די קינדער, די שטוב: חיים לעדערער האט עס נישט בעמערקט, חיים לעדערער האט עס נישט געזעהן. ער האט נאר אין זינען געהאט איין זאך — העמדער און העמדער.

וואס מעהר העמדער — וואס מעהר זיין רייכטום וועט וואקסען, דאס פערזארגטער וועט ער זיין, דאס זיכערער און פעסטער וועט ער זיין.

און אט האט ער שוין. — שוין. ער איז שוין פערזארגט. און עס איז נישטא קיין ווייב, עס זענען נישטא קיין קינדער. עס איז נישטא קיין היים. עס איז נישטא קיין גאט, קיין אמונה, קיין משיח — גארנישט איז דא, נור העמדער, געלד און העמדער.

ווער איז שולדיג? וואס בעשולדיג איך זיי? וואס האב איך צו זיי? איך האב דאך זיי אריינגעבראכט אין דעם לעבען אריין, אין וועלכען זיי געפינען זיך. פאר וואס פייניג איך זיי ווידער? וואס איז מיין טאכטער שולדיג, אז זי איז אויסגעוואק־סען, אז איהר אידעאל איז א „נירענבערג״? איך אליין האב איהר דאך צו דעם געבראכט.

ווי זי האט זיך געבעטען ביי מיר מיט איהר בליק; שטער מיר נישט מיין גליק!...

ערשט איצט האט ער פערשטאנען סטעלא׳ס אומגליק, דעם גאנצען אנגסט און צער, וואס האט ארויסגעקוקט פון איהר בליק, ווען זי האט מורא געהאט, אז דער פאטער וועט שטע־רען איהר גליק...

„ווי פאר א קראנקען מענשען האט זי מורא געהאט פאר מיר״ — האט ער זיך געזאגט.

וואס זאל איך טהון? וואס זאל איך טהון? און אפשר

טאַקע אָנהויבען צו לעבען דאָס לעבען פון מיין משפּחה. פאַר־
וואָס שטעה איך אין דרויסען?

ער איז זיך פאַרגעקומען ווי א באַקעטער, וואָס שטעהט
אין דרויסען אויף יענער זייט טהיר. ער קוקט אַריין דורכ׳ן
פענסטער, און ער זעהט ווי דאָס ווייב און זיינע קינדער לע־
בען דאָס אַנדערע לעבען, וואָס ער האָט געשאַפען פאַר זיי.
נור ער קאָן צו זיי נישט אַריינקומען. ער זעהט ווי זיי לעבען
און ער איז זיי מקנא און ער שטעהט פון דרויסען.

פאַרוואָס שטעהט ער אין דרויסען? — האָט ער זיך
אַליין געפרעגט. אַז איך האָב געשאַפען דאָס לעבען, הייסט עס
דאָך, אַז איך האָב עס געוואָלט, אַז איך האָב געשטרעבט דער־
צו. פאַרוואָס שטעה איך אין דרויסען? פאַרוואָס נישט אריינ־
געהן אין דעם לעבען אַריין, געניסען, געניסען, מיט׳ן פולען
מויל, פון מיין פראַצע, מיטלעבען מיט זיי, נישט שטערען?
טאַקע אַרויספאָהרען איבער דער וועלט, זעהן קאַליפאָרניע,
אַרומפאָהרען אין אויטאָמאָבילס. איך וועל געהן אין טעאטער,
שפּילען אין קאָרטען, ווי זיי. איך וועל לעבען, לעבען, לעבען...

אָבער דער רוף איז געווען ווי אין א פוסטער פאַס.
קיין ווידער־קול האָט זיך נישט אָבגערופען אין איהם. קיין
חשק האָט זיך נישט דערוועקט אין איהם צום לעבען. פאָה־
רען — וואוהין וועט ער פאָהרען? ער האָט אין זיין לעבען
גענוג זיך אָנגעפאָהרען, אויף באַהנען, אין פרעמדע, לאַנגוויי־
ליגע שטעדט. אַרומגעשלעפּט זיך אין האָטעלען. וואָס וועל
איך ווייטער רעמפלען? עס מאַכט מיר נור מיד און שלאַבריק,
דאָס אַרומפאָהרען. און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? וואָס
וועל איך דערפון האָבען? וועט עס מיר צוריקגעבען א גלויבען
אין עפּעס בעסערס? וועט עס מיר זיין א בעצאָהלונג פאַר מיין
גאַנצען לעבען, וואָס איך האָב פערבראַכט אין העמדער? זאָל
דאָס האָבען געווען מיין אידעאַל, נאָך וועלכען איך האָב גע־
שטרעבט? זאָל דאָס זיין דאָס נייע, דאָס בעסערע, דאָס שעה־

נערע און ריכטיגערע לעבען — דאָס וואָס איך זיץ אויף אַ ווייכען בענקעל, האָט ער געטאַפּט זיין שטוהל. אָבער וואָס איז מיר פאַר אַ חילוק, אין וואָס פאַר אַ צימער איך וואוין? איך האָב זיך דאָס גאַנצע לעבען נישט אַרומגעקוקט דערויף. און וואָס וועט שוין זיין, אַז איך וועל האָבען די נירענבערג׳ס פאַר מחותנים, וועל איך שוין גליקליך זיין? וועל איך שוין זיין רו-היג און צופרידען? אָדער איך וועל געהן צו אַן׳אַנדער נירענ-בערג צו-גאַסט און זיך אַוועקזעצען שפּילען אין קאָרטען מיט די ווייבער.

זאָל דאָס זיין דאָס „לעבען״?

און דאַן איז געקומען די עלטער און האָט זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגען. ווי לאנג נאָך קאָן ער לעבען און פער-שטעהן און פיהלען און קלערען? נאָך אכט יאָהר, נאָך צעהן יאָהר, און, ווער ווייס — אפשר ווייניגער? און וואָס זענען אַכט, צעהן יאָהר אין אַ מענשליכען לעבען? וויפיעל מאָל צעהן יאָהר האָט ער שוין געזעהן אין זיין לעבען דורכלויפען, ווי אַ גאָרנישט? ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געווען... איך שטעה דאָך שוין ביים ראַנד...

גוט, איך וועל שוין פאָהרען אויף אַ לוסט-רייזע, אָבער וויפיעל מאָל קאָן איך פאָהרען? און וואָס וועט זיין, ווען איך וועל צוריקקומען — וואָס דאַן ווייטער?

ניין. אַז זיי ווילען אַזוי לעבען — זאָלען זיי געזונטער-הייט. איך וועל זיי נישט שטערען. איך האָב קיין רעכט נישט זיי צו שטערען. זיי פיהלען זיך גליקליך און צופרידען אין דעם — זאָלען זיי געניסען. איך האָב דערפאַר געאַרבייט און אוועקגעגעבען אלעס, כדי זיי זאָלען דאָס האָבען, און אַז זיי פיהלען זיך גוט אין דעם, פאַרוואָס זאָל איך זיי שטע-רען? איך מוז פאַר זיך עפּעס אַנדערש זוכען, גאָר עפּעס אַנ-דערש.

אַבער וואָס?

— פאַרוואָס נישט אָנהויבען דאָס לעבען, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט?

— דאָס לעבען אין שאַפּ? — האָט ווער זיך געבונטע־וועט אין זיין געדאנק.

— יאָ, דאָס אַלטע לעבען, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפען, פאַר דעם נייעם לעבען, וואָס איך האָב מיר געוואָלט שאַפען. דאָס פשוט'ע, בעשיידענע, אָרעמע לעבען, וואָס איך האָב אַמאָל געפיהרט, ווען איך בין יונג געווען. איך וועל אַרבייטען אין שאַפּ — האָט אַ פאַנטאַזיע אָנגעהויבען צו מאָלען איהם בילדער — און שרה וועט זיין אין דערהיים און קאָכען פאַר מיר. מיר וועלען אָבער ביידע לעבען בעשיידען. אָבער צופרידען.

— איך צוריק אַנ'אַרבייטער! — האָט ווער געלאַכט אין איהם.

— יאָ, פאַרוואָס נישט? — האָט ער געפּרובט פאַרענט־פערען זיך פאַר יענעם — איך וועל אַלצדינג אָבגעבען צו די קינדער. אַלצדינג, וואָס איך האָב, וואָס איך האָב אָנגעזאַמעלט פאַר זיי. זאָלען זיי האָבען און צופרידען זיין. זיי בעדאַרפען מיך נישט מעהר. זיי זענען פערזאָרגט, און אַליין וועל איך אַוועקגעהן.

— וואוהין וועל איך געהן?

— איך וועל צוריקגעהן דאָרטען, וואו איך בין גליקליך געווען.

אַנ'אומבעקאַנטע בענקשאַפט האָט איהם אַרומגענומען, נאָך יענעם לעבען, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, און וואָס האָט זיך איהם איצט אויסגעוויזען אזוי שעהן. און די בענקשאַפט האָט אָנגעהויבען מאָהלען פאַר איהם בילדער.

קודם כל האָט ער געזעהן זיין אַוועקגעהן. ער געהט אַוועק אַליין, אָדער מיט שרה'ן. ווי זי וועט וועלען. יאָ, מיט שרה'ן, מיט'ן אַלטען ווייב. גאָרנישט מיטגענומען, אַלעס איבער־געלאָזט היגטער זיך. פערשוואונדען, און קיינער ווייסט נישט,

וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. בייטאג זיצט ער ערגעץ אין א שאפ. ער איז איינער פון די פיעל „רוקענס״, וואס ער האט געזעהן ביי זיך אין שאפ. איך וועל זיין איינער פון זיי— מיט זיי. איך וועל זיין — „אלע זיי״. ווי זיי, וועל איך צוריק־קריגען מיין אמונה און מיין האפנונג. ווי זיי אלע, וועל איך ערווארטען עפעס בעסערס און גערעכטערס, נישט פאר מיר בלויז, נאר פאר אלע. מיין גליק וועט זיין אלעמענס גליק. מיין פרייד, מיין האפנונג — אלעמענס פרייד, אלעמענס האפנונג, אזוי ווי עס איז געווען אמאל.

איך בין דאך ארויסגעוואקסען דערפון. דאס איז דאך מיין וועלט געווען, און איך וועל דארט אהין צוריקגעהן.

און מיטאמאל האט ער זיך געזעהן א בעשיידענעם אר־בייטער; קיינמאל גארנישט געווען קיין ביזנעסמאן; קיינמאל גארנישט אוועקגעגאנגען דערפון.

ער וואוינט נאך אלץ אין דער זעלבער וואוינונג, אויף נארפאלק סטריט. שרה איז די בעשיידענע, גוטע אידענע, וואס ער האט שטענדיג געקענט, וואס זי איז שטענדיג געווען, וואס ער האט געדענקט פון אמאל. זי האט זיך, נעבעך, אין דער היים איהר פעקעל. זי האט אויפגערוימט די צוויי צימערלעך, אזוי אז זיי גלאנצען אין די ווינקעלעך, שוין צוגעשטעלט דאס עסען, און איז אראבגעגאנגען, אוועקגעזעצט זיך אויף די טרעפ־לעך, אויף דער גאס, איהם אבצוווארטען. זי לאכט איהם אנט־קעגען, פון דער ווייטענס. איהר גאנצער פנים שיינט אויף, אז זי דערזעהט איהם. זי פיהרט איהם ארויף אויף די טרעפ און דערצעהלט איהם עפעס אויפ׳ן וועג, פון שטוביגע זאכען. פון דעם שטיבעל שמעקט ארויס דאס געקעכץ, וואס זי האט צוגע־שטעלט. זיי קומען אריין און זי דערזעהט ווי פערשוויצט ער איז, ווישט זי איהם אב דעם שטערען מיט איהר פארטוך און זי געהט אריין אין קיך עפעס דערלאנגען איהם און זי טהוט א קרעכץ.

ער ווייס וואָס דער קרעכץ בעדייט. אוי, דער קרעכץ... וואו נעהמט מען היינט ווידער דעם קרעכץ?

אין אָוועגד, נאָכ'ן עסען, זעצט ער זיך אַוועק אין דער קיך. שרה נעמט זיך וואַשען דאָס געפעס, און ער — צום ביכעל.

— שוין ווידער דאָס ביכעל? קיין איין מינוט קען מען אין זיין פּנים נישט אַריינקוקען. בייטאָג אין שאַפּ און ביינאַכט אין ביכעל! — בייזערט זיך שרה.

— אַז דו וואָלסט געוואוסט, פון וואָס אין ביכעל רעדט זיך, וואָלסטו זיך נישט געבייזערט.

— אדרבא, פאַר וואָס דערצעהלסטו מיר נישט? פאַר וואָס בעהאַלטסטו אַלץ פאַר זיך אַליין?

און לעדערער נעמט זיך דערצעהלען פאַר זיין ווייב וועגען דער הייגטיגער אָרדנונג, ווי שלעכט זי איז. עס זענען דאָ רייכע און אָרעמע, מענשען, וואָס אַרבייטען, און מענשען, וואָס געהען אַרום לעדיג און טוען גאָרנישט.

— אוי האָט ער רעכט! — ער איז דען נישט גערעכט, דער שרייבער? — לעגט צו שרה.

און לעדערער נעמט זיך ווייטער איהר דערצעהלען וועגען דער אַנדערער וועלט, וועגען דעם אַנדערען לעבען, וואָס בעדאַרף קומען, ווי אַלע מענשען וועלען זיין גלייך גליקליך און צופרידען. אַלע וועלען אַרבייטען און אַלע וועלען זיין גליקליך.

— געה שוין, געה! אַז ס'איז שלעכט, גלויב איך. אָבער אַז עס וועט בעסער ווערען, גלויב איך נישט — זאָגט שרה.

— אַ אידענע טאָר מען נישט ווייזען קיין האַלבע אַרבייט — בייזערט זיך חיים — דער שרייבער זאָגט דאָך, ווען דאָס וועט זיין, וואָס מען זאָל טהון, אַז עס זאָל אַזוי זיין.

— וואָס זאָל מען טהון, אדרבא, אַז עס זאָל טאַקע אַזוי זיין?

— ווען אַלע אַרבייטער וועלען האַלטען צוזאַמען, די פער-

שטעהסט, ווען זיי ווע̄לען מאכען יד אחת; ווען אַלע וועלען לעבען פאר איין אידעאַל, אזוי ווי ברידער — נעמט זיך לע־דערער ערקלערען זיין ווייב.

— דאָס איז דאָך וואָס איך טענה שטענדיג. נאָר געה הויב אָן מיט שניידערס! מיט שניידערס קען מען דען עפּעס מאכען?

שרה איז שטענדיג געווען אן אפיקורס'טע.

דאָס געוועזענע און דאָס קומענדיגע האָט זיך אויסגעמישט ביי לעדערער'ן אין געדאנקען צוזאמען. ער האָט שוין מעהר נישט געוואוסט, וואָס עס איז געווען און וואָס עס בעדאַרף זיין. אין זיין פאנטאַזיע האָט ער זיך געזעהן אַהיים קומען פון אַ „דיסקוסיע" אָדער פון אַ לעקציע. האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף שרה'ס בעט, און איהר אַלץ דערצעהלט, וואָס עס האָט זיך דאָרטען אָבגעטהון.

— אוי, שרה — האָט ער גערעדט — דו האָסט איהם בעדאַרפט הערען. פּערל האָט זיך פון זיין מויל געשאָטען.

— פאר וואָס זאָל ער נישט רעדען? אז מען בעצאָהלט איהם, רעדט ער.

ווען איז דאָס געווען, נעכטען?

פאַר וואָס קען ער נישט צוריקקומען? פאַר וואָס קען ער נישט אָנהויבען צו לעבען דאָס לעבען ווידער ווי ער האָט עס אַמאָל געלעבט?

און איהם דוכט זיך, אַז אָט־אָט איז דאָך דאָס לעבען, נאָך וועלכען ער האָט געבענקט און געהאָפט און ערוואַרטעט, דורך די אַלע יאָהרען פון זיין אַרבייט. צוליב דעם האָט ער דאָך אזוי שווער און ביטער געאַרבייט. אַלצדינג געטהון כדי זיינע קינדער צו בעזאָרגען, כדי ער זאָל קענען אָנהויבען פון דאָס ביי לעבען דאָס לעבען.

דאָס איז דאָך געווען, וואָס איך האָב געוואָלט, נאָך וואָס

איך האָב געשטרעבט, צו וואָס איך האָב זיך אזוי לאַנג פאַר־בערייטעט.

עס איז דאָך געווען אזוי אָפען, ווי אויף דער האַנט.

— ווער וועט מיר שטערען דאָס אויסצופיהרען? וועמען וועל איך שטערען דערמיט?

עס איז בעסער אזוי. עס איז מיר גוט אזוי. ווער וועט מיר שטערען? וועמען טו איך דערמיט שלעכטס? פאר וואָס זאָל איך עס נישט אויספיהרען גלייך, היינט שוין, אַז איך האָב ליב דאָס אַנדערע לעבען, דאָס אָרעמע לעבען? דאָס ריי־כע לעבען האָב איך פיינט. אין דעם אָרעמען לעבען איז מיר גוט.

עס איז געווען אַ טעות, דאָס אַנדערע לעבען, און איך וועל עס פעררעכטען. די לעצטע יאָהרען, וואָס זענען מיר אי־בערגעבליבען, וועל איך לעבען נאָר פאַר זיך אַליין.

— פאר וואָס זאָלען זיי מיר שטערען?

איך וועל זאָגען שרה'ן. איך וועל עס איהר אויפקלערען. זי וועט עס מיר פערשטעהן. זי וועט מיטגעהן מיט מיר. זי ווייסט דאָך וואָס איך מיין, זי ווייסט דאָך.

אַז ער איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער, איז שוין גע־ווען שפעט אין דער נאַכט. איז די צימערען איז שוין קיינער נישט געווען, נישט די הויז־מענשען און נישט די דינסטען. אין שלאָפצימער האָט ער נאָך געטראָפען ליכט. דאָרט האָט ער געטראָפען זיין ווייב און טאָכטער. זיי זענען געזעסען אַרום־גענומען, ווי דאָס טולען געוועהנליך מענשען אין אַ גרויסען אומגליק און פּרובירען טרייסטען איינער דעם אַנדערען. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיי זיך אויף איהם נישט געריכט. זיי האָבען זיך פאַר איהם דערשראָקען, ווען ער האָט זיך בע־וויזען. אָבער נאָך מעהר האָט זיי דערשראָקען און פערוואונדערט

זיין רוהיג פּנים און דער גוטער שמייכעל, וואָס האָט אויף זיין פּנים געשיינט און צו וואָס זיי זענען גאָר נישט געוואוינט געווען.

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען פאַר מיר? וואָס בין איך, א משוגענער? — האָט לעדערער געזאָגט צו די זייניגע, אין אַן אומערוואַרטעטען, גוטמוטיגען טאָן.

מוטער און טאָכטער האָבען זיך אָנגעקוקט.

XII

די בייע פרייד

דער אַלטער לעדערער איז ווי איזאלירט געוואָרען אין זיין אייגענער היים. דאָס ווייב, די טאָכטער, אפילו די דינסט האָט זיך נישט מעהר ארומגעקוקט אויף איהם און זיך נישט צוגעהערט צו איהם. מען האָט איהם אויסגעמידען ווי מען מיידט אויס עפּעס א געפעהרליכען קראַנקען. ער האָט שוין קיין געוויכט נישט גע־האַט אין הויז. און לעדערער האָט בעמערקט ווי מען סוד'עט זיך עפּעס וועגען איהם, ווי עס שפּינט זיך עפּעס געגען איהם.

אָבער עס איז איהם שוין גאָר נישט אָנגעגאַנגען. פערקעהרט, לעדערער האָט דערפיהלט אין דער איזאלירונג אין דער פעראַכ־טונג צו איהם עפּעס אַ גייסטיגען פערגעניגען, איז וואָס מעהרער ער האָט זיך געפיהלט פערלאָזט, פעראַכטעט פון זיינע אייגענע שטוב מענשען — גליקליכער און שטילער איז געוואָרען אַרום.

וואָרום עפּעס וואונדערליכעס האָט פּאַסירט מיט לעדערער'ן: קוים האָט לעדערער ביי זיך געהאַט אָבגעמאַכט צוריקצו־געהן אין שאָפּ אריין און ווערען אַן ארבייטער, ווי ער איז גע־ווען אין זיינע אינגערע יאָהרען, האָט ער דערפיהלט ווי ער וואָלט צוריקגעפונען אַ טייערע, טייערע זאַך, וואָס ער האָט געהאַט פער־לוירען. און אַן אומפערשטענדליכע, אומבעגרייפליכע פרייד האָט איהם אָנגעפיהלט און אָנגעגאָסען, ווי עס גיסט אָן די רייפע זון אַ וויינטרויב אין זומער־צייט. די פריידען, וואָס לעדערער פלעגט האָבען ביז איצט, זענען געווען גאַנץ אַנדערע, ווי די,

וועלכע ער פיהלט איצט. יענע זעגען געווען צוליב אַ גוט גע־שעפט, וואָס ער האָט געמאַכט. יענע פריידען פלעגען איהם מאַכען שטאָלץ און זיכער, העכער פון אַלעמען, גרעסער פון אַלעמען. אַזוי ווי זיין זוהן איז. ער האָט דאַן געפיהלט אַ ביטול צו אַלע אַנדערע מענשען. מען האָט נאָר נישט געקענט רעדען מיט איהם. „נאַטינג דואינג", און די איצטיגע פרייד איז גאָר אַ אַנדערע. זי איז נישט קיין שרייענדיגע, נור אַ שטילע, אַ נחת׳דיגע, פאַר זיך אַליין, און איהם איז גוט אָן אַ שיעור... לעדערער האָט דערפיהלט ווי ער האָט אַלעמען, אַלעמען ליב בעקומען דורך איהר, און קיינעם האָט ער נישט פיינט, אַפילו זיינע אייגענע קינדער נישט... לעדערער האָט דערפיהלט, ווי ער האָט זיך פערבונדען דורך זיין פרייד מיט מיליאָנען און מיליאָנען. ער איז שוין נישט איינער אַליין. ער איז אַ טייל פון אַלע, און איהם קען שוין גאָרנישט געשעהן, גאָר נישט קען מיט איהם פּאַסירען. די פרייד לייכט אין איהם און מ׳ה׳ט איהם גוט.

„אָט דאָס האָב איך דאָך געוואָלט. דאָס האָב איך דאָך גע־זוכט, דאָס האָב איך דאָך געהאַט פערלוירען, און דאָס האָב איך געהאַט געזוכט די גאַנצע צייט, און אַלץ אָבגעלעגט אויף שפּעטער, דאָס „אַנדערע לעבען", נאָך וואָס איך האָב געגאַרט".

עס איז געווען די אמונה פון אבות און אבי אבות; די אמונה, וואָס איז געווען איינגעזאַפּט אין זיין בלוט פון דורות און דורות, אָהן וועלכער זיינע עלטערן האָבען נישט געקענט לע־בען, וואָס האָט זיך צוריק ערוועקט אין איהם. און ווי אַ פרומער איד, וואָס דערזעהט אַ שטראַהל פון דער צווייטער וועלט, דער־טאַפּט אין די מיסטישע וועגען פון זיין גלויבען דעם „אין סוף", אָרעם, אין זיין געפייניגט לעבען ווערט דורך דעם בעשטראַהלט מיט דער גערעכטיגקייט און דער פערשטענדניש, וואָס עס גיסט אויף זיין לעבען זיין אמונה, אַזוי האָט לעדערער מיט אַמאָל דערפיהלט דעם טעם פון זיין עקשנות׳דיגער אפּיקורסות. „דאָס איז עס גע־ווען, אָן וועלכען איך האָב זיך געהאַלטען". ער האָט איצט פער־

שטאנען, פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט בעלאַנגען צו קיין „טעמפעל". ביז איצט איז דאָס ביי איהם געווען בלויז אַ קאַפּריז. אַ בלינדער קאַפּריז, וועלכען ער האָט נישט געוואָלט צוליב טהון יינע קינדער. כאָטש דערפון איז אַזוי פיל אָבהענגיג געווען זייער „גליק". איצט האָט דאָס בעקומען אַ טעם פאַר איהם אַליין. דאָס „אפּיקורסות" איז אויסגעוואַקסען אין זיינע אויגען ווי אַן אמונה — די „בעסערע און גערעכטערע וועלט", וואָס האָט אַמאָל אַרויסגע־וואונקען צו איהם פון די ביכלעך אַרויס, פון די מיילער רעפּערענטן, די בעסערע און גערעכטערע וועלט פאַר דעם אָרימען „ברודער אַר־בייטער", ווי די „יענע וועלט פאַר דעם פרומען".

צוריק אין בית המדרש אַריין! צוריק אין שול! עס האָט האָט נישט געהאָלפען, וואָס די פאַנטאַזיע האָט איהם איצט אָנגע־הויבען אַרויסצוברענגען פון די הינטער גרונטען בילדער פון אָרי־מען, געפּייניגטען, קאַלטען און גאַנדיגען לעבען, וועלכע, דאַכט זיך, אַז „לעדערער ענד סאָן" האָבען זיי שוין געהאַט בעגראָבען אויף אייביג. וואָס קעלטער, וואָס ביטערער עס זענען געווען די בילדער, די זכרונות פון דעם אַמאָליגען שאַפּ־לעבען, אַלץ מעהר האָבען זיי איהם גערייצט. עס איז געווען ווי די ליידען פון נויט און אָרימקייט, וואָס האָבען אָנגעהויבען אויפצוהויבען זייער קאָפּ פון דער פינסטערער נאַכט אַרויס, האָבען איהם צוגעצויגען מיט געהיימען מיסטישען כישוף. זיי האָבען אָנגעהויבען ווינקען צו איהם, ווי אַלטע גוטע פריינד פון געוועזענע צייטען, און אַריינ־גע׳כישופ׳ט איהם וואָס מעהר אין זייער נעץ אַריין.

אומזיסט האָט ער זיי געפּרובט פאַריאָגען. אַלץ בולט׳ער און אַלץ קלערער האָבען אַרויסגעסטאַרטשט די בעקאַנטע בילדער, וואָס ער האָט אַמאָל אַליין איבערגעלעבט אויף זיין אייגענער הויט, געפיהלט די ביטערקייט פון זייער טעם, פון נישט דערשלאָפען נעכט, פון אַרושלעפּען זיך איבער די גאַסען, אין נישט קיין זעהר קלאָרער העמד, פון פיהלען אין רוקען אַ מידקייט און אַ שוואַכ־קייט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינברעכען... אין פייכקייט פון

רעגען. אין צוריסענע שיך, אן איבערדריסיגער, א מידער אָהן א מאַנטעל צו וואַרעמען די אייגענע הויט... מיט א מורא אין האַרצען פאַר זיין פאַר זיין ווייב און קינד, וואָס זיצען און וואַרטען אויף איהם.

וואָס אונהיימליכער, קעלטער, ביטערער און אכזריות,דיגער די בילדער, די סצענעס, די זכרונות זענען געווען, אַלץ מעהר האָבען זיי איהם גע׳כשופ׳ט, געצויגען צו זיך נאָך אַמאָל דעם טעם צו פערזוכען פון זיי. ווי ס׳ערוואַכט ביים שכור די בענקשאַפט נאָכ׳ן ביטערען טראָפּען, וואָס ער האָט שוין געהאַט פערלאָזט. אַזוי ווי דער פרומער, אַסקעטישער בעל תשובה בענקט נאָך די ליידען און פיין פון דער שטרענגער תשובה. אַזוי ווי דער מאַרטירער, וואָס בענקט נאָכ׳ן מאַרטיר... אַזוי האָט לעדערער צוריק געבענקט נאָך נאָך זיין אָרעמקייט.

„וואָס בין איך מעהר מורנו פון אַנדערע? אַזוי פיל הונדערטער און טויזענדער מענשען, אַלטע לייט, מוזען פאַרדינען פאַר זיך אַליין זייער שטיקעל ברויט — וואָס בין איך בעסער פון זיי? פאַרוואָס נישט זיין ווי איינער פון מיינע אייגענע אַרבייטער, אַלטע אידען, וואָס אַרבייטען ביי אונז אין שאָפּ? מיט וואָס בין איך בעסער פון מרדכין מיט די הערנער? ער מעג און איך טאָר נישט?

„איך בין איינער פון זיי. איינער הייסט מרדכי מיט די הערנער, דער צווייטער הייסט חיים. חיים לעדערער. מאַכט ווען דאָס א חילוק?”

די מרה שחורה איז פאַרשוואונדען פון איהם. ער איז פרעהליכער און בעסער געוואָרען. צו דער משפחה האָט ער זיך מעהר נישט געטשעפּעט. ער האָט זיך שוין נישט געהאַלטען אָפּגעשיידט פון זיי. זיי — זענען זיי. און איך — בין איך. נאָך א טאָג, נאָך צוויי. ער האָט זיי מעהר נישט מקנא געווען און נישט מעהר פאַרביטערט זייערע פאַרגעניגגס. זיי האָבן זיך זייער לעבען. איך — מיינס.

אַ וואונדער און אַ באַרוהיגונג האָט אַרויסגערופען זיין פאַמיליע. מען האָט געמיינט, אַז זיין ענדערונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם זוהנס געשפּרעך מיט איהם, דער זוהן האָט איהם איינגעשטילט. דער זוהן האָט איהם געצאַמט, און דער זוהן איז געוואָרען, נאָך דעם געשפּרעך מיט זיין פאָטער, דער איינציגער רעטער פון דער פאַמיליע, דער שטאָלץ און דער הויפּט. צו איהם האָט מען זיך געווענדעט, ווען עס איז עפּעס פאָרגעקומען.

— דו ווייסט, מאָריס, אַז דעם טאַטען געהט עס בעסער ?

ער האָט זיך עפּעס ווי באַרוהיגט אַביסעל -- האָט די מוטער געזאָגט.

און דער אַלטער לעדערער האָט דעם זוהן נישט מקנא געווען, וואָס ער פאַרנעהמט איצט זיין אָרט אין איז געוואָרען דער איינציגער מושל איבער'ן געשעפט, איבער דער משפּחה, דער גאַנצער כּל וכל. דער אַלטער לעדערער האָט שוין געהאַט זיין אייגענע וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. ער איז שוין געווען פאַרנומען מיט פּלענער און געדאַנקען, ווי אַזוי אויסצופיהרען זיין אידעאַל, צו ווערען צוריק אַ געוועהנליכער אַרבייטער אין איינעם פון די פּראָווינץ־שעפּער. אין שטאָדט וועט דער זוהן נישט דערלאָזען. עס וועט איהם נישט פּאַסען. וועט ער מוזען אוועקגעהן ערגעץ אַנדערשוואו. און וואָס וועט שרה דאַרויף זאָגען ? ווי אַזוי לייגט מען דאָס פאַר איהר פאָר, אַז זי זאָל עס פאַרשטעהן ?

ער פלעגט אַפילו איצט אָפט באַזוכען די „ביזנעס", עפּעס ווי זיך אַריינגנבבהנען, דורכשלייכען זיך דורכן אָפיס, נישט אומקוקען זיך אויף די אָנגעשטעלטע, און גלייך אַרויפגעהן אויבען אין שאָפּ, צו די אַרבייטער. אונבאַמערקט זך דורכשלייכען צווישען די מאַשינען און די רוקענס פון די אַרבייטער. ער איז געגאַנגען אַזוי איינגעהויקערט, פאַרעלטערט און פאַרטראַכט אין זיך, אַז מען האָט איהם אָנגענומען פאַר איינעם פון די אַרבייטער און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם, ביז ער האָט

אויפגעזוכט דעם ווינקעל פון די „אויספערטיגער", וואו דער איד, ר' מרדכי, איז געזעסען מיט אנדערע עלטערע אידען, לאנג־יעה־ריגע ארבייטער אין שאפ. און צו זייער איבערראשונג, האט זיך דער „באס" ארייגעזעצט צווישען זיי, נישט געלאזען זיי אויפ־שטעהן פון ארט, און דורכגערעדט זיך מיט ר' מרדכין וועגען די אמאליגע יאהרען, אמאליגע ארבייטער און אמאליגע שעפער.

אין שאפ האט זיך אויך געפונען א איד, אהרן צימבעל, מיט וועלכען ער האט אמאל, אין די ערשטע יאהרען, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע, געארבייט צוזאמען אין איין שאפ. מיט דעם אהרונען האט ער זיך גאר דערפרייט, ווי מיט אן אלטען באקאנטען, אויסגעפרעגט איהם און דערמאנט נעמען פון לאנג אבגעשטארבענע פירמעס און מענשען, וואס קיינער האט נישט געקענט, נאר זיי ביידע.

צוערשט האבען זיך די אידען דערשראקען פאר איהם. דרך ארץ געהאט און נישט געוואלט רעדען מיט איהם פיל. אפשר קומט דער באס נאכקוקען אויב זיי ארבייטען גענוג, און זיי האבען זיך געמיהט צו ארבייטען שנעלער אין זיין געגענווארט, און ווייניגער צו רעדען. אבער לעדערער האט זיי אריינגעצויגען אין א גע־שפרעך און דערמאנט אלטע באקאנטע.

— אהרן, דו געדענקסט, אז מיר האבען ביידע געארבייט ביי גליקסאנען אויף עסעקס סטריט?

— אויב איך געדענק? ער האט אנגעשטעלט דעם „ימח שמוניק" איבער אונז. אוי, איז דאס געווען א כלב שבכלבים!

— יא, יא, דעם „ימח שמוניק" — דערמאנט זיך לעדערער ווי פון א חלום ארויס — דו געדענקסט, אהרן, ער האט זיך אוועקגעזעצט צווישען אונז און גענומען אליין נייהען א העמד, און געוויזען ווי געשווינד מען קען ארבייטען. געדענקסט?

די ארבייטער האבען געקוקט איינער אויפן אנדערען און שטום זיך דורכגעוואונקען, וואס דער „באס" זיצט מיט זיי או־

רעדט וועגען אויפזעהערס און איינער האָט געגעבען אָנצוהערען, מיט א שטאָך אויף לעדערערס אדרעס:

— ער האָט געקוקט אויף די הענט, צי זיי לויפען געשווינד, צי נישט איין „באָס" טהוט דאָס. ער וויל זעהן, אויב זייגע ארבייטער ארבייטען געשווינד. זעצט ער זיך אוועק צווישען זיי.

נאָר לעדערער האָט נישט פארשטאַנען דעם וואונק. דער געשפרעך האָט ביי איהם אַרויסגערופען זכרונות, וועלכע עס האָט זיך געדאכט, אז זיי זענען שוין אויף אייביג פערגעסען געוואָרען אין תהום אריין.

— יאָ, יאָ, ער האָט זיך טאקע אריינגעזעצט צווישען אונז, גליקסאָן, מיט דעם „ימח שמוניק". דרויסען איז שוין געווען שטאָק פינסטער, און ער האָט אונז איינגערעדט, אַז ס'איז נאָך ליכטיג.

— געה שוין, געה! — ער מיינט דאָס נישט — האָט אַימיצער געזאָגט צום ארבייטער, וועלכער האָט לעדערערן געוואָלט געבען אָנצוהערען מיט א „שטאָך", וואָס ער זיצט לעבען זיי.

עס איז עפּעס געשעהן מיט איהם — ווייזט א צווייטער אויף זיין קאָפּ, ווי מען ווייזט אויף איינעם, וואָס איז נישט ביים פולען שכל.

באלד איז געוואָרען א געמורמעל: „דער אויפזעער געהט!"

דער עולם איז פארשטילט געוואָרען און איינגעבויגען די קעפּ איבער די העמדער.

— מיסטער לעדערער?! — האָט נוסבוים, דער אויפזעער ערשטוינט געפרעגט.

דער „מיסטער לעדערער" און נוסבוימס אָנבליק האָבען לעדערערן אריינגעבראַכט צוריק אין זיין רעאַליטעט אריין. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א טיפען שלאָף. לעדערער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוריקגעקראָגען זיין אַלטען טאָן:

— איך האָב נאָר געוואָלט זעהן וואָס פאר א לייוועגט מען בייהט — האָט לעדערער געזאָגט.

— נומער אכט און דרייסיג, מיסטער לעדערער.

— יעס, יעס, נומער אכט און דרייסיג. און לעדערער איז צוריק אראפ אין אפיס.

— פארעלטערט געווארען — האבען די ארבייטער גע־שמועסט צווישען זיך, ווען לעדערער איז ארויס פון שאפ.

פון וואוילטאג, פון גארנישט טאן, קומט ער צוריק אין שאפ אריין — האט אן אנדערער צוגעלייגט.

און איך זאג אייך, אז מען קומט אויף דער עלטער, ווערט מען נאריש, צוריק ווי א קינד.

דער „באס" זאל נאר נישט געוואהר ווערען דערפון.

מיט'ן ווארט „באס" האבען שוין אלע איצט געמיינט מאריט'ן.

מאריס האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער פאטער גנב'עט זיך ארויף פון צייט צו צייט אין שאפ אריין. ער האט געמיינט, אז דער פאטער וויל זיך צוריק פעראינטערעסירען מיט דער ארבייט. און אזוי ווי ער האט זיך מעהר נישט געוואלט מישען אין אפיס, נאר אויבען, צווישען זיינע „לאנדסלייט", איז, כאטש דאס איז געווען געגען זיינע „רעגעלן", וואס ער האט איינגעפיהרט אין ביזנעס, דאך האט ער זיך געמאכט נישט זעהענדיג און געטראכט זיך: „לאמיר זעהן ווי דאס וועט זיך ענטוויקלען, צי דאס וועט איהם בערוהיגען. ער מוז דאך עפעס טהון, זאל ער אויבען גע־וועלטיגען, מיט דעם פעלד־מארשאל נוסבוים, איבער זיינע לאנד־סלייט".

XIII

אַ ווידוי פון אַן אַלטער מאַן

נאָר איינמאָל איז ווירקליך פאָרגעקומען אַ שרעקליכע זאַך. לעדערער האָט זיך אַמאָל, ווי זיין געוואוינהייט איז שוין געווען די לעצטע צייט, ארויפגע׳גנב׳עט אין שאַפּ אריין און איז, אַנבעמערקט, צוגעגאַנגען צו די „אויספּערטיגער”, וואו זיינע פריינד, די אַלטע אַרבייטער האָבען זיך געפונען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישען זיי און אָנגעהויבען מיט זיי צו רעדען. זיי זענען שוין געווען דערצו געוואוינט, און זיי האָבען עס אָנגענומען ווי אַ געוועהנליכען קאַפּריז פון אַ „באָס”, וואָס וויל זיך אַ ביסעל צום נאַר מאַכען, פאַר וואוילטאָג וועגען, מיט זיינע אַרבייטער. לעדערער האָט זיך פערקוקט אויף דעם אַלטען אהרן, ווי יענער אַרבייט געשיקט און געשווינד מיט נאָדעל-און-פאָדעם איבער אַ העמד. צי איז עס געווען אַן אילוזיע פון אַלטע טעג, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין דעם אַלטען לעדערער — ס׳האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער איז איינער פון זיי, אַן אַרבייטער פונקט ווי זיי — ער האָט געקריגען חשק צו דער נאָדעל.

— אַנו, ווייז נאָר אַהער די נאָדעל און פאָדעם; לאָז מיר זעהן, אויב איך קען נאָך די מלאכה... — האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער לעדערער צו אהרן׳ען.

צוערשט האָבען די אַרבייטער געמיינט, אַז דאָס איז נאָר איינער פון די שפּאַסען, וואָס דער אַלטער „באָס” טרייבט מיט

זיי לעצטענס, און אהרן האָט אָבגעענטפערט מיט אַ דרך־ארץ׳־דיגען געלעכטער:

— געהט שוין, געהט, עס נישט מעהר פאַר אייך, ר׳ חיים.

נאָר דער אַלטער לעדערער האָט אַליין אַרויסגענומען די נאָדעל מיט׳ן פאָדעם פון אהרן׳ס הענט און אָנגעהויבען נייען דאָס העמד.

די אַלטע אידען האָבען נאָך אַלץ געמיינט, אַז דער „באָס״ טהוט עס אויף קאַטאָוועס.

— אַ נאַרישקייט געדענקט זיך, הא, ר׳ חיים? האָט מרדכי געזאָגט.

נאָר לעדערער האָט איהם נישט געהערט. ער האָט זיך אַזוי פערטיפט אין דער אַרבייט, אַז ער איז זיך פאַרגעקומען אַזוי ווי ער וואָלט מגולגל געוואָרען אין די יונגע יאָהרען. דער אַלטער חיים לעדערער, דער שעף פון דעם פירמע לעדערער ענד סאָן, איז געשטאָרבען און בעגראָבען. איצט לעבט אַן אַנדער חיים. „חיים דער אויספערטיגער״, און ער זיצט אין שאָפּ און אַרבייט גאַנצע טעג, מיט אַלע אַרבייטער צוגלייך. און דאָס, וואָס דער שאָפּ איז זיין אייגענער־בּיין, זיין זוהן׳ס—איז איהם דערפון די אַרבייט געוואָרען נאָך זיסער. ער האָט זיך פאַרענדערט און איז געוואָרען אַן איינפאַכער אַרבייטער אין זיין זוהן׳ס שאָפּ. ער איז אַזוי „אונטערדריקט״, פערשקלאַפט, פערביטערט אין זיין זוהן׳ס שאָפּ, פונקט ווי אַלע אַרבייטער. דער געדאַנק האָט אַרויס־גערופען ביי איהם אַ נקמה־און בחמה־געפיהל. ער האָט זיך גע־פיהלט גליקליך דערמיט, וואָס ער איז זיין זוהן׳ס שאָפּ, און וואָס ביטערער און פערשקלאַפטער ער וועט זיין, אַלץ זיסער, אַלץ בע׳־טעמ׳טער וועט עס זיין...

די אַלטע אידען האָבען געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערען און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. זיי האָבען זיך איבערגע־וואונקען און געוויזען מיט די פינגער אויפ׳ן קאָפּ. עס האָט געהייסען, אַז דער אַלטער איז קראַנק געוואָרען. דאָ אין דאָרט

האָט ווער געגעבען אַ קרעכץ אויף דעם אַלטען „באָס׳ס״ מזל.

— נו, ר׳ חיים, עס וועט שוין זיין גענוג — פּרובט איהם אהרן אַרויסנעמען די נאָדעל פון זיין האַנט.

אָבער לעדערער האָט זיך נישט געלאָזט. ער איז וואָס אַמאָל טיפער איינגעבויגען געוואָרען איבער דער העמד און גענעהט מיט התמדה. זיין גוף איז פערקריפּעלט געוואָרען און פערוואנדעלט געוואָרען אין אַ „רוקען״, פּונקט ווי די רוקענס פון די אַנדערע. זיין פּנים האָט זיך אַפילו מעהר איינגעשטרומפּ־פּען, פערטריקענט, עלטער געוואָרען, פּונקט ווי די פּנים׳ער פון די אַלע אַנדערע אידען. ער האָט זיך אין גאַנצען איינגע־לעבט אין דער אילוזיע פון די ווייטע, ווייטע יאָהרען. ער אַר־בייט אין אַ שאַפּ „שטיק אַרבייט״. ער מוז זיך צואיילען מיט׳ן העמד, וואָס שנעלער און פלינקער, און ער האָט מורא פאַר׳ן „ימח־שמו׳ניק״. מען הערט שוין דעם „ימח־שמו׳ניק׳ס טריט פון דער ווייטענס, און דאָס געשפּרעך ווערט אויסגעלאָשען, די פּנים׳ער פאַרטריקענט, בעהאַלטען, פערטונקט אין די העמדער אריין, און דער קערפּער בויגט זיך אויס און ווערט צו איין „רוקען״.

און דאָס, וואָס דער „ימח־שמו׳ניק״ איז זיין אייגענער נוסבוים, און דער שאַפּ — זיין זוהן׳ס, איז עס נאָך מעהר בע׳טעמ׳ט און זיסען...

דערווייל האָט דעם באָס׳ס שניידערישע טעטיגקייט אַרויס־גערופען גרויס אויפזעהן צווישען די אַרבייטער פון שאַפּ. א געמורמעל איז דורכגעגאַנגען פון איין שורה „רוקענס״ צו די אַנדערע, אַז דער אַלטער „באָס״ זיצט צווישען די אויספּערטי־גערס און נייט. די אַרבייטער האָבען אויפגעהערט צו אַרבייטען און געווענדעט זייערע בליקען אויפ׳ן ווינקעל צו די „אויס־פּערטיגערס״, מיט נייגעריגקייט צו זעהן דעם אַלטען „באָס״ ביי דער אַרבייט. ווערטעלעך האָבען אָנגעהויבען אַרומצוגעהן צווישען די אַרבייטער, טייל מיט חוזק, אַנדערע מיט בעדוי־

ערען, אויפ׳ן אַדרעס פון דעם „באָס". ביז דער אויפזועהער, נוסבוים, איז געוואָרען אויפמערקזאַם, אַז עפּעס איז געשעהן אין שאַפּ.

אַז ער איז צוגעקומען און דערזעהן זיין „באָס", דעם שעף פון דער פירמע, צווישען די אַלע אידען, מיט אַ נאָדעל און פאָדעם אין האַנט, איינגעהויקערט איבער אַ העמד, איז ער בלייך געוואָרען פון שרעק.

נוסבוים איז צוגעגאַנגען צום אַלטען לעדערער און איהם געוועקט, ווי מען וועקט אַ מענשען פון טיפען שלאָף, מיט דרך ארץ און שרעק, נישט צו דערצאָרענען דעם „באָס":

— מיסטער לעדערער, מיסטער לעדערער, וואָס טהוט איהר דאָ?

לעדערער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט.

— האַ, נוסבוים, דו ביזט דאָס?

נוסבוים׳ס ערשיינען האָט שוין נישט צוריק אַרויסגערופען ביי לעדערער׳ן זיין רעאַליטעט, ווי דאָס פריהערדיגע מאָל. נוסבוים׳ס ערשיינען האָט ביים אַלטען לעדערער דאָס מאָל אַרויסגערופען אַ דאָפּעלטע ווירקונג. ער האָט איהם געקענט. דאָך איז נוסבוים, זיין „מענש". און אייגצייטיג האָט ער מורא געהאַט פאַר׳ן „אויפזועהער"... עס איז געווען ווי אַ „באָס" און אַרבייטער וואָלטען זיך צוזאַמענגעמישט אין לעדערער׳ס פּערזענליכקייט... א געפיהל פון הערשאַפט און אַ געפיהל פון אונטערטעניגקייט צו אַ „אויפזועהער" פון זיינע אַרבייטער־יאָהרען, האָט אייגצייטיג בעהערשט לעדערער׳ס וועזען. לעדערער איז צומישט געוואָרען און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. און נאָך מעהר איז זיין „מענש", נוסבוים, דערשראָקען געוואָרען און נישט געוואוסט ווי צו רעאַגירען, ווי אַזוי זיך צו בעגעהן מיט זיין „באָס".

— מיסטער לעדערער, עס פּאַסט נישט פאַר אייך. וואָס טהוט איהר — האָט נוסבוים איינגערוימט דעם אַלטען לעדע־

רער אין אויער אַריין, אז די אַנדערע זאָלען נישט הערען.

— לאָז מיך זיצען, נוסבוים. איך בעט דיך, לאָז מיך — האָט זיך לעדערער געבעטען ביי זיין „מענש" מיט אַ געבראָכענער שטימע, ווי אַמאָל, אין זיינע אַרבייטער־יאָהרען ביים „אויפזעהער".

נוסבוים איז אַראָפּגעגאַנגען אין אָפּיס און האָט עס געמאָלדען, שטילערהייט, מיט פערטרויען, דעם יונגען „באָס", מאָריס'ען.

— וואָס הייסט, ער זיצט און גייט?

— אזוי איז עס — האָט נוסבוים געזאָגט אין אַנגסטען.

— שא, שטיל, דערצעהלט קיינעם נישט און מאַכט אייך גאָרנישט ווויסענדיג — גיט איהם מאָריס צו פערשטעהן מיט אַ וואונק, אויף וואָס נוסבוים האָט צוגעשאָקעלט, קנעכטיש, געהאָרכזאַם, מיט די אויגען און מיט'ן קאָפּ.

מאָריס איז ארויף אין שאַפּ, צוגעגאַנגען צום פאָטער און געזאָגט מיט אַ שמייכעל, כדי צו פערשטעלען די גאַנצע זאַך פון די אַרבייטער:

— וואָס טהוסטו דאָ, טאַטע?

— הא, ווער רעדט? זיין זוהן'ס אנבליק האָט לעדערער'ן אַרויסגענומען פון דעם „הינהער־פּלעט". עס איז געווען די שרעק פאַר'ן זוה'ן, וואָס האָט דעם אַלטען לעדערער געמאַכט וואך — גאָרנישט, געוואָלט זעהן, אויב איך געדענק נאָך די אַלטע מלאכה — האָט זיך דער אַלטער לעדערער פערענטפערט פאַר זיין זוהן, מיט אַ גוטען שמייכעל.

— געדענקסט נאָך, דו געדענקסט נאָך — זאָגט נאָך אַלץ מאָריס מיט דעם זעלבען שמייכעל און נעמט אָן דעם פאָטער אונטער'ן אָרעם און פיהרט איהם אַראָפּ פון שאַפּ, צו זיך אין אָפּיס אַריין.

— וואָס טהוסטו דאָ? דו ווייסט, וואָס דו טהוסט? —

האָט דער זוהן צו איהם געזאָגט. דו ביזט קראַנק. דו דאַרפסט זעהן אַ דאָקטאָר. פאָטער, איך הויב אָן צו צווייפלען, אויב דו ביזט ביי דיין ריכטיגען זינען.

— וואָס האָב איך אזעלכעס געטאָן ? — פאַרענטפערט זיך דער פאָטער — איך האָב געוואָלט זעהן, אויב איך קען נאָך גייהען. אפשר וועט עס מיר אויסקומען אַמאָל צו טאָן. אפשר וועט עס מיר נאָך אַמאָל צונוץ קומען. מ'איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענטש — זאָגט דער אַלטער גוטמוטיג, מיט א שמייכעל.

— פאָטער, וואָס רעדסטו ? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט ?

פאַר וואָס זאָל איך נישט וויסען ? איך בין נישט משוגע. האָב קיין מורא נישט. ניין, ניין. זאָל זיך דיר דאַכטען, אַז איך בין אַן אַרבייטער, אַ געוועהנליכער, פּראָסטער אַרבייטער, ווי אַהרן, ווי אַלע אַנדערע. איך בין דאָך אַמאָל געווען איינער פון זיי, פאַר וואָס קען איך דאָס נישט צוריק ווערען ?

— דו קענסט נישט זיין ווי איינער פון זיי. דו ביזט נישט ווי איינער פון זיי. דו ביזט אַ „באָס", אַ „באָס", נישט קיין אַרבייטער. פערשטאַנען ? איך מוז מיט דער מאַמען איבער־רעדען. עס איז די העכסטע צייט עפּעס צו טהון, אַז נישט, ווייסט גאָט, וואָס עס קען געשעהן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען, און אַריינגעזעצט דעם פאָ־טער אין אַן אויטאָמאָביל און איהם אַהיימגעשיקט, אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון די אָנגעשטעלטע.

די גאַנצע פאַמיליע איז באַלד געוואָר געוואָרען דערפון, וואָס עס איז געשעהן. דער זוהן האָט „אָנגעקלונגען" דער מו־טער, און די ווייב האָט עמפּפאַנגען לעדערער'ן ווי מען עמפּ־פאַנגט אַ שווער־קראַנקען :

— חיים, וואָס טוט זיך מיט דיר ? חיים, חיים !

דעמזעלבען אָוועגד איז געשעהן נאָך עפּעס שרעקליכערעס.

לעדערער האָט פאַרגעלעגט זיין פרוי, ווען זיי זענען געזע־סען אַליין אין עסצימער (די טאָכטער איז שוין אין גאַנצען גע־ווען ביים זוהן), אַז זיי זאָלען איבערלאָזען דאָס רייכע הויז און די קינדער, און אַליין געהן צוריק וואוינען אויף עסעקס סטריט, אָדער גאָרפאָלק סטריט, און זיך נעהמען צוריק צום אַלטען שניט לעבען.

— וואָס מיינסטו, איך פערשטעה דיך נישט! — האָט דאָס וויב געזאָגט, ווירקליך נישט פער'שטעהענדיג, וואָס ער מיינט מיט זיינע רייד.

— דו וועסט דאָך מיינען, אַז איך בין משוגע!... — האָט דער אַלטער לעדערער געזאָגט — אָבער, אַז דו וועסט זיך ארייג־טראַכטען אין מיינע רייד, וועסטו זעהן, אַז איך האָב רעכט. עס האָט מיר גענומען צייט, ביז איך האָב דאָס אויסגעפונען, און איך האָב עס גוט איבערגעקלערט, ביז איך בין געקומען צו דער אי־בערצייגונג, אַז מ'דאַרף דאָס טהון.

— וואָס אַזעלכעס?

— דערמאָן זיך דאָס לעבען, וואָס מיר האָבען געפיהרט אַמאָל אין דער אַלטער וואוינונג אויף גאָרפאָלק סטריט, ווען איך האָב געאַרבייט אין שאַפּ אַלס אַ געוועהנליכער אַרבייטער און דו ביזט געווען בעשעפטיגט אין דער היים. צווישען אונז איז דאָך דאַמאָלסט געווען אַ זיס לעבען, וואָס בעסער האָט שוין נישט גע־קאָנט זיין. מיר האָבען זיך ביידע ליעב געהאַט, מיר האָבען ליעב געהאַט די קינדער. מיר זענען געווען גערעכטע און עהרליכע מענ־שען. איך האָב שווער אויסגעאַרבייט מיין שטיקעל ברויט, און איך האָב געחלום'ט, צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע מענשען, וועגען אַ בעסערער און שעהנערער וועלט. איך האָב געהאַט אַ גרויסע האָפנונג אַ גלויבען האָב איך געהאַט, ווי יעדער עהרליכער מענש האָט עס. מיר איז זיס געווען דאָס לעבען. עס איז מיר זיס גע־ווען די אַרבייט. אַלעס האָב איך געהאַט. אַ גלויבען — דו פער־שטעסט? אַ גלויבען אין מענשען, אין דער וועלט. וואָס האָב איך

איצט, וואָס ? רייכע צימערען. צו וואָס, צו ווען ? ביי מיר איז הארצען איז פוסט, ווייל איך האָב מעהר קיין גלויבען נישט אין קיין זאַך. און איך בין אַן אַלטער מאַן. ווי לאַנג נאָך וועל איך לעבען ? עס איז שווער צו לעבען די לעצטע פאָר יאָהר, וואָס אַ מענש האָט, אָהן אַ גלויבען. דו פערשטעהסט מיך ? דורך דעם בין איך געווען אַזוי פערביטערט, אַזוי שלעכט צו דיר, צו די קינ־דער. דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, אַז איך בין שלעכט געווען ? איך ווייס, אַז איך האָב אייך פערביטערט דאָס לעבען. איך ווייס, נאָר איך האָב זיך נישט געקענט העלפען. דער צווייפעל האָט אַרויס־געשריען פון מיר. איך זעה דעם טויט פאַר מיינע אויגען, און איך האָב גאָרנישט, מיט וואָס איהם אנטקעגענצוגעהן. ווי נאָר מיט די פוסטע, רייכע צימערען דאָ און מיט'ן פעטען באַנק-ביכעל, וואָס איך לאָז איבער מיינע קינדער, און וואָס איך האָב אָנגעזאַמעלט דורך ליגען, דורך שלעכטקייט, דורך פרעמדער פראצע. איז דאָס געננג ? אַ פרומער איד האָט כאָטש אַ גלויבען אין אַ משיח, אין אַ צווייטער וועלט. אָבער וואָס האָב איך ? גאָרנישט ! גאָרנישט ? איצט פערשטעהסטו שוין מיין פערביטערטקייט ?

דאָס ווייב האָט איהם אויסגעהערט. זי האָט דערפיהלט, אַז עס טוט איהם עפּעס וועה. זי האָט דערפיהלט און דערהערט דעם געשריי, וואָס רייסט זיך פון איהם און זי האָט זיך גע־מיהט איהם צו פערשטעהן. דאָס אַלטע גוטע הארץ האָט זיך אָפּגערופען אין איר און ס'האָט זיך געדוכט, אַז פון אונטערן אַש פון רייכקייט ערוועקט זיך צוריק דער אַלטער פלאַם פון ליבע, וואָס האָט געלויכטען אין זייער אָרעמקייט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם אַרומגענו־מען מיט גרויס רחמנות און ליבע. טרערען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אַלטע אויגען, זיי האָבען צורונצעלט די געדיכטע פודער אויף איהר פנים.

— וואָס רעדסטו, חיים, וואָס הייסט, דו האָסט גאָר נישט? דו האָסט דאָך קינדער! געראָטענע קינדער, גאָט צו דאַנקען

וואָס פעהלט דיר, וואָס זוכסטו? דו האָסט דיין גאַנצען לעבען געאַרבייט שווער און ביטער. האָסט קיינעם נישט בע׳גנב׳עט, קיינעם נישט בעגזלט, און דו האָסט, גאָט צו דאַנקען, דיין שעהנעם נאָמען, דיין אויסקומען. וואָס ווילסטו? וואָס פעהלט דיר?

דער אַלטער לעדערער איז געבליבען זיצען און האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט געביסען זיין אויבערשטע, אָבגעגאָלטע, איצט האַלב־בעוואַקסענע ליפּ, און געקלערט און געשוויגען.

— אַלזאָ, וואָס ווילסטו טהון? זאָג מיר!

— איך וויל, אַז מיר זאָלען אַוועקגעהן פון דער היים, צוריקגעהן צום אַנדערען לעבען, וואָס מיר האָבען אַמאָל געהאַט.

— צו וועלכען לעבען?

— צום פּשוט׳ען, אָרעמען, אַרבייטער־לעבען.

— וואָס הייסט ארבייטער־לעבען?

— איך מיין, אַז מיר זאָלען וואוינען אויף נאָרפאָלק סטריט, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, אָדער נאָר זיך אַריבערציהען אין אַנ׳אַנדער שטאָדט, אויב די קינדער וועלען אונז דאָ נישט וועלען האָבען. דאָרטען וועט אונז קיינער נישט קענען. קיינער וועט נישט וויסען, ווער מיר זענען. מיר וועלען מיטנעמען אַ ביסעל געלט, מיר וועלען זיך אָרעם, אָבער בכבוד זיך איינריכטען. איך בין נאָך ביי מיינע כּוחות. דו ביזט נאָך ביי דיינע כּוחות.

— פאַר וואָס זאָלען מיר אַוועקגעהן? וואָס פעהלט אונז דאָ?

— וואָס מיר פעהלט? איך וויל אַרבייטען! — האָט דער אַלטער לעדערער אויסגעשריען אומגעדולדיג.

— ביי וואָס ווילסטו אַרבייטען? דו ווילסט צוריקגעהן אין די ביזנעס?

— ניין, איך וועל אַרבייטען ווי יעדער עהרליכער מענש אַרבייט. איך וויל צוריק ווערען אַ שניידער, אַן אָרעמער אַר־בייטער, אַן אָרעמער אַרבייטער־שניידער, ווי איך בין געווען אין אָנהויב, אַמאָל איידער איך האָב זיך גענומען צו די ביזנעס.

— וואָס האָסטו געזאָגט? אַן אַרבייטער? דו, חיים לע־דערער, ווילסט צוריק ווערען אַן אַרבייטער?

— יאָ, יאָ, יאָ! איך וויל צוריקגעהן אין שאַפּ. איך מוז צוריקגעהן אין שאַפּ, דו הערסט! איך מוז, איך מוז!

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? דו פערשטעהסט, וואָס דו רעדסט? דו ווילסט צוריק ווערען אַן אַרבייטער? ווילסט צוריק געהן אין שאַפּ. דו, חיים לעדערער. פון דער פירמע „לעדע־רער ענד סאָן״? דאָס גאַנצע לעבען האָסטו געאַרבייט, אַז דו זאָלסט אַרויס פון שאַפּ, און איצט, אַז דו ביזט שוין אַרויס, ווילסטו צוריקגעהן אין שאַפּ? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? דו ווייסט וואָס דאָס איז? דו ביזט קראַנק, מיין מאַן, און זעהר קראַנק. עס איז אַ בראָך אין אַ וועהטאָג נאָך מיינע יאָהר, איך ווייסט נישט וואָס איך זאָל טהון מיט דיר. איצט זעהען שוין אַלע איין, אַז דו ביזט קראַנק. אין דער פרי ביזטו אַוועקגע־גאַנגען אין דיין אייגענעם שאַפּ צווישען די אַרבייטער, און פערשוואַרצט און פערפּינסטערט אונזער פּנים. און איצט ווילסטו צוריק ווערען אַן אַרבייטער. ביזט קראַנק, חיים, זעהר קראַנק. איך וועל רופען די קינדער, אַ בראָך איז צו מיר!

XIV

שאַפּ־קראַנקהייט

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט דער אַלטער לעדערער געהאַט אַנ׳אומגעריכטען גאַסט, דעם דאָקטאָר זאַלקינד. אָבער צוזאַמען מיט איהם איז געקומען נאָך אַ דאָקטאָר...

ד״ר זאַלקינד איז געווען דער הויז־דאָקטאָר פון די לע־דערערס. לעדערער אַליין האָט איהם נישט איבריגענס גערן געהאַט, ווייל ער האָט דעם דאָקטאָר זאַלקינד געהאַלטען פאַר איינעם פון די „נייעסען“, וואָס זיין ווייב האָט איינגעפיהרט זינט זיי זענען רייך געוואָרען, פונקט אַזוי ווי ער האָט נישט גערן געהאַט דאָס נייע מעבעל און דעם גאַנצען טאַראַראַם, וואָס איז געוואָרען אין הויז. נאָר דאָקטאָר זאַלקינד איז שטענ־דיג געווען זעהר ליבענסווירדיג. און שטענדיג שמייכלענדיג, און שטענדיג אין גוטען הומאָר, אַזוי, אַז מען האָט נישט גע־קענט אויף איהם ברוגז׳ן. און אפילו ווען מען האָט זיך יאָ גע׳ברוגז׳ט, האָט עס אויך נישט אויסגעמאַכט, ווייל ד״ר זאַלקינד האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט, און איז ווידער געווען דערזעלבער גוטער, ליבער, שמייכלענדיגער דאָקטאָר זאַלקינד, פונקט ווי אַ קאַץ, וואָס ווי אַזוי מען וואַרפט זי נישט, פאַלט זי אויף די פיס.

צוערשט האָט איהם דער אַלטער לעדערער גאָרנישט גע־וואָלט אַריינלאָזען צו זיך. אָן מען האָט איהם געזאָגט, אַז דאָקטאָר זאַלקינד, ווייל איהם זעהן (און געזאָגט האָט דאָס

איהם זיין ווייב מיט אזוי פיעל מיטלייד, ווי מען ווייזט נאָר ארויס צו אַ געפעהרליכען קראַנקען), איז ער געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געסטראַשעט, אז ער וועט איהם אַרויסוואַרפען. נאָר באַלד האָט ער זיך איינגעשטילט, געלאָשען זיין כעס און זיך געטראַכט: „אפשר מיינען זיי טאַקע, אַז איך בין משוגע״. ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען צו איהם און אַרויפגעצוואונגען אַ שמייכעל אויף זיין פנים, וואָס ער האָט געקענט נאָך פון זיין ביזנעס-צייט.

— וואָס, איהר זענט טאַקי געקומען זעהן, אויב איך בין ביים גלייכען שכל? ביטע זעהר! אדרבא, איבערצייגט זיך, — האָט ער געזאָגט צום דאָקטאָר.

— וואָס רעדט איהר, מיסטער לעדערער? פאַרוואָס ווילט איהר מיר בעליידיגען? איך האָב אייך קיין שלעכטס נישט גע-טהון. אדרבה איך בין געווען ביי אייער פרוי בעקוקען איהר מילץ, האָט זי מיר געבעטען, אַז איך זאָל געבען אַ קוק אַריין צו אייך. און גלאַט אזוי וויל איך וויסען, ווי עס געהט אייך, ווי איהר פיהלט זיך זינט איהר זענט אַרויס פון די ביז-נעס, ווי עס ווירקט אויף אייער לעבען דאָס לעדיג-אַרומגעהן?

לעדערער האָט זיך געזעצט און נאָך איהם — דאָקטאָר זאַלקינד. דאָקטאָר זאַלקינד האָט גענומען דעם אַלטען׳ס האַנד אין זיינע און גערעדט ווי צו זיך:

— יעדער מענש איז קראַנק, מר. לעדערער, און יעדער מענש איז געזונד. אַ מענש נאָך פערציג, קריגט אין זיין גוף אריין געוויסע סמ׳ען. איהר ווייסט עס פונקט אַזוי ווי איך. נאָר איך וויל נישט איצט רעדען וועגען דעם. — ווי געהט עס אייך? ווי בעקומט אייך דאָס לעדיג געהן? איך האָב מורא, אַז דאָס לעדיג געהן בעקומט אייך נישט גוט. איהר האָט נאָך צופיל ענערגיע אין זיך, מר. לעדערער. און ענערגיע פער-לאַנגט אַקציע, דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אייער זוהן. אפשר צו־פרי געווען אייער בעשלוס אַוועקצוגעהן פון די ביזנעס. א

רייזע, אַ לאַנגע רייזע וואָלט אייך גוט געטהון. עס וואָלט בעשעפטיגט אייער פאָרשטעלונגס־קראַפט, אייער ענערגיע אייער שכל, וועלכע זענען שטענדיג געוואוינט געווען צו אַרבייטען. וואָרים, דעם מענשענ׳ס מאשין, זעהט איהר, איז פונקט אַזוי ווי יעדע אַנדערע מאַשין. פונקט אזוי ווי יעדע אַנדערע מאשין מוז שטענדיג זיין אין בעוועגונג, אַז נישט ווערט זי פערזשאַווערט, אַזוי איז דעם מענשענ׳ס מאַשין, האָב איך נישט רעכט, קאָלעגע דאָקטאָר פליישמאַן? מיר זענען געווען צוזאַמען איצט אויף אַ קאָנסיליום ביי אַ קימפעטאָרין, זעהר א שווערע קימפעטאָרין. איך האָב איהם מיטגענומען אין מיין אויטאָמאָביל. איז ער מיט מיר אָבגעטרעטען דאָ ביי אייך — איהר האָט דאָך גאָרנישט געגען דעם?

דער דאָקטאָר פליישמאַן, ווי דאָקטאָר זאַלקינד האָט איהם פאָרגעשטעלט, האָט גאָרנישט גערעדט און גאָרנישט אָבגעענטפערט. ער האָט נאָר געהאַלטען אין איין בעטראַכטען מיסטער לעדערערען, זעהר ערנסט און טיעף אויפמערקזאַם האָט ער זיך צוגעקוקט, מיט זיינע טיפע, שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט דורך זיינע ברילען, אויף אַלע לעדערער׳ס בעוועגונג, אויף זיין רעדען און טהון.

— אַזוי, און איהר זענט מיר גאָרנישט געקומען בעטראַכטען, צי איך בין ביים גלייכען שכל, צי נישט? —ווענדעט ער זיך צום ברונעטען, שוואַרצען, שווייגענדיגען דאָקטאָר.

דער שווייגענדיגער דאָקטאָר האָט איהם גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געלאָזט לעדערער׳ן רעדען. נאָר זאַלקינד האָט זיך בעליידיגט.

— מיסטער לעדערער, וואָס רעדט איהר? איהר בעליידיגט אונז. זאָגט מיר, איך בעט אייך, זעהט איהר נישט אַמאָל דינגען פאַר אייערע אויגען? — שעמט אייך נישט, דאָס נעהמט זיך פון די נירוען.

* * *

שפעטער, אין קליינעם שפייזע־זאַל, וואו די פאַמיליע איז געווען פערזאַמעלט: דאָס פערוויינטע ווייב,ביידע זיהן, די טאָכטער — האָט דאָקטאָר זאַלקינד אָבגעגעבען אַ בעריכט פון זיין בעאָבאַכטען דעם אַלטען׳ס קראַנקהייט.

— קראַנק איז ער נאָך נישט. די ערשטע סימפּטאָמען בעווייזען זיך. די קראַנקהייט האַלט ביי דער ערשטער סטאַדיע. צוערשט אַרבייט די איינבילדונגס־קראַפט, און דערנאָך ענטוויקעלט זיך דער פערפאָלגונגס־וואַהנזין. און דאָס נעמט זיך פון פיעל אַרבייטען. מיר האָבען עס אָפט אין אונזער פּראַקטיק. די נערוועןּ, דער מח, דער שכל — אַלע מענשליכע קרעפטען זענען געוועהנט צו אַרבייטען, טאָג־איין טאָג־אויס, און מיט אַמאָל האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. שפּייזען זיי זיך מיט אנדערע קרעפטען: מיט פאַנטאַזיעס און איינבילדונגען.

— אָבער דאָס, וואָס ער וויל צוריק געהן אין שאַפּ? דאָס, וואָס ער רעדט וועגען ארבייטען צוריק אין שאַפּ! — האָט דאָס ווייב געפרעגט.

— דאָס איז טאקע, וואָס איך מיין, — ערקלערט פאַר זיי דאָקטאָר זאַלקינד. — עס ענטוויקעלט זיך אין אַמעריקא אַ נייע קרענק. מען קען זי אָנרופען די „שאַפּ־קראַנקהייט״. אַזוי ווי די היימאַטס־קראַנקהייט. און זי דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס מענשען, וועלכע האָבען זייער לעבען לאַנג אָבגעלעבט אין אַ שאַפּ, אַלץ איינס, צי אַלס אַרבייטער צי אַלס באַסעס, אָדער אין ביידע ראָלען; נישט קיין חילוק אין וואָס פאַר אַ ביזנעס — קענען נישט פּטור ווערען פון שאַפּ. אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ שאַפּ דאָס זאָל נישט זיין. אפילו, אַז זיי האָבען שוין אָנגעזאַמעלט געלד, זיי זענען שוין רייך געוואָרען און קענען זיך פערגינען צו לעבען אויסער דעם שאַפּ; אָדער ביי אָרימע אַרבייטער, ווען קינדער ווילען זיי פערזאָרגען — עס העלפט נישט. עס בענקט זיך צוריק אין שאַפּ אַריין. דער שאַפּ ציהט זיי צו זיך, ווי עפּעס אַ מאגנעט, ווי א כישוף. זיי קענען פּשוט נישט

אַברוהען. צו־לאַנג אָבגעזעסען אין שאַפּ, אז זיי זאָלען קענען אויסלעבען די יאָהרען אָהן איהם.

— אפשר איז דער פּאַטער צו־פריה אוועק פון דער אַר־בייט? נאָך צופיל ענערגיע געהאַט? — פרעגט דער זוהן.

דאָס איז נישט קיין חילוק — זאָגט דער דאָקטאָר. — מיר האָבען אין אונזער פּראַקטיק פאַלען פון מענשען, וואָס האָ־בען נאָך געהאַט אַ האַלב יאָהר צו לעבען, און דאָס מיט קראַנ־קע לונגען, מיט קראַנקע הערצער, לויפען צוריק, די לעצטע פּאָר טעג צו דערציהען אין שאַפּ. נישט קיין חלוק, חען ער וואָלט אוועקגעגאַנגען פון שאַפּ — ער וואָלט אַלץ צוריקגעגאַנ־גען צו איהם...

— און וואָס איז דאָ צו טהון?

— גאָרנישט. פּאָרלויפיג, אָבוואַרטען און אָבהיטען. די קראַנקהייט איז נישט געפעהרליך.

* *
*

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער אַלטער לעדערער פער־שוואונדען געוואָרען פון דער היים. ער איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַ־צירען און איז פּשוט נישט מעהר אַהיים געקומען.

קיין זאַכען האָט ער נישט געהאַט ביי זיך. קיין געלד אויך נישט, העכסטענס אַ פּאָר דאָלאַר. און כאָטש אין דער באַנק איז געלעגען אויף זיין נאָמען אַ בעדייטענדע סומע געלד, איז קיינמאָל אין דער באַנק זיינס אַ טשעק נישט געטוישט גע־וואָרען.

דעטעקטיוו׳ס האָבען אַלע שאַפּען אין ניו־יאָרק און אַרום ניו־יאָרק אויסגעגנישטערט און מען האָט איהם נישט געפונען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז אָנגעקומ׳ען מעלדונגען, אַז מען האָט איהם געזעהן, דעם אַלטען לעדערער, אין אַ העמדער־שאַפּ אין באָסטאָן. מען איז אַהין געפאָהרען זוכען — מען האָט איהם נישט געפונען, מען האָט איהם פערביטען מיט אַן אַנדער

אַלטען אידען. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון פילאַ־
דעלפיא — און ס'האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען אַלס אַ טעות.
ס'איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים און מען האָט איהם נישט
געפונען. האָט זיך די פאַמיליע ברוהיגט און אויפגעהערט
איהם צו זוכען.

די קינדער דערמאָהנען איהם קיינמאָל נישט. דאָס ווייב—
אַמאָל מיט אַ טרעהר, אַמאָל מיט אַ קרעכץ. נאָר קיינמאָל נישט
מעהר. ווי אַ לעבעדיגען מענשען — נאָר ווי אַ טויטען...

ע נ ד ע

אינהאַלט:

	זייט
זיים לעדערערס קאַריערע — —	3
טלאָפּלאָזע נעכט — — — —	20
אַ צושטערטער אָנבייסן — — —	34
„רוקענס״ — — — — — —	48
דער וואָלף און זיין הויט — —	59
אַ ביסל חשבון הנפש — — —	69
אַ פּאַרנעמער וויזיט — — — —	79
אומגעוואָרפן דעם טאָפּ — — —	87
מוסר פון אַ קינד — — — —	96
בענקשאַפט נאָכן געוועזענעם לעבן —	100
די געבורט פון אַן אידעע — —	115
די נייע פרייד — — — — —	127
אַ ווידוי פון אַן אַלטן מאַן — —	135
שאַפ־קראַנקייט — — — — —	145